STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07896

MAYN HOB UN GOB

Meyer Ziml Tkatch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07896-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657078966T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מאיר זימל טקאטש
מיין האָב און גאָב

ערשטער באַנד

מאיר זימל טקאַטש

מיין האָב און גאָב

געזאמלטע פערזן

ערשטער באַנד

פארלאג י. ל. פרץ
ישראל
1962

„MAIN HOB UN GOB"
(My Possession and Gift)
Collected Verses
First Volume
By MEYER ZIML TKATCH

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

מאיר זימל טקאַטש / מיין האָב און גאָב

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל, 1962
Printed in Israel

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

נחס תיבה

משלים און מעשיות

1942

פאַרן כבוד פון דער פאַבל

די פאַבל, — דאָס מעשהלע מיט אַ מאָראַל, דאָס מעשהלע וועגן חיות אָדער זאַכן פון דער ניט־לעבעדיקער וועלט, — איז אַן אַלטע פאָרעם פון ליטעראַטור. אַזוי אַלט, אַז פאַר דעם מאָדערנעם פיינשמעקער איז זי שוין אַלטמאָדיש און פאַבלהאַפט. פאַר דעם סאָפיסטיצירטן פיינשמעקער, דעם גרויסשטאָטישן, דעם אויסגעוואָרצלטן פון דער מאַמע־ערד, — פאַר אים, דעם אומנאַטירלעכן אַליין, קלינגט אומנאַטירלעך, ווען אַ שטומע חיה רעדט מיטן לשון פון מענטשן, ווען אַ טויטער קעגנשטאַנד האַנדלט ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש.

אָבער אַמאָל, ווען מענטשן האָבן געלעבט נאָענט צו דער נאַטור אין קאָנטאַקט מיט חיות און זייער פאַנטאַזיע איז געווען רייך ווי ביי קינדער, האָבן זיי שמועסן געפירט מיט די חיות ווי מיט זייער גלייכן, האָבן זיי גערעדט צו דיביימער און די שטיינער און געהאַט די אילוזיע, אַז יענע ענטפערן זיי.

ווער ס׳האָט געזען, ווי אַ פויער רעדט צו זיין פערד אָדער קו; ווי אַ קליין מיידעלע שפּילט זיך מיט איר ליאַלקע און רעדט צו איר און ענטפערט זיך אַליין אין נאָמען פון דער ליאַלקע, — דער וועט פאַרשטיין ווי נאַטירלעך און ניט פאַבלהאַפט עס איז די פאַבל.

ציט טאַקע די פאַבל איר יחוס נאָך פון די אַלטע צייטן, ווען מענטש איז ניט אַלט, נאָר יונג געווען; ניט פיינשמעקעריש — קינסטלעך, נאָר קינסטלעריש רייך אין פאַנטאַזיע און מיט פרישע ניט פאַרדאָרבענע חושים.

דער נאַטור־מענטש האָט געזען אין דער חיה אַ וועזן מיט אַ כאַראַק־טער, פונקט ווי ער אַליין; געזען באַשיינפערלעך, ווי איין חיה איז שלוי און אַ צווייטע — נאַריש; ווי איינע איז פחדניש און אַ צווייטע — אכזריותדיק, פונקט ווי זיינע מיט־מענטשן, און אַז דער מענטש איז ניט מער פון דער בהמה, ווי עס שטייט געשריבן: „ומותר האדם מן הבהמה אין״.

אַזוי האָט ער אויך אין צמחים און דוממים, אין די זאַכן פון דער ניט־לעבעדיקער וועלט, געזען אַן ענלעכקייט צו זיך: — ווי אַזוי גראָד דער פרוכטלאָזער דאָרנבוים איז ביי זיך חוצפהדיק — שטעכעדיק; ווי אַזוי די פוסטע פאַס מאַכט אַן אַ טומל, פונקט ווי מענטשן — ס׳זאָל פעלן אַ האָר.

אָבער זיך צופֿרידן־שטעלן מיט דער חיהשער מדרגה צי מיט דעם גולמדיקן צושטאַנד פֿון די ניט־לעבעדיקע זאַכן — האָט מענטש ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. ניט אומזיסט איז ער געבענטשט (און אפֿשר — פֿאַרשאָלטן) מיט קריטישן פֿאַרשטאַנד. ווייזט אויס, אַז דער מענטש איז סוף־כל־סוף מער פֿון דער בהמה. האָט ער פֿון דער חיה און פֿון דעם דאָרן געלערנט זיך צו זיין אַנדערש פֿון זיי, בעסער פֿון זיי. האָט ער מעשהלעך וועגן חיות און זאַכן פֿאַרפֿאַסט און געלערנט דעם מוסר־השכל: — אַזוי זיינען חיות און זאַכן; מענטשן דאַרפֿן זיין אַנדערש — בעסער.

אין דעם ווילן פֿון מענטשן צו זיין אַנדערש פֿון דער חיה, בעסער — זע איך דעם בראשית פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, זע איך די האָפֿענונג אויף אַ צוקונפֿטיקן בעסערן מענטשן, ווי אויך די אייביקע טראַגעדיע, דעם אייביקן קאַמף אין מענטשן צווישן אָט דעם ווילן צו זיין בעסער פֿון דער חיה און דער חיה אין אים אַליין.

געקוקט פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט, איז די פֿאַבל אי זייער אַלט, אי נאָך גאָר יונג, וואָרן דער מענטש מיט זיין ווילן צו זיין בעסער פֿון דער חיה איז צו ווייט פֿון איר נאָך ניט אַוועק. דער מהלך איז נאָך אַ היפּש ווייטער, האָט די פֿאַבל איר צייט נאָך ניט אָפּגעלעבט.

* * *

דערפֿון וואָס די פֿאַבל איז אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז זי מוז לויט איר מהות זיין טרוקן־דידאַקטיש. פֿאַרקערט — דער צוועק פֿון דער פֿאַבל איז דאָך אַנצוטאָן אין פֿלייש און בלוט די אַבסטראַקטע מאָראַל, צו געבן איר בולטע געשטאַלטונג, אַז זי זאָל איבערצייגן און ווירקן.

צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק דאַרף דער פֿאַבל־דיכטער באַזיצן מער טאַלאַנט פֿון דעם לירישן פּאָעט, וואָס זינגט בלויז סאָלאָ מיט דער אייגענער שטים. דער פֿאַבל־דיכטער אָבער זינגט מיט אַלע פֿאַרשיידענע שטימעס פֿון אַ כאָר. ווען ער זינגט מעשה פֿייגעלע, קרייעט ער ניט ווי אַ האָן; ווען ער בעט רחמימדיק מעשה לעמעלע, וואָיעט ער ניט מיטן קול פֿון אַ וואָלף.

דער פֿאַבל־דיכטער איז אַ געשטאַלטער פֿון אַ סך כאַראַקטער־ראָלעס, וואָרן די פֿאַבל איז אַ דראַמע אין מיניאַטור. אָבער ווי מיניאַטור־מעסיק די פֿאַבל־דראַמע זאָל ניט זיין, איז זי אין זיך כולל אין אַ האַרמאָנישער פּראָפּאָרציע אַלע פֿאָרמען פֿון וואָרטקונסט און וואָרט־קענטשאַפֿט: ליד און דערציילונג און פֿעליעטאָן, טראַגעדיע און קאָמעדיע, פּסיכאָלאָגיע און פֿילאָסאָפֿיע.

ניט אומזיסט האָבן מיר אַזוי ווייניק פאַבל־דיכטער, און נאָך ווייניקער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קונסט. און נעמען מיר אין באַטראַכט די פאַבל־דיכטער מיט אַ וועלט־באַרימטקייט, — וויפל זיינען זיי דאָ? מען קאָן זיי דאָך איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט און עס וועט נאָך בלייבן אַ פינגער צי צוויי ניט געציילט.

שוין מחמת יקר־המציאות אַליין וואָלט די פאַבל באַדאַרפט טייער געשעצט ווערן. איך בין חושד, אַז דעם פיינשמעקערס גרינגשעצונג בנוגע דער פאַבל וואָרצלט אין פינצטערן באָדן פון אונטער־באַוווסטזיניקער קנאה, וואָס איז אַזוי טרעפלעך אויסגעדריקט געוואָרן אין דער פאַבל וועגן דעם פוקס און די ווייִנטרויבן.

יאָ, די פאַבל איז לויט איר מהות טענדענציעז, אָבער זי דערהייבט די טענדענץ צו קונסט, ווי יעדע גוטע קינסטלערישע ליטעראַטור, אייגנטלעך — טענדענציעז איז ניט דער משל, נאָר דער מוסר־השכל. אַ גוטע פאַבל איז פאַר זיך אַליין שיין און אינטערעסאַנט, אָבער אויך די טענדענציעזע מאָראַל, וואָס צום סוף, איז ניט קיין פינפטער ראָד צום וואָגן, נאָר אַן אומיטלבאַרער קלימאַקס פון דעם ספור־המעשה.

און גראָד דערפאַר, וואָס מענטשן האָבן ניט ליב צו הערן מוסר, מוז די פאַבל זיין אינטערעסאַנט, — זי מוז האָבן דעם האָניק צו פאַרזיסן די ביטערע ווערעמקרויט, וואָס קינדער — קליינע ווי גרויסע — מוזן אַיננעמען פון זייער געזונטס וועגן.

ניט אומזיסט האָבן זיך מיט משלים באַנוצט די נביאים איידער זיי האָבן אַרויסגערעדט די גאַליקע שטראָפרייד, — מיטן רוח־הקודש האָבן זיי פאַרשטאַנען די פסיכאָלאָגיע פון די זינדיקע מענטשן ניט ערגער פון די מאָדערנע פרוידיאַנער.

און אַז די פאַבל האָט אין זיך די זיסע דערקוויקנדיקע זאַפטן, באַווייזן די אגדתות אין תלמוד, פון וועלכע גמרא־יינגלעך, פאַרשמאַכטע פון טרוקענעם פלפול און דידאַקטישער גוזעצגעבונג, האָבן אַזוי דאָרשטיק געטרונקען.

* * *

וואָס איז שייך דעם פאַבוליסט אַליין, וועמען בדרך־כלל מען רופט ניט מיטן פאָעטישן טיטול „פאַבל־דיכטער“, נאָר מיטן פראָזאַאישן נאָמען „פאַבל־שרייבער“, — איז אַ טעות צו מיינען, אַז ער איז הויפּטזאַכלעך אַ מאָראַל־פּרעדיקער, נאָר מיט אַ שמץ פאַנטאַזיע.

דער אויבערפלעכלעכער איינדרוק איז, אַז דער משל איז פאַר אים דער טפל און דער מוסר־השכל — דער עיקר, אַז דאָס מעשהלע טראַכט

ער נאָר אויס כדי צו אילוסטרירן אַ געדאַנק. ווען אַזוי אַפילו וואָלט עס געווען, וואָלט דעם פֿאַבוליסט סיי־ווי געקומען די אָנערקענונג פֿאַר זיין אומגעהויערן דערפינדערישן כוח־הדמיון.

אָבער ער פֿאַרמאָגט ניט אַזאַ אומגעהייערע עשירות — אַ משל פֿאַר יעדן געדאַנק. ער איז אין די הענט ביי דער מוזע, ווי יעדער דיכטער, און, אויב זי באַוויליקט אים ניט פֿון איר גנאַד, רוט ניט אויף אים דער רוח־הקודש, געפֿינט ער ניט דעם משל פֿאַר זיין געדאַנק, ווי דער ניט־אינספּירירטער ליריקער געפֿינט ניט דאָס פּאַסיקע וואָרט אויסצודריקן זיין געפֿיל.

און אַזוי ווי פֿאַר דעם לירישן פּאָעט איז וויכטיקער דאָס ליד, ווי די איבערלעבונג, אַזוי איז פֿאַר דעם פֿאַבל־דיכטער די פֿאַבל וויכטיקער פֿון דער מאָראַל.

ועל־כולם — ס'איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע: צי דער געדאַנק רופֿט אַרויס די פֿאַבל, צי גאָר דער משל רופֿט אַרויס דעם נמשל?

דער פֿאַבוליסט איז אַ דיכטער לשמה, ווי יעדער אמתער דיכטער.

(1943)

משלים

אין דער תיבה

(פּאָרוואָרט)

איך זאַמל מיינע חיות אַיין
צו ראַטעווען פון מבול.
אַ צווייטער נח וועל איך זיין,
מיין תיבה איז די פּאַבל.

איך זע די כוואַליעס דורך מיין שויב,
איך הער די ווינטן ברומען.
איך האָב אַרויסגעשיקט די טויב,
איז זי צוריק געקומען.

איך וועל זי שיקן נאָך און נאָך,
ביז ברענגען וועט זי ענדלעך
אַ ביטער בלאַט פון אונדזער בראָך,
פון אונדזער דזשונגל — שפּענדלעך.

דערווייל ביז צו אַ וויסטן ברעג
מיין תיבה וועט דערשווימען,
אַ צירק דרעסיר איך אויס אין וועג
די מענטשן נאָכצוקרימען.

וועט זיין אַ שיינע קינדערשפּיל,
אַ קינדערשפּיל און מערער —
דער מענטש וועט לערנען זייער פיל
פון חיות — זיינע לערער.

דער האָן און די מויז

אין קאַמער אַן אַ פענצטער, אין אַ שטייג — אַ קאַרצער
איז דער געשטאָפּטער האָן געזעסן,
געטרונקען און געגעסן
און זיך געוואָרגן מיט דער זעט דער שוואַרצער.
דאָך יעדן אין דער פרי, אָן וועלכן סימן
די מאָרגן-שטונדע צו באַשטימען,
ווייל אין געפענגעניש פאַרמאַכט,
איז תמיד פאַר דעם האָן געווען ביינאַכט, —
דאָך יעדן אין דער פרי
האָט גלייך ווי פון אַ ברי
זיך אויפגעכאַפּט דער לעבעדיקער זייגער,
געשלאָגן מיט די פליגלען לויט זיין שטייגער,
געקרייט און אָנגעזאָגט:
— קו-קו-רע-קו, עס טאָגט! —
— וואָס מאַכט דיר אוים, וואָס גייט דיר אָן, —
האָט פון איר לאָך די מויז געפרעגט דעם האָן:
אַז דיר איז פינצטער — שפּעט צי פרי? —
— עס מאַכט שוין אוים און ווי! —
געענטפערט האָט דער האָן דער מויז:
אפילו אין אַ פינצטער הויז,
פון וויסן בלויז,
אַז אויף דער וועלט איז דאָ נאָך ליכט,
איז שוין דער חושך ניט אַזוי געדיכט. —

די שפּין און די בין

די שפּין
האָט אײדל, דין,
אַ אָפן, אַ באַהאַלטן,
סימעטריש-אויסגעהאַלטן,
געדולדיק און געשיקט
איר שפּינוועב אויסגעשטריקט.
און פון איר ווערק באַגײַסטערט,
האָט צו דער בין
געזאָגט די שפּין:
— אָט האָב איך אויך מײַן שפּינוועב אויסגעמײַסטערט
מיט קינסטלערישן חן,
ווי דו דײַן סטעלניק מײַסטערסט אויס
אַ צוועקמעסיק אַ שײַן. —
— דײַן מײַסטערשאַפט איז גרויס,
נאָר ווײ איז צו דײַן בײזן צוועק! —
געענטפערט האָט די בין אין שרעק:
פאַר זיסן האָניק איז די שאַפונג מײַנע
אַ שײנע כּלי,
נאָר פאַר דײַן גזילה
איז בלויז אַ נעץ דײַן ווערק, דאָס פײַנע. —

דער מאַראַנץ און די לימענע

— וואָס מאַכסטו, לימענע? זעסט אויס מיר געל, —
האָט הער מאַראַנץ באַגריסט די זויערע מאַמזעל.
— ניט רוף מיך ל י מ ע נ ע, מײַן נאָמען איז צ י ט ר י ן! —
איז פון פאַרדראָס די געלבע
געוואָרן גרין.
— פאַרדאָן, כ'באַדויער,
נאָר ס'מײנט דאָס זעלבע, —
און הער מאַראַנץ האָט דאָס דערקלערט גענויער:
דער שײנער נאָמען מאַכט ניט זיס פון זויער. —

דער קאַנאַריק און דער ראָב

דער ראָב, וואָס קראָקעט, לעבט דריי הונדערט יאָרן לאַנג;
ניט לאַנג לעבט דער קאַנאַריק, אָבער מיט געזאַנג.

— — —

דער גאָלדענער קאַנאַריק, ווי אים וואָלט
די זון געטובלט אין איר גאָלד
און מיט איר שיין אים אָנגעטרונקען,
האָט זוניק פון זיין פולן האַרץ
די לעבנספרייד אַרויסגעזונגען.
— עס איז דיר פריילעך? —
האָט זיך דער ראָב צעקראָקעט שוואַרץ,
ווי ס'איז זיין שוואַרצער הילוך:
אַ גדולה, שטאַרבער,
וואָס ס'האָט די מאַמע דיך געהאַט
צו ציטערן אין טויטשרעק ווי אַ בלאַט
פאַר יעגער, קאַץ און שפּאַרבער,
ווייל קיינער איז ניט זיכער מיטן חיות.
ניט זינגען, — שילטן דאַרף מען דעם געבוירנטאָג.
מיין גאַנצן לעבן גיי איך אויף לוויות,
איז וויים איך וואָס איך זאָג. —
— איך פריי זיך מיט דער חיי־שעה, —
האָט דער קאַנאַריק אויסגעזונגען צו דעם ראָב
און אים דערלאַנגט אַ גאָב:
נאָר דו, פאַר וועמען ס'איז קיין טרייסט ניטאָ,
ווייל ס'גאַנצע לעבן דיינס איז איין לוויה
(כאָטש מיטן פלייש פון מתים ביסטו זיך מחיה) —
דו זאָג מיר נאָר, מיר איז ניט קלאָר,
ווי ס'לעבט אַריין אַ שוואַרצזעער דריי הונדערט יאָר? —

פעגאס און די פערד

פעגאַס,
דאָס פליענדיקע פערד
פון באַרג פאַרנאַס,
האָט צו די ברידער זיינע אויף דער ערד,
די איינגעשפּאַנטע אין דעם וואָגן,
געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
— ווי קאָן איך זאָרגלאָז אין די הימלען שוועבן,
ווען שווער איז אייער ערדיש לעבן?
איך וועל מיט אייך זיך מיען,
צוזאַמען גיין אין שפּאַן, די ליאַמקע ציען. —
און אָנטאָן זיך געלאָזט דעם כאָמוט און די דוהע,
איז גרייט געווען פעגאַס צו שלעפּן די בענדוהע;
נאָר, אַ געבוירענער מיט פרייע פליגלען,
האָט ער מיט זיי גענומען פאָכען, שלאָגן
אין די האָלאָבליעס פון דעם וואָגן
און האָט צעבראָכן זיינע תפיסה־ריגלען.
— וואָס טוט מען מיט פעגאַסן? —
פאַרזאַמלטע אין מאַסן,
געשאָקלט האָבן מיט די קעפּ די פערד,
געגראָבן מיט די פיס די ערד,
געזוכט אַן עצה טאָג און נאַכט
און ענדלעך זיך דערטראַכט:
— חיות ווי ס'איז פעגאַס
אַ גרויס געווינס פאַר אונדזער קלאַס
און אים פאַרלירן וויל ניט קיינער;
היות די פליגלען לאָזן ניט פעגאַסן
אין די האָלאָבליעס זיך אַריינצופּאַסן, —
דערפאַר באַשליסן מיר ווי איינער:
די פליגל זיינע אָפּצובייסן מיט די ציינער. —

דער אינדיק און דער שטרויס

דער אינדיק מיטן קראָפּ,
וואָס פון זיין שטערן הענגט אַראָפּ,
האָט זיך געגרייסט, פון זיך געבלאָזן
און האָט געהאָלדערט מיט ירגזון:
— רעספּעקט, גיט כבוד אָפּ!
איך בין אַ קיניג, כ׳טראָג אַ קרוין. —
— איך זע זי ניט דיין קרוין, געשוואָלענער פּאַרשוין, —
האָט אים געזאָגט דער שטרויס,
וואָס גרייסט זיך ניט, כאָטש ער אין וואוקס איז גרויס:
איך זע נאָר ווי פּאַר דיינע אויגן פונעם שטערן
אַ שטיקל ווילדפלייש, רויט ווי צונטער
הענגט איבעריק אַרונטער
ווי ניט צו דיר וואָלט דאָס געהערן. —
האָט אָנגעצונדן זיך דער אינדיק ווי אַ פלאַם:
— אומוויסנדיקער כאַם!
דאָס איז מיין קרוין ווי ביי דעם האָן זיין קאַם. —
— פון שטערן הענגט אַ קרוין אַראָפּ?
איך האַלט ניט אויס, —
האָט זיך געוואונדערט און געלאַכט דער שטרויס:
אַ קרוין דאַרף זיצן אויבן אויפן קאָפּ. —
— איך טראָג די קרוין פּאַר מיינע אויגן, —
געענטפערט האָט דער אינדיק אָנגעצויגן:
איך זאָל אין איר זיך שפּיגלען פרי און שפּעט,
שטאָלצירן וואָס איך בין אַ מאַיעסטעט. —
— דו עגאָטיסט, צי ווייסטו וואָס דו האָסט געטאָן? —
געענטפערט האָט דער שטרויס דעם קיניג אָן אַ טראָן:
האָסט מיט דיין ק ר ו י ן די אויגן זיך פאַרשטעלט
און קליין און פינצטער זיך געמאַכט די וועלט. —

דער נאַכטיגאַל און דער שפּערל

דער נאַכטיגאַל — ביינאַכט אַ בלויער,
ביימאָג אַ גרויער —
האָט אין פרימאָרגן מיט אַ זשעדנע אויגל
געזוכט חיונה, ווי אַ יעדער פויגל,
און האָט אַ וואָרעם איינגעשלונגען
אין זעלבן האַלדז, וואָס האָט געזונגען.
דערפון געטראָפן און שאָקירט,
כאָטש ער אַליין האָט ווערעם ניט בראַקירט,
האָט אָנגערופן זיך דער שפּערל,
דער פּראָסטער קערל:
— אַז ווי צו מיינע אויגן, וואָס ס'איז זיי באַשערט
צו זען דיין פאַל פון הימל אויף דער ערד!
ווען זינגען האָב איך דיך ביינאַכט געהערט,
האָב איך געגלייבט — אַ מלאך איז מיין זינגער.
צום סוף, אוי ווי איז מיר און ווינד,
איך האָב פאַרגעטערט בלינד
אַ ווערעם-שלינגער! —
— אומזיסט אין דיינע אויגן פאַל איך, —
באַדויערט האָט דער נאַכטיגאַל:
איך בין אַ זינגער, ניט קיין מלאך,
פון אַלע ברואים ניט קיין יוצא-מן-הכלל.
איך האָב אַ שטים, נאָר אויך געדערעם;
קיין מן פון הימל פאַלט ניט, עס איך ווערעם. —

די אָנגעטראָטענע קאַץ

די קאַץ, די באָרוועסע, די אָנגעטראָטענע,
האָט אין איר שרעק אויף שטעגן זייטיקע געהונקען.
— וואָסי׳, געראָטענע,
אַ פוס זיך אויסגעלונקען? —
האָט זי דער פוקס געפרעגט, דערשראָקן זי אויף טויט,
ווען ער איז אויסגעוואָקסן פון דער העלער הויט.
— אַך, דאָס ביסטו! איך בין דיר גערן, —
האָט אויסגעגלייכט צוריק די קאַץ דעם רוקן
און אויפגעהערט צו צוקן:
געמיינט — אַ מענטש, וואָס האָט אַ פוס אַ שווערן.
ווייל איך האָב זיך ניט אויסגעלונקען, חס-חלילה;
דאָס האָט דער מענטש, דער האַרטער, וואָס ער איז,
מיר אָנגעטראָטן, ניט באַמערקט אַפילו,
ווי כ׳האָב געלאַסטשעט זיך צו זיינע פיס. —
— וואוהין-זשע גייט אַ קאַץ אַ קרומע?
מען קריכט פון אויוון ניט אַרונטער, מומע! —
— דו רעדסט דאָך, סערצע, ווי אַ דאָקטער.
ווי קאָן מען רויק ליגן, גאָט גערעכטער,
ווען אין דיין אויער קלינגט דעם מענטשנס בייז-געלעכטער?
„אַ מצווה, גיי ניט באָרוועס!" זאָגט ער.
איז גיי איך דאָס צום שוסטער נאָך שטיוולעטן.
איך וועל צו זיינע פיס זיך לאַסטשען, רחמים בעטן,
נאָר מורא האָב איך, ער זאָל אויך אויף מיר ניט טרעטן. —
— גיי באָרוועס, ווי ס׳האָט גאָט געבאָטן! —
האָט איר דער פוקס געראָטן:
נאָר וואַרף ניט צו די פיס דיין ליבשאַפט ווי אַ שמאַטע,
ווען יענעם ליגסטו אין דער פיאַטע. —

די פלעדערמויז

אַמאָל איז צו דעם זאַאָלאָג
די פלעדערמויז געקומען מיט אַ קלאָג:
— אוי, הער געלערנטער, ס'איז גוואַלד-געשריען.
איך פלי ווי אַלע פייגל פליען,
פאַרוואָס-זשע האָסטו ווי אויף בייזן שפּאַס
מיך גאָר אַריינגעשטעלט אין קלאַס
ניט פון די פייגל, וועדליק עס קומט אויס,
נאָר פון די שרצים, ווי אַ פּראָסטע מויז? —
— מאַכסט, פלעדערמויז, אומזיסט אַ ויצעקו, —
האָט איר דער זאַאָלאָג דערקלערט דעם תירוץ:
כאָטש ווי אַ פויגל פליסטו טאַקע,
נאָר לעבן לעבסטו ווי אַ שרץ. —

די ווינטמיל און דאָס מילכל

דאָס מילכל,
דאָס שפּילכל,
וואָס מאָלט בלויז אויף-צו-פּלייסן,
נאָר שנעל, ווי אויפטאָן וואָלט עס מעשים,
האָט מיט דער ווינטמיל זיך געררייצט:
— אויף דיר אַ קוק צו טאָן — אַ ריז, אַ גיבור,
דאָך שלעפּסטו שווער די פליגלען ווי אַ קרייץ
און איך — אַ שנעקל — יאָג דיך איבער. —
— איך מאָל אַזוי געשווינד,
ווי עס דערלויבן נאָר דער מילשטיין און דער ווינט, —
האָט אים די מיל קיין ענטפער ניט פאַרפעלט:
און גאָט צו דאַנקען מיין מלאכה
איז ניט אָן מזל-ברכה.
נאָר דו, מיין גרויסער העלד,
וואָס קומט אַרויס וואָס דו ביסט שנעל,
אַז פון דיין מאָלן זעט מען ניט קיין מעל? —

דער הונט און דער חזיר

דער חזיר האָט אַ שטייפֿן האַלדז
און מיינט, ער איז געזונט;
זיין קאָפּ געבויגן איז צום גרונט
און וואָס ער זעט דאָרט, מיינט ער, דאָס איז אַלץ.
— — —
אין מיטן נאַכט,
ווען די לבנה האָט געשיינט אין פולער פּראַכט,
האָט זיך דער הונט צעיאָמערט אויפן קול,
ווי ס׳וויינט אַמאָל
אין אָנגעזיכט פון גרויסער שיינקייט
אַ מענטש, באַגרייפנדיק זיין קליינקייט,
כאָטש שטילער וויינט ער, שטיקט זיין צער —
אַ מענטש איז ער דערפאַר.
— וואָס יאָמערסטו, מיין הונט?
ביסטו געזונט? —
האָט אים אין שרעק געפרעגט
דער חזיר, פון זיין שלאָף זיך אויפגעוועקט.
— געזונט. אַ דאַנק.
און אפשר גאָר פון שיינקייט קראַנק, —
געענטפערט האָט דער הונט, וואָס וואַכט:
אַ נאַכט! אַ נאַכט!
לבנה, שטערן.
מען קאָן משוגע ווערן! —
— ביסט אויף אַן אמת קראַנק, פון זיין אַרונטער, —
האָט זיך צעכריוקעט דער געזונטער:
לבנה, שטערן גאָר. דיר דאַכט זיך אויס.
גיב אַכט, וועסט אָנקומען אין משוגעים־הויז. —

דאָס פלאַטערל און די בין

מיט פאַרבנשפּיל פון רעגן־בויגן,
מיט אויסגעגלאָצטע אויגן,
ווי מיט אַ טוי פאַרצויגן,
האָט פלאַטערל געפלאַטערט און געפליטערט,
געזועצט זיך אויף אַ בלימל און געציטערט,
דערשיטערט
פון אייגענער דערקענטער פּראַכט,
די פליגעלעך געעפנט און פאַרמאַכט,
ווי אַ קאָלירטן פעכער.
די בין,
וואָס זוכט אין שיינקייט זין,
האָט, זיצנדיק אין בלימלס בעכער,
געזאָגט, אַ זיכערע מיט זיך אַליין:
— דאָס פלאַטערל איז שיין,
נאָר האָניק מאַכט די בין. —

די שפּערלען און די סאָווע

אַנומלט
פאַרשייט, פאַרטומלט
איז אויף דער סאָווע מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן
אַ פּאָרל שפּערלען אָנגעפלויגן.
— זיי שטיל, אַוועק —
האָט איינער זיך געכאַפּט אין שרעק
און צוגעגעבן פול מיט אַכט:
דו ווייסט, זי זעט ביינאַכט. —
— איז וואָס דערפון? —
האָט ניט געטיילט דער צווייטער — זיין התפּעלות:
צו זען אין חושך, און זיין בלינד, ווען ס׳לויכט די זון,
איז פון די קנאַפּע מעלות.

די וועווערקע און דער פוקס

די וועווערקע איז אויף אַ בוים געזעסן,
אַ ניסעלע געגעסן
און צו פאַזירן ניט פאַרגעסן
אַפילו אין אַכילה, —
די פאָדערפיס צונויפגעלייגט ווי הענט אין תפילה,
דעם שיינעם ווײדל הענגען ניט געלאָזט אַראָפּ,
נאָר העכער פון איר קאָפּ
פאַרריסן אים און אויסגעבויגן,
ער זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן.
— דו דאַרפסט ניט, וועווערקע, דעם עק פאַררייסן,
עס קלייבט זיך קיינער ניט אים אָפּצובייסן,—
האָט מיט געלעכטער איר געזאָגט דער פוקס,
וואָס איז פאַרביי געגאַנגען:
ווער קאָן דיך אויפן בוים דערלאַנגען? —
— אַז כ'האָב אַן עק — דע־לוקס, —
יאָ, ניט קיין אָפּגעשלאָגענע הושענא
ווי ביי דער מויז, —
האָט אויף די שפּאָטרייד זיינע
די וועווערקע געענטפערט, שטאָלץ ביי זיך און גרויס,
דערביי דעם עק געשאָקלט צו באַווייזן
די שיינע האָר, וואָס ער פאַרמאָגט:
אַז כ'האָב אַן עק אַזאַ, איז מעג איך אים פאַררייסן. —
— מיין עק איז שענער נאָך פון דיינעם, —
האָט איר דער פוקס צוריק געזאָגט:
דאָך לאָז איך אים אַראָפּ.
איך וויל ניט מיט קיין עק זיך אויסצופיינען,
אַ ווײדל האַלטן העכער פון דעם קאָפּ. —

משיחס פערד

דאָס ווייסע פערד ביי יודקע באַלעגאָלע
האָט ניט געהאַט קיין גרינגע דאָליע. —
לא־די ער האָט געכאַפּט פון יודקען שמיץ,
האָט יענער נאָך פון אים געמאַכט אַ וויץ,
גערופן אים „משיחס פערד" צוליב זיין ווייסער פעל.
ביי יעדער שטערונג אונטערוועגנס:
אין טיפן זאַמד צי אין אַ בלאָטע נאָך אַ רעגן,
ווו מיטן וואָגן קאָן קיין פערד ניט לויפן שנעל,
האָט יודקע אים געיאָגט, די פעל געשונדן
און זיך געוויצלט, זאַל'ץ געשאָטן אויף די ווונדן:
— אַ חידוש וואָס משיח קומט ניט גיכער?
אַז ס'איז זיין פערד אַ קריכער. —
האָט איינמאָל אויפגעמאַכט זיין מויל דאָס פערד
(איר האָט אַזוינס פון בלעמס אייזל שוין געהערט)
און אָפגעענטפערט האָט דאָס פערד צוריק:
— רב ייד, כ'בין מוחל דיר דאָס גליק,
אַז ס'זאָל משיח רייטן
אויף מיר דעם ניט־באַפרייטן.
אויב ס'איז משיח אַ באַפרייער
אַזאַ מין —
אַ רייטער בלויז אַ נייער —
איז מעג ער זיך פאַרזאַמען. —
האָט יודקע מיט דער בייטש
געוואָלט דעם אפיקורס לערנען טייטש,
נאָר נאָכאַמאָל באַקלערט,
וואָס ער האָט ערשט געהערט,
פאַרגעסן האָט ער גאָר צו שמייסן
און האָט געזאָגט צום ווייסן:
— דו רעדסט דאָך גאָרניט ווי אַ פערד. —

דאָס שעפּסל און די מוטער

דאָס שעפּסל, די מעזינקע,
צום שערן אַ געבונדענע,
דערזען די שער־מאַשינקע
די ערשט־דערפונדענע,
האָט צו דער מוטער אויסגערופן מיט אַ פרייד:
— אַ נייער סדר גייט!
מיר ווערן
מאָדערן. —
— איז וואָס, דו נאַר! —
געענטפערט האָט מיט צער
די שעפּס די אַלטע — איר מעזינקע:
אַלטמאָדיש, צי מאָדערן,
צי מיט אַ שער, צי מיט אַ שער־מאַשינקע —
מען וועט אַלצאיינס אונדז שערן,
באַרויבן אונדז פון אונדזער וואָל
אַזוי ווי אַלעמאָל. —

די שוועל און דער קנאַפּל

די שוועל, וואָס האַלב איז זי אין הויז און האַלב אין דרויסן,
האָט אונטער שווערע פיס געקרעכצט אַ קרעכץ אַ גרויסן:
— מען טרעט אויף מיר פון ביידע זייטן:
עס טרעטן די, וואָס קומען, און די, וואָס גייען. —
— אַזוי איז שוין אין אַלע צייטן
די שטראָף פון די, וואָס טיילן זיך אויף צווייען, —
האָט אין דער שוועל אַ קנאַפּל אײַנגעקריצט דעם זין:
אַז דו ביסט ניט אַהער און ניט אַהין.

דער בוים און די וואָרצלען

דער הויכער בוים,
אין טרוים
די הימלען צו דערגרייכן,
האָט אויף די וואָרצלען זיך באַקלאָגט.
— איך צי זיך צו די הייכן, —
האָט ער געזאָגט:
נאָר איר, וואָס ריעט זיך ווי בלינדע ווערעם, —
אַ קנויל געדערעם, —
איר בינדט מיך צו ווי אַנקערס צו דער ערד.
פאַר אייך וואָס האָבן פאַר אַ ווערט
די הויכע זון, די ווייטע שטערן!
כל-זמן ס'איז אייער באָדן פעט,
צופרידענע אין זעט,
איר ווילט שוין מער פון גאָרניט הערן. —
— אומדאַנקבאַרער! — האָט זיך דערהערט
אַ קול פון אונטער דר'ערד:
ווען מיר דאָ אונטן וואָלטן זאַפטן ניט געזויגן,
מיט וועמעס כוח וואָלסטו זיך אַרויף געצויגן? —

דאָס פלאַטערל מיט די פיר פליגלען

דאָס פלאַטערל, וואָס פליגלען פיר פאַרמאָגט,
האָט גדלותדיק געזאָגט:
— צוויי פליגלען האָט דער אָדלער, איך האָב — פיר. —
— מען דאַרף ניט האָבן פליגלען אָן אַ שיעור
צו קאָנען פליען גיך, און ווייט, און הויך, —
האָט אויסגעטשוויטשערט
די שוואַלב, וואָס בלויז צוויי פליגלען זי האָט אויך,
נאָר האָט אין פלי דעריאָגט דעם שוויצער:
און איצט מיט אַלע דיינע פליגלען, וואָרעם,
איך מאַך פון דיר אַ מאָלצייט, וואָס וועט זיין ניט אָרעם.

די אַנטוואָפנטע קאַץ

אַ ניגון אויסגעמורקעט זיך באַרוט
און מיט אַ מייזלס בלוט
באַצייטנס זיך באַלעקט אין טרוים,
האָט אירע קרומע נעגל אין אַ בוים
די קאַץ ווי אָלן אָנגעשאַרפט זיך.
זי האָט געזען שוין ווי אין זיי דער קרבן וואַרפט זיך,
דערווייַלע האָט זי אין די לאַפּקעס זיי אַריינגעצויגן,
זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן,
און צו די מייז — איר זיסן חלום —
מיט אירע ווייכע צניעותדיקע טריט
איז זי געגאַנגען ווי אַ רודף־שלום
זיי אָפּצושטאַטן אַ וויזיט.
נאָר אַז צעלאָפן זיינען זיך די מייז,
וואָס ווייסן שוין, אַז זי גיט שלום מיט אַ קראַץ,
האָט אונדזער פרומע קאַץ
געוויזן זיי פון פרידן אַ באַווייז:
אַן אומשולדיקע לאַפּקע — אַ צדיקל אין פעלץ —
און האָט צעניאַווקעט זיך האַרצרייסנדיק, געבראָכן,
אַז רירן האָט געקאָנט אַ פעלדז.
די שוועבל־אויגן האָבן, אָבער, ווידערשפּראָכן
דאָס קעציש געוויין.
— וואָס זענט איר, מייז, פון מיר אַנטלאָפן? —
האָט זי גערופן: — קומט און זעט אַליין,
איך האָב ניט מער קיין נעגל, כ׳בין אַנטוואָפנט. —
האָט פון אַ לאָך אַרויס
געענטפערט איר אַן אַלטע מויז:
— דער גלי פון דיינע טריפה אויגן איז אַ מסור,
אַז עפּעס מיט דיין לאַפּקע איז ניט כשר. —

די הייזעריקע שלאַנג

די בייזע צישענדיקע שלאַנג
האָט צו אַ דאָקטער זיך געמאָלדן קראַנק:
— אדוני רופא, אונטערזוך מיין האַלדז.
כ׳בין הייזעריק, איך צישע אַלץ. —
דער דאָקטער האָט באַטראַכט
דעם הייזעריקן חולה
און האָט צו אים אַזוי געמאַכט:
— מיין שלאַנג, ס׳איז גאָרניט מיט דיין כלי.
דאָס צישען איז נאַטירלעך פאַר דיין מין.
וואָס ווילסטו — מיט דיין גיפט און גאַל —
אַ קול־נגינה האָבן ווי אַ נאַכטיגאַל?
וואָס פאַר אַ הארץ, אַזאַ מין שטים.

דער האָז און דער יאָזש

דער האָז
האָט נושא־חן געווען ביים יאָזש.
האָט זיך דערפרייט דער פיל־געיאָגטער
וואָס אויף דער וועלט אַ פריינד פאַרמאָגט ער.
נאָר אַז דער יאָזש מיט זיינע שפּיזן
האָט צו זיין חבר זיך גענומען טוליען, דריקן,
זיין ליבשאַפט אים אַרויסגעוויזן,
האָט אונדזער האָז פון אַלע גליקן,
כל־זמן אים האָבן נאָך די פיס געדינט,
זיך אָפּגעטראָגן ווי אַ ווינט.
— — —
פאַר מיר און דיר איז קלאָר די סיבה
פאַרוואָס פון שטעכעדיקער ליבע
אַנטלאָפן איז דער האָז,
נאָר נאָך עד־היום קאָן דאָס ניט פאַרשטיין דער יאָזש.

די צוויי עמער

צוויי עמער אויף איין קייט
און פון איין ראָד געדרייט,
נאָר ווי צוויי שונאים אין אַ הויז,
ווען איינער קומט אַריין, דער צווייטער גייט אַרויס,
אַזוי אין חלל פון דעם ברונעם
געגאַנגען זיינען און געקומען
די עמער —
צו ליכט דער פולער און דער ליידיקער אין דעמער.
אין מיטן וועג,
זיך וואַרפנדיק אָן צוועק,
האָט אָנגעשלאָגן זיך אין פולן
דער ליידיקער און האָט אַ קאָפּ געגומען דולן:
— דיך, וואַסער-טרעגער, ציט אַרויף,
וווּ אַלץ איז קלאָר און אויבנאויף,
און איך אין שאָטן נידער צו פאַרהילונג,
וווּ סוד און טיפקייט זיינען ווי אַ צווילינג. —
האָט יענער אים מיט קאַלטער וואַסער אָפּגעגאָסן,
געענטפערט אים בזה-הלשון:
— דעם שאָטן דאַרפסטו, פוסטע כלי,
דיין פוסטקייט צו פאַרהילן.
ווען דו וועסט זוכה זיין זיך אָנצופילן,
וועסטו במילא
אַרויס פון דעמער
צו קלאָרקייט ציען זיך, אַ פולער עמער. —

די באַוול און דאָס זייד

די באַוול, ווייס ווי קרייד
פון קנאה צו דעם זייד,
האָט שווייגן ניט געקאָנט
און האָט איר יחוס אים דערמאָנט:
— איך בין באַשיידן, איז מיין אויסזען אָרעם,
נאָר כ'צי מיין יחוס פון אַריסטאָקראַטן.
איך שטאַם פון אַדעליקן דרום
אין די פאַראייניקטע שטאַטן.
מיך האָבן קנעכט באַדינט,
ווי ס'אויג אין קאָפּ געהיט.
איך האָב געגרינט,
איך האָב געבליט.
עס איז מיין וואָל אַפילו
געוועזן אַ בלום אַ שטילע,
ווי ס'פּאַסט צום אַדעליקן רומל —
אַן טומל.
דו זעסט, איך האָב ניט וואָס צו שעמען זיך,
כ'האָב יאָ מיט וואָס צו איבערנעמען זיך. —
— און איך, מיוחסטע דו מיינע,
דו ווייסע, פיינע, —
געענטפערט האָט דאָס זייד,
וואָס דאַרף זיך אויך ניט שמירן מיט קיין קרייד:
מיין יחוס-בריוו איז אָרעמער פון אָרעם: —
ס'האָט אויסגעשפונען מיך אַ וואָרעם,
נאָר איך אַליין בין זייד. —

דער תליון און די שטריק

דער תליון, ווען ער האָט געשמירט מיט זייף
דעם תליה-שלייף,
אַז ער זאָל זיך פֿאַרציען גיכער
און טייטן זיכער,
האָט כלומרשט ווען וואָס ער טוט
אַ פֿרומען קרעכץ געגעבן
און צו באַרעכטיקן זיין ברויט מיט בלוט
האָט צו דער שטריק גערעדט אַזוי דער ברוט:
— דו שטריק, אַ משל ביסטו אויף מיין לעבן.
דו וואָלסט געקאָנט, שטאָט מענטשן הענגען,
צום ברעג זיך-טרינקנדיקע ברענגען.
פֿאַרוואָס-זשע ביסטו ניט קיין רעטונגשטריק,
נאָר גראָד אַ תליה?
אין דיר איז די מניעה?
דו זאָגסט זיך אָפּ פֿון פֿרייד און גליק?...
אויך איך, וואָס כ׳בין געקנאָטן
פֿון זעלבן טייג, וואָס — אַ משיח,
בין גאָר געוואָרן מעשה-שטן
אַ תליון, טויטס אַ שליח. —
— אַ גוטער משל מיט אַ פֿאַלשן מוסר-השכל, —
האָט פֿון דער שטריק אַרויס גערעדט אַ בת-קול:
אַוודאי איז דער שטריק קיין דעה ניט געגעבן,
נאָר אויך ניט קיין פֿאַרשטאַנד צו וויסן גוטס און בייז,
דער זון פֿון חוה, אָבער, ער פֿאַרשטייט און ווייס
און ווילן קאָן ער צווישן טויט און לעבן.
פֿאַרוואָס-זשע, מענטש, געראָטענער אין גאָט,
צום טייוול דינסטו אויפֿן עשאַפֿאָט? —

דער וויכער

אַ וויכערזייל, אַ זייל אַ שוואַכער,
אַ דרייער און אַ טומל-מאַכער,
וואָס שפּילט אַ ראָלע
אין אַ בהלה, —
איז מיט אַ שטורעם אָנגעפלויגן
און זאַמד געשאָטן אין די אויגן
און האָט געריסן ביי דער פּאָלע:
— צו מיר! נאָך מיר!
איך בין אַ פירער און איך פיר.
איך רעוואָלטיר,
די הימלען שטורעם.
איך בוי אַ נייעם בבל-טורעם. —
די וואָגיקע און די געזעצטע
געוועזן זיינען פון די לעצטע
צו לאָזן זיך פאַרבלענדן,
צום טומלער לויפן הענדעם-פענדעם.
נאָר ווו אַ שטויבעלע, אַ שפּרייעלע,
אַ שטרויעלע, אַ הייעלע,
אַ פעדערל, אַ בלעטעלע,
צי אַ צעריסן צעטעלע, —
אָן שאלות פייל-פון-בויגן
צום וויכער זיינען זיי געפלויגן.
מען האָט געווירבלט אין אַ ראָד,
אַ טורעם אויסגעבויט אָן אַ יסוד
און זיך געהאַלטן מיטן אימפּעט פונעם שטורעם
אַפילו ניט פון אסתר-תענית ביזקל פורים.

די באַלעבאָסטע און די הינער

א הינדל האָט מיט ווײ
געלייגט דאָס ערשטע איי, —
אַן איי, אַ קליינס ווי פון אַ טייבל
און ניט קיין ריינס, מיט בלוט באַמאָלן,
דאָך האָט פון דעם די באַלעבאָסטע אָנגעקוואָלן
און צו אַן אַנדער ווייבל
באַוויזן דאָס אַפילו,
פאַר פרייד פאַרגעסן,
אַז מ׳קאָן נאָך גיבן אַ בייז-אויג, חלילה.
און ווען זי האָט געגעבן עסן
די עופות אַלעמען צוזאַמען,
האָט זי דער יונגער מאַמען
באַזונדער אין אַ שיסל
אַריינגעשאָטן קערנער נאָך אַ ביסל.
האָט פאַר אַן אויג, וואָס קוקט קאָסאָקע,
די זאַך זיך אויסגעוויזן קרום —
אַן אַלטע הון געגעבן האָט אַ קוואָקע
צו אירע חברטעס אַרום:
— אָט האָסטו יושר פון אַ באַלעבאָסטע!
אַ שטייגער וועמען קומט מער דאַנק:
צי אונדז, וואָס אייער לייגן מיר שוין לאַנג,
צי איר, וואָס האָט געלייגט איין אייעלע, ס׳פאַרדאָסטע? —
— דו ניט-פאַרגינערין! —
געמוסרט האָט די יידענע איר אַלטע דינערין:
אייך אַלע פּרוכפּערדיקע הינער האַלט איך ערלעך.
דער פּערוויסטקע קומט, אָבער, אַן דער קינפּעט שווערלעך,
דעריבער האָב איך איר דאַבאַוועט קערלעך. —

דאָס נאָזטיכל און די בלום

דאָס נאָזטיכל, וואָס איז אַמאָל פאַרשעמט געווען,
באַהאַלטן, ניט צום זען,
און וואָס אַצינדערט פראַנק און פריי
עס פאַראַדירט מיט פאַרבן-רעש
אַרויסגעשטעקט פון רעקלם העכסטן טאַש, —
דאָס נאָזטיכל האָט צו דער בלום אין לאַץ דערביי
געזאָגט מיט גדולה, און מיט פרייד,
און מיט אַ שטאָך אין זיינע רייד:
— ווי שמעקט דיר, איידעלע און שיינע,
צו זיין אַ נאָזטיכלס אַ שכנה?
דו ביסט שוין ניט די קרוין
און איך — ניט דער המון.
איצט זיינען מיר אַ גלייכע פּאָר,
מיר ביידע פאַר דער זעלבער נאָז. ניט וואָר? —
— אומזיסט איז מיט חלשות זיך צו טישען, —
געענטפערט האָט די בלום דערויף: —
די גלייכהייט איז בלויז אויבנאויף: —
איך בין צום שמעקן, דו — זיך אָפּצווּווישן. —

די קאַפּאָטע און דאָס העמד

די זיידענע קאַפּאָטע האָט פאַרשעמט
דאָס לייוונטענע אונטערהעמד:
— דו מעגסט דיר זיין אַפילו נעענטער צום לייב,
ביסטו אַ קעפּסווייב, איך — אַ ווייב.
דו ביסט אַ שאַנד, ביסט טמא, טריף׳,
וויפיל דו זאָלסט ניט וואַשן זיך מיט זייף.
עס וועט קיין מענטש, וואָס האַלט זיין כבוד טייער,
זיך אין איין העמד ניט ווייזן, סיידן אין אַ פייער,
ווייל יעדער ווייס עס, חוץ דעם פּרא־אדם:
אַ מענטשן משפּט מען לויט זיינע בגדים. —
— דער משפּט איז פון מענטשן, ניט פון גאָט, —
געענטפערט האָט דאָס העמד איר אויפן שפּאָט:
א ראיה האָסטו: — ווען די צייט קומט אָן
צו גאָטס געריכט זיך שטעלן,
ניט אין אַ זיידענער קאַפּאָטע גייט דער בר־מינן
זיין פּאָטער וואָס אין הימל צו געפעלן,
נאָר אין תכריכים, אין איין העמד געקליידט,
אינטים און פּשוט, ווי ער שטייט און גייט. —

דער בעזעם

דער בעזעם האָט געראַמט דאָס הויז.
געוויינטלעך קאָן אַ בעזעם ראַמען,
נאָר דער, וואָס בעזעמער פון ריטלעך בינדט צוזאַמען,
האָט אונדזער בעזעם גראָד געבונדן לויז.
דער בעזעם האָט דעם דיל מיט פליים געריבן,
דאָס מיסט געקערט, געטריבן,
אַז ס'איז קיין ברעקל ניט געבליבן,
נאָר תיכף אויפן ריינעם אָרט
געלאָזט פון זיך אַליין אַ ריטל דאָ און דאָרט.
— אויף מיינע שונאים! —
האָט רויט אין פּנים,
די באַלעבאָסטע, אויפן בעזעם אויפגעטראָגן,
געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
דיין עובדה איז צו מאַכן ריין,
צום סוף גאָר מיסטיקסטו אַליין. —
— — —
פאַראַן אַ מאָראַליסט,
וואָס רייניקט יענעמס מיסט,
נאָר הינטער זיך
לאָזט ער איבער שמוץ פון זיינע שיך.

די פרומע שלאַנג

די שלאַנג,
פאַרשלונגען איר פאַרסמטן פאַנג,
האָט אויפן פולן מאָגן,
אַ הייזעריקע ווי פון שוואַכקייט נאָך אַ תענית,
גענומען צישען, זיך באַקלאָגן,
מיט איר צבוע׳קיש, צווייאיק צינגעלע צו זאָגן:
— איך ווייס ניט, בנאמנות,
פאַרוואָס איך בין פאַרדאַמט.
ס׳איז אמת, אַז כ׳שלינג איין מיין פאַנג,
נאָר כ׳טו עס אוים רחמנות
צו גאָטס באַשעפעניש, וואָס איז אויף טויט פאַרסמט,
ס׳זאָל זיך ניט מאַטערן צו לאַנג. —

דאָס צעפוילטע האָלץ

ס׳צעפוילטע האָלץ, וואָס לויכט ביינאַכט,
האָט כלאמר,
אַזוי צו זאָגן, צו דעם וואַלד געמאַכט:
— זאָגט הלל, ביימער!
איך בין אַ הייליקער: איך שטראַל מיט ליכט.
גאָטס שכינה רוט אויף מיין געזיכט. —
דערהערט אַזוינס און זוכה אויך געוועזן
דעם צדיקס ליכט אַליין צו זען,
האָט זיך דער לולב פרום געבוקט,
און די הושענא האָט געצוקט,
און נאָך אַזאַ באַבלעטערט בינטל,
וואָס כורעים פאַלט עס פאַרן מינדסטן ווינטל,
געשעפּטשעט האָט אַ תפילה.
די סאָסנע אָבער און דער דעמב פון דער קהילה
געשטאַנען זיינען טראַציק, שטאָלץ.
— איר יאָלדן! —
דעם עולם האָבן זיי געמאָלדן:
ניט הייליק, נאָר צעפוילט איז גאָר דאָס האָלץ. —

דער בטלן און די פישערנעץ

מיט הענט פאַרלייגטע אויפן רוקן
און מיט אַ שטערן אַ גערונצלטן פון חקירהן זיך
אַ בטלן איז צום טייך געגאַנגען אָנצוקוקן
ווי פישער פירן זיך.
דערזען זיך טריקענען אויף שטאַנגען
די נעץ מיט קאָרק און בליי באַהאַנגען,
די אויגן האָט ער אויסגעגלאָצט דערשטוינט,
גענומען פרעגן ווי ער איז געוווינט:
— איז דען כדאי
פאַרבינדן זיך מיט קאָרק און בליי?
דער ציט אַרויף, דער שלעפּט אַראָפּ.
אַ בונד, וואָס פון אַ בונט הענגט אָפּ.
איך וויים, אַן ענטפער וועט דער פישער געבן,
אַז טאָקע ווייל זיי קאָנען נים בשלום לעבן
האָט ער די נעץ מיט זיי באַהעפט
און האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט:
עס שטימען נים אין וואַסער קאָרק און בליי
און שיידן זיך, צעשפרייטן זיי די נעץ דערביי.
וואָס גרעסער צווישן זיי עס איז דער ריס,
קאָן מער די נעץ פאַרכאַפּן פיש.
דעם ענטפער וויים איך וואָיל, ער איז נים ניי.
איך אָבער פרעג נאָך אַלץ דערשטוינט:
אַפילו אַז עס לוינט,
איז דען כדאי?...
איז ערלעך אויסצוניצן קריגעריי? —

דער קוימען

צוגלייך מיט טורעם און קופּאָל
איז אויבנאָן געשטאַנען ווי אַ ראש־הקהל
דער שמאַראָוואָז, דער קוימען,
פון זיך געבלאָזן וואָלקנס שוואַרצן רויך,
געטשאַדעט מיט זיין איבלדיקן הויך,
פאַר נויטיק ניט געפונען זיך צו צוימען, —
פאַרקערט, וואָס ווייטער זיך געלאָזן ווילגיין פרייער,
שוין מיטן רויך געבלאָזן פונקען פייער
און האָט אין ווינט געהוזשעט און געזונגען:
— אַז כ׳שטיי מיט אַלע פּני פון מויער אויבן,
איז דאָך דערפון געדרונגען,
אַז כ׳בין דערהויבן
(אַזוי האָט זיך געוואָלט דעם קוימען גלויבן),
אין מיט פון גרויסע בין איך גרויס,
אַ צירונג בין איך פאַרן הויז,
אויב ניט נאָך מערער... —
ער האָט זיך שוין אַזוי צעפּאַליעט,
אַז ס׳האָט דער דאַך זיך אַזש געסמאַליעט.
האָט ניט געטראַכט קיין סך דער קוימען־קערער,
פון אונדזער גדול ניט געמאַכט קיין וועזן
און ס׳מויל פאַרמאַכט אים מיט אַ בעזעם.

— — —

מעג זיין דיין זיץ
אַפילו אויפן שפּיץ,
נאָר אויב דו ביסט אַ שמאַראָוואָז,
פאַררייס ניט די סמאַרקאַטע נאָז.

די וועספּ און די בין

די וועספּ, דער טריפהר האָלדז,
וואָס עסט און טרינקט פון אַלץ
און קריכט צו דיר אין טעלער,
נאָר טאָן אַן אַרבעט, — האָט זי ניט קיין „וועלער", —
די וועספּ האָט ערגעץ צווישן בלומען
זיך מיט דער האָניקבין צונויפגעקומען.
— הער אויס מייַן טענה,
דו קרובה מייַנע —
געזשומעט האָט זי צו דער בין:
מיר זייַנען פון איין מין.
דיך אָבער אַכט מען,
פאַר דיר אַ היים, אַ בינשטאָק מאַכט מען.
און איך, אַז כ'ווייַז זיך פאַר די אויגן
(פון שמעקעדיקן מאכל צוגעצויגן),
פאַרפאָלגט מען מיך, מען שמייסט מיט טיכער,
אַז כ'בין ניט מיטן לעבן זיכער. —
— און האָניק מאַכסטו, שוועסטער-לעבן? —
האָט ביי דער וועספּ די בין אַ פרעג געגעבן.
— דאָס שמעקט דאָך שוין מיט אַרבעט, בינע! —
האָט יענע איר געענטפערט מיט אַ קרומער מינע.
— וואָס? ניין? —
האָט ניט געקאָנט די בין פאַרשטיין:
נאָר פרעסן, זויפן?
און דו ווילסט נאָך געפינען חן?
פאַר וועלכע מעשים-טובים? —

דער אָדלער און דאָס בלומען־פויגעלע

דער אָדלער גרויס און שטאַרק
האָט מיט זיין רויב צוריק צום שפּיץ פון באַרג
אַרויפצושטייגן זיך געקליבן,
נאָר אין דעם בליענדיקן טאָל
דאָס בלומען־פויגעלע דערזען צום ערשטן מאָל,
איז ער נאָך אונטן אויף אַ ווייל געבליבן
און האָט קאַטאָוועס פון דעם נפשל געטריבן:
— איך קוק אויף דיינע פליגעלעך און לאַך:
זיי זיינען שפּינוועבס — דורכזיכטיק און שוואַך.
יאָ, נעמט זיך איבער,
איר פליגל מיינע פון אַ גיבור, —
און שטאָלץ די פליגל האָט ער אויסגעשפּרייט
אין זייער גאַנצער לענג און ברייט.
דאָס בלומען־פויגעלע אין פּחד פאַר זיין לעבן
האָט זיך מיט אַ באַהעלטעניש פאַרזאָרגט אויפריער
און צו דעם קיניג פון די פליער
אַ זאָג האָט עס געגעבן:
— איז וואָס אַז מיינע פליגל זיינען שוואַך און קליין?!
אַ נפש טראָגן זיי, וואָס איז פון גזילה ריין.
אָט דיינע פליגל זיינען גרויס און האָבן כּוח,
זיי דינען אָבער אַ רוצח. —

די ציכטיקע קאַץ

די קאַץ האָט זיך געוואַשן ווי געוויינטלעך: —
געזוכט אין פעלכל מיט די ציינדלעך,
געלעקט זיך מיטן צינגל,
ניט דורכגעלאָזט קיין שפּרינקל
אַפילו אויפן עקל.
געוואָרן פּאַרטיק מיט דעם טואַלעט,
האָט מיט דער לאַפּקע אין איר בעקל
די קאַץ געגעבן זיך אַליין אַ גלעט
און אָנגעהויבן מורקען, לויבן זיך אַליין:
— כ׳בין ריין און ציכטיק — אַ מחיה.
איך וואַש זיך מער פון יעדער אַנדער חיה.
כ׳בין זייער, זייער ריין. —
נאָר פלוצעם אויף איר בראָך
איז גראָד אַרויס אַ מייזל פון אַ לאָך
און — אוי, אַ גרויל! —
די קאַץ, וואָס האָט זיך מיט איר ציכטיקייט באַרימט,
געגעבן האָט אַ כאַפּ די מיאוסקייט אין מויל
און זיך אַפילו ניט פאַרקרימט.

דער טכויר און דער פוקס

דער טכויר האָט פון דעם פוקס געחוזקט גראָב
אַזוי ווי אַ כאַמולע:
— אַ בראָך צו דיר, דו קלוגער קאָפּ!
וואָס איז די פּעולה
פון דיין באַרימטן שאַרפן מוח,
אַז אַלע לויפן פאַר מיין ריח
ווי פאַר דעם גרעסטן כוח? —
— גערעכט, אָט לויף איך טאַקע ווי אַ האָז, —
האָט מיט אַן אָפּגעקערטער נאָז
געזאָגט דער פוקס און, גרייט צום לויפן, פיס געשטעלט:
אַן אָפּשטויס-כוח האָסטו, אָבער, גרויסער העלד,
צי קאָנסטו צוציען אַ פריינד דערמיט,
ווי דער, וואָס מיט זיין חכמה ציט? —

די הון די פליערקע

דער הויף איז כאַדאָראָם געגאַנגען:
די הון האָט זיך געקליבן פליען.
זי האָט געקוואָקעט און געשריען;
אַרומגעפּאַדיעט אויפן פלויט און זיינע שטאַנגען,
אויף וועלכע ס'איז געשיר געווען אַרויפגעהאַנגען;
אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ קראַך אַ קריגל,
דערשרעקנדיק אויף טויט
די קאַץ, וואָס איז געשלאָפן;
אַרומגעלאָפן,
געפּאָכעט מיט די פליגל,
געקראָכן פון דער הויט,
אַז ס'האָבן זיך געווירבלט שטויב און פעדערן,
און מיט אַ יעדערן,
מיט וועמען נאָר זי האָט באַגעגנט זיך,
האָט זי געזעגנט זיך:
— פאַרבלייב געזונט, דו ראַבטשיק אויפן שטריק!
פאַרבלייב געזונט, מיין קאַץ, דו פוילער קלאָץ!
אַדיע, מיין פּעטאַך, ווינטש מיר גליק:
איך פלי אַוועק קיין האָציפּלאָץ. —
דערוויל, זיך גרייטנדיק אין וועג,
האָט אונדזער הון פאַרקליבן זיך אין היי
און האָט געלייגט אַן איי.
אַזוי טאָג אַיין, טאָג אויס פאַר כמה טעג,
ביז אויף די אייער איז די הון געזעסן
און וועגן פליען גאָר פאַרגעסן.

די ציג מיט איר בעקעלע

זינט ציגן ציגלען זיך
האָט ניט געהאַט קיין ציג נאָך קיינמאָל
אַ בעקעלע אַזאַ, אַ בעקעלע שוין איינמאָל.
עס הערט ניט אויף צו שפּיגלען זיך
די מאַמע מיגל אין איר בעקעלע:
זי שמעקט עס,
זי לעקט עס
פון קעפּעלע ביז צו זיין עקעלע
און ווערט צעשמאָלצן פאַר התפּעלות.
אַ קלייניקייט, עס איז מיט אַלע מעלות:
עס וואַקסט אַ טענצער און אַ שפּרינגער;
עס ציקלט זיך, ס'וועט זיין אַ זינגער;
עס שטויסט זיך אין גראַנגל ווי אַ העלד;
היינט, אַ קראַסאַוועץ, איינער אין דער וועלט!
באַשליסט די מאַמע: ס'איז אַ וווּנדערקינד.
זי נעמט איר בעקעלע און גייט געשווינד, —
זי גייט ניט, נאָר זי שפּרינגט
און אויף איר האַלדז דאָס גלעקל קלינגט.
זי קומט צום פוקס דעם חכם
און וואַרט מיט גרויס בטחון
פון אים צו הערן,
אַז אויפגעגאַנגען איז אַ נייער שטערן.
פאַרהערט, באַטראַכט,
האָט צו דער ציג דער פוקס אַזוי געמאַכט:
— כל-זמן עס איז אַ שנעקל,
איז ניט אָן חן דיין בעקל,
נאָר קלינג ניט, מאַמע, אין דיין גלאָק, —
דיין קינד וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער באָק! —

דאָס קעצל און די מייז

דאָס קעצל,
זיך אָנגעכליעפּטשעט זאַט מיט מילך פון טעצל,
האָט שפּילן זיך געוואָלט:
עס האָט אַ באָל געפונען און געראָלט;
זיך אָנגעהאַנגען אין אַ פאָרהאַנג־טראָלד;
געדרייט זיך אין אַ קרייז,
געיאָגט זיך נאָכן עק.
צום סוף איז צו דער נאָרע פון די מייז
דאָס קעצעלע אַוועק.
— ניט שרעקט זיך, מייזעלעך, פאַר מיר! —
געניאַוקעט האָט עס ביי דער טיר:
איך בין געזעטיקט היינט,
אַ קאָטינקע אַ פיינע.
ניט אויפצועסן אייך איז די כוונה מיינע,
איך וויל מיט אייך זיך שפּילן ווי אַ פריינד. —
— גיי בעסער, קאָטינקע, זיך שפּילן מיטן הונט, —
געענטפערט האָבן איר די מייז פון זייער לאָך:
פאַר אונדז דיין חברשאַפט איז ניט געזונט,
פאַר דיר — אַ שפּיל, פאַר אונדז — אַ בראָך. —

אַ ציג אַ סופראַזשעטקע

פירט אַ באָק זיין סטאַדע ציגן
און אַ יונגע ווילדע ציג,
ווי געביסן פון אַ פליג,
שפּרינגט און מעקעט: — ווייגעשריגן!
ווי דער באָק, וואָס גייט פון פאָרנט,
איז באַבערדלט און באַהאָרנט
יעדע ציג, וואָס ווערט געפירט.
וואָס־זשע גייט דער באָק דער ערשטער?
איבער זיינע גלייכע הערשט ער.
ציגן, שווייגט ניט, פּראָטעסטירט! —

די שיכורע פליג

די פליג, וואָס האָלט פון נאַש,
האָט פון אַ בעכער יי״ש
פאַרזוכט ניט מערער ווי אַ לעק,
נאָר וויפל טרינקען דאַרף אַ שנעק,
אַז ס׳זאָל דאָס קעפל כאַדאָם אַוועק?
איז טאַקע אונדזער פליג געוואָרן אַ בויאַנקע,
אַ כוליגאַנקע: —
זי האָט געכאַפּט זיך שלאָגן מיט אַ צווייטער פליג,
נאָר יענע האָט געגעבן איר צוריק;
זי איז אין מולטער מיט דער ראָשטשינע אַריין,
ווי אין אַ זומפּ אַ שווין,
אין ווייסן טייג געטאָפּטשעט זיך צעלאָזן,
צעפּאַכעט זיך און זעמלמעל צעבלאָזן,
געוואָלט דאָרט מאַכן אַ פּאָגראָם —
פון גרוים קוראַזש באַטרונקען,
אַליין ניט שיעור פאַרזונקען
אין דער צעיורטער ראָשטשינע ווי אין אַ תהום;
דערנאָך דערזען, אַז ס׳ליגט אַ ספר אָפן,
האָט זי אין דעם
(זאָל גאָט מיך פאַר די רייד ניט שטראָפן)
געמאַכט נקבים אויף אַ שם;
און ניט באַנוגנט זיך מיט דעם פאַרשוועכן,
האָט זי געוואָלט נאָך טאַפּליעס ברעכן,
געשליידערט זיך אין גלאָז,
געטראַסקעט מיטן גאַנצן כוח,
נאָר איז געבליבן מיט אַ נאָז: —
די יורשטע פון לוט און נח
האָט נאָר די זייטן זיך צעבראָכן
און אין אַ ווינקעלע אין קויט
ניט־לעבעדיק, ניט־טויט
איז שלאָפן די שיכורניצע פאַרקראָכן.

דער פֿאַרקלעמטער חזיר

דער חזיר איז אַרומגעגאַנגען פּוסטעפּאַס
(אין בלאָטע האָט ער שוין זיך אויסגעבאָדן),
געשלעפּט זיין טרעלבויך ווי אַ פּאַס,
געקרעכצט פון שווערקייט מיט אַ באַס
און רק געזוכט צו אָנטאָן שאָדן.
דערזען אַ לאָך אין פּלויט
און דורכן לאָך — אַ הייפּטל קרויט,
אַהין האָט ער גענומען שמעקן,
זיין שנוק אַריינגעשטעקט און איז געבליבן שטעקן,
פֿאַרקלעמט געוואָרן — ניט אַרויס און ניט אַריין.
אויף טויט דערשראָקן, האָט דער שוויין
צעקוויטשעט זיך באַנומען
(האָט מיטאַמאָל גאָר אַ פּ אַ ל צ ע ט באַקומען),
אַז אָנגעלאָפֿן זיך איז קליין און גרויס
מיט ראַבטשיקן פֿאַרויס.
— וואָס שרייסטו, שעדיקער און ברעכער? —
האָט ראַבטשיק אויפֿן בשר־קוויטש
צעבולן זיך מיט ציין־געקריץ:
ביסט ווערט דעם קלעם פון ענגע לעכער,
נאָר וואַרט, דו וועסט ביי מיר נאָך שרייען העכער. —
און דעם געקרויזטן עק פון שוויין
(אַ פּאה דאָרט, ווו ס'האָט געמעגט ניט זיין)
האָט ראַבטשיק אין די ציין פֿאַרביסן,
געביסן און געריסן,
אַז וויטער זאָל דער חזיר וויסן.

דער חזיר און די קאַץ

דער חזיר, דער מנובל דער באַרימטער,
וואָס ווי אַ רינשטאָק, דאָרטן שווימט ער,
האָט אין אַ זומפּ, אַן אָפּגעצאַמטן מיט אַ פּלויט,
צו באָדן זיך אין קויט,
ווי ער האָט האָלד,
אַריינצוברעכן זיך געוואָלט.
— גיב אַכטונג, חזיר, קוק
וווּהין דו שטעקסט דיין שנוק! —
האָט אים די קאַץ געוואָרנט פונעם פּלויט אַראָפּ:
מען זאָגט, די בלאָטע דאָ איז איבערן קאָפּ. —
— פאַר בלאָטע שרעקט זיך ניט קיין חזיר אָפּ, —
האָט מעשה גאַנצער מאַכער
געזאָגט דער דבר־אחר
און, אויף זיין בראָך,
געפונען האָט ער אינעם פּלויט אַ לאָך
און איז אַריין אין זומפּ און איינגעזונקען.
— אַ מצווה, פיין! —
האָט, ריין זיך וואַשנדיק, די קאַץ געדרונגען:
ניט קריך אין בלאָטע, שוויין,
און זינק ניט איין! —

די אַמביציעזע פליג

די הויזפליג האָט אַ וועלט געבּרענט:
געטאַנצט אויף גלאָז פון שויבן אַ קאָזאַצקע,
דערביי געמאַכט אַ קאָזשעלקע אַ כוואַטסקע;
געקראָכן אויף די גלייכע ווענט;
געגאַנגען פריי מיט פעסטע טריט
ווי אויף דער ערד אויף דעם סופית;
געקלעטערט ווי אַ מאַלפּעלע געשיקט
אויף דעם עלעקטרע-שנירל, וואָס האָט זיך געוויגט,
און, אָנגעהאַנגען אויף זיין עק,
האָט זי געהוידעט זיך אָן שרעק,
ווי אין אַ צירק דער מאַן אויף דער טראַפּעזע.
נאָך אַלץ ניט זאַט מיט אירע גרויסע מעשים,
האָט אונדזער אַקראָבאַטקע צום פאַרביסן
באַוויזן נאָך געוואָלט אַ זאַך אַ גראַנדיעזע:
צו גיין — ניט אויף אַ שטריק,
וואָס איז פאַר איר דאָך זיכער ווי אַ בריק, —
נאָר אויף אַ שפּינוועבס-פאָדעם, דינער נאָך פון דין
(זי האָט אין גאַנצן גאָר פאַרגעסן אין דער שפּין)
און אונדזער פליג געוואָרן איז געזיקט
פאַר איר אַמביציע, וואָס זי האָט ניט געמעסיקט.

דער פוקס

דער כיטרער פוקס, דער הינער-פרעסער,
האָט הינטער ריגלען, הינטער שלעסער
אַ וועג געפונען צום קאַטוך
און שטיל, אַז הערן זאָל מען ניט זיין דוך,
כּפּרות האָט ער נאַכט נאָך נאַכט געשלאָגן.
און אַז עס זאָלן קענען אים ניט עדות זאָגן
די פוסטריט זיינע אויף דער ערד,
האָט הינטער זיך אין וועג
דער פוקס זיי באַלד פאַרקערט
ווי מיט אַ באַרשט מיט זיין געדיכטן עק, —
און זיי אַ חכם און דערקען
ווער איז צו גאַסט געווען.
האָט טאַקע דער באַגנבעטער צוויי טעג אומזיסט
געזוכט דעם סליאַד פון גנב, וואָס איז אָפּגעווישט,
נאָר אויפן טאָג דעם דריטן האָט ער זיך געכאַפּט:
— אוי, כיטרער גנב, איך האָב דיך דערטאַפּט.
דו האָסט פאַרקערט די פוסטריט מיט דיין עק,
נאָר ס'האָט דער עק אַליין געלאָזן הינטער זיך אַ שטעג. —
און מיט דעם שטעג איז ער אַוועק
און האָט געפּאַקט דעם פוקס אין נאָרע
ביים גריזשען נאָך אַ ביין פון דער כּפּרה.

דער זינגפויגל און דער הונט

דערזען אַ שיינעם בוים,
געוואָרן איז פון אים דער זינגפויגל אַנטציקט,
געשטעלט זיך אויף זיין זונבאַגילטער קרוין
און האָט אַ לויבגעזאַנג צו גאָט געשיקט:
— אַ דאַנק דיר, בורא, וואָס דו האָסט באַשאַפן
אַ שיינעם בוים זיך צו פאַרגאַפן,
אַן עמוד פאַר אַ זינגפויגל צו זינגען שירה,
צו רימען דיין יצירה. —
דער הונט מיט אויערן האָט פאַרנומען
ווי ס'האָט דער זינגפויגל דעם בוים גערימט
און איז צום בוים באַלד צוגעקומען,
באַשמעקט דעם שטאַם און צעגעשטימט:
— נו, יאַ, עס האָט דער בוים אַ פיינעם ריח.
אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר דעם מזבח.
איך וועל אויף אים אַ קרבן־נסך גיסן. —
און ס'האָט דער הונט אַ פוס פאַרריסן.

דער זומפּ און דאָס אַקערפעלד

דער זומפּ האָט צו דעם אַקערפעלד, זיין שכן,
געזאָגט מיט עזות און נצחון:
— פאַרגעסן האָט דיך גאָט, מיין קרוב!
דער אַקער מאַכט דיך חרוב,
די זריעה זייגט דיין חיות אויס
און, וואָס עס וואַקסט ביי דיר אין שויס,
גראָבט אויס דער רידל, שניידט אָפּ דער מעסער.
צו מיר איז די השגחה בעסער. —
— די מעשה איז פאַרקערט, —
געענטפערט האָט דאָס פעלד, די קולטיווירטע ערד:
גאָר דיך האָט גאָט פאַרגעסן און פאַרזען —
ער האָט אין דיר מייאש זיך געווען.
מישטיינס געזאָגט, וואָס וואַקסן קאָן שוין פון דיין באָדן!
און איך — אַ חוץ מיין שאָדן
אויף דיר געזאָגט מיין מזל־ברכה.
מיך קולטיווירן לוינט זיך פאַר דער השגחה. —

די צוויי פערד

דאָס לאַסטפערד דאָס מאַסיווע
מיט דער קודלאַטער גריווע
און די צעלאָזטע לאַנגע האָר פון וויידל,
האָט פאַר דעם רייטפערדל, וואָס איז געפּאַטשקעט איידל,
געשוירן און געבערשטלט ווי אַ פּראַנט,
געבראַכט צו פירן פּראָוויאַנט.
בשעת דער פורמאַן האָט פון וואָגן
ס׳געפּעק אין שטאַל אַריין געטראָגן,
האָט זיך צעהירזשעט ס׳האָרעפּאַשנע פערד,
געלאָזט זיין ברודער גריסן.
דאָס רייטפערדל האָט, אָבער, שטאָלץ זיך אָפּגעקערט,
די נאָז פאַרריסן,
געגעבן אים צו וויסן:
— איך בין דיר ניט קיין פאַניבראַט. —
— דו נעמסט זיך איבער, פערדישער אַריסטאָקראַט? —
האָט אים געזאָגט דאָס לאַסטפערד מיט פאַרדראָס:
צי טרייבט דיך ניט דער באַלעבאָס
אַזוי ווי מיך
מיט צוים, וואָס רייסט,
און בייטש, וואָס שמייסט,
אַז דו זאָלסט לויפן גיך?
דאָס לעבן ס׳פערדישע איז שווער און ביטער,
צו וואָס נאָך צווישן פערד דער שפּליטער? —

דער בלומענקוסט און דער פרוכטבוים

דער בלומענקוסט אין זיין מאַיאָווער פּראַכט
האָט אויפן פרוכטבוים מיט זיין שטילער בליאונג
געקוקט מיט ביטולער באַציאונג
און האָט פון אים געלאַכט:
— קוק אָן נאָר דעם פּאַרשוין
מיט דער צעבליטער קרוין!
צי ווילסטו, בוים, ניט אפשר קאָנקורירן
מיט מיינע בלענדיקע קאָלירן? —
— אַז דו ביסט גאָר אַ צאַצקע, אַן אַנטיק,
איז דאָך ניט שייך גאָר צו ריידן, —
געענטפערט האָט דער בוים צוריק:
דאָך בין איך ניט געפאַלן, וואָס איך בלי באַשיידן.
ווען ס׳וועט די בליאונגסצייט פאַרבייגיין,
אָן שפּור פאַרשווינדן וועלן דיינע בלומען,
איך אָבער וועל אויף מיינע פולע צווייגן
נאָך טראָגן פּירות, זיס צום גומען. —

דער שפּערל און די שוואַלב

דערזען, ווי עפּעס פּיקט די שוואַלב,
געפלויגן איז דער שפּערל כאַפּן אויך אַ ביסן.
— כ׳וויל אויך אַ חלק: האַלב אויף האַלב, —
געלאָזט האָט ער דער שוואַלב צו וויסן.
נאָר, צוגעקומען נאָענט
און אויסגעפונען, אַז עס פּיקט די שוואַלב גאָר בלאָטע,
זיין חלק האָט דער שפּערל מערער ניט געמאָנט
און אויף דער שוואַלב זיך שטאַרק געוואונדערט האָט ער:
— גאָר בלאָטע פּיקסטו פון דער ערד?
וואָס טויג זי דיר — זי שפּייזט, זי נערט? —
— כ׳וועל מיט דער בלאָטע זיך ניט נאַרן, —
געענטפערט האָט די שוואַלב דערפאַרן:
דו וואַרט און האַר,
קיין האַלבע אַרבעט ווייזט מען ניט קיין נאַר.
אָט פון דער בלאָטע, שפּערל גרויער,
וועל איך מיר אויסקלעפּן אַ נעסט — אַ מויער! —

דער דאָרן

וווייזט אויס, דער גערטנער האָט פאַרטראַכט זיך,
בשעת ער האָט די רויז באַגאָסן,
ווייל זי האָט אים אַ שטאָך געטאָן ביז בלוט.
אַ שטאָך. נו, מילא, ס׳מאַכט זיך.
עס האָט דעם גערטנער ניט פאַרדראָסן
און ווייטער אויך אין גוטן מוט,
נאָר מיט מער פאָרזיכט בלויז,
האָט ער באַדינט די שטעכעדיקע רויז.
דאָס האָט געזען דער פּראָסטער דאַרער דאָרן,
וואָס איז פון קנאה קראַנק,
און אַ געדאַנק
געבוירן איז ביי אים געוואָרן:
— דער גערטנער דאָך באַדינט די רויז דערפאַר,
ווייל פאַר איר שטעכן האָט ער מורא.
וויבאַלד אַזוי, בין איך אַ נאַר,
איך קאָן דאָך אויך די תורה. —
און ווען דער גערטנער האָט לעם אים זיין פוס געשטעלט,
האָט אים דער דאָרן ווי אַ קאַץ צעקרעלט.
— אויך דו, פאַרפלוכטער דאָרן?! —
האָט אויסגעשריען ווילד דער גערטנער אין זיין צאָרן:
פאַר וועלכער מעלה קומט פאַרגעבן דיין חסרון?
דו ביסט דאָך ניט קיין רויז,
וואָס קויפט די שטעכער אויס
מיט איר פאַרפום און פּראַכט. —
און ניט באַנוגנט זיך מיט זידל,
האָט אים דער גערטנער מיט זיין רידל
באַלד אויסגעוואָרצלט און אַ סוף צו אים געמאַכט.

דאָס פערד און דער קעמל

דאָס פערד, אויף וועמען ס'האָט אַן אכזר ווילד געריטן,
מיט בייטש און שפּאָר זיין לייב געשניטן,
דאָס מויל געריסן מיט דער צוים,
געטריבן און געיאָגט,
אַז ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שוים, —
דאָס פערד האָט אויף זיין מזל זיך באַקלאָגט:
— דו גאָט אין הימל, פּאָטער מיינער ווייטער!
שוין איידער אַזאַ לעבן,
אַ הויקער וואָלסטו מיר געגעבן,
ער זאָל באַפרייען מיך פון רייטער. —
ויהי־היום (ס'איז גאָט אין הימל ניט געשלאָפן,
ער האָט די קלאָג געהערט)
און אונדזער פערד
האָט מיטן קעמל זיך געטראָפן.
און צו דער ערד
האָט ער דעם קאָפּ געבויגן
מיט שטומען צער אין זיינע אויגן
פון זען, ווי אויפן קעמל מיט די האָרבעס
עס זיצט אַ רייטער אויך
און ס'הענגען נאָך געפּאַקטע טאָרבעס
אויףביידע זייטן פון דעם הויקערס בויך.

אין געריכט

די קוקאַווקע, באַשולדיקט אַז זי לעבט אויף טראַמבע,
האָט אָנגעשטעלט אַ מליץ־יושר מיט אַ גאַמבע,
וואָס האָט צו דעם געריכט פון פייגל
אזוי גערעדט מיט אַ גלאַטער צונג:
— רבותי! וואָס מען זאָגט, אַז נאָך גאָר יונג
איז די באַשולדיקטע שוין חוטא־בעגל
אַמאָל געווען:
אַ פרעסערקע פאַר צען,
האָט זי אַרויסגעריסן
ביי אירע שטיפברידער פון מויל דעם ביסן
און זיי אַליין פון נעסט אַרויסגעשטויסן, —
קאָן זיין איז אמת, וואָס מען זאָגט, רבותי!
נאָר זאָל אייך ניט פאַרדריסן,
וואָס כ׳זע ניט איין דעם חטא דעם גרויסן.
פאַרקערט, די זעלבע קינדהייט־שטות
איז גאָר אויף איר מלמד־זכות,
ווייל ס׳ווייזט, זי איז אַ פויגל אַ געוואַגטער,
מיט ווילן און כאַראַקטער.
אויך דאָס, וואָס זי וואַרפט אונטער אירע קינדער
אין פרעמדע נעסט־געזינדער,
אַז ס׳זאָלן אַנדערע זיי שפּייזן,
טוט גאָרניט קעגן איר באַווייזן,
ווייל קיימן טראָגט דער קנעכט,
דער פרייער ברעכט זיי און האָט רעכט. —
האָט דאָס געריכט די רעדע אויסגעהערט
און אָפּגעשאַצט זי לויט איר ווערט:
— אַ פיינע דרשה, נאָר אַ קרומע.
מאַכסט קדושה פון דער טומאה.
עבירה אָבער איז ניט מצווה
און פרייהייט איז ניט פאַראַזיטסווע.

דער חזיר און די שוואַלב

דער חזיר האָט אין בלאָטע זיך געבאָדן,
געשמירט זיך מיטן קויט ווי מיט אַ זאַלב
און ביי דער זייט די שוואַלב
מיט בלאָטע האָט איר שנאָבל אָנגעלאָדן,
דערפון צו מאַכן ווי פון ליים
די ציגל פאַר איר היים.
האָט אָנגערופן זיך דער דבר־אחר:
— דו אַרכיטעקט און גרויסער מאַכער!
איך הייב ניט אָן גאָר צו פאַרשטיין
פאַרוואָס עס זיינען דיינע מעשים גוט און שיין
און מיינע — מיאוס, ביליק,
אַז צווישן אונדז איז דאָך ניטאָ קיין חילוק.
אָט גיב אַ קוק,
דיין שנאָבל איז אין בלאָטע ווי מיין שנוק. —
— דער חילוק איז אין ציל און ניט אין מיטל, —
האָט אויף די רייד פון ביטול
געזאָגט די שוואַלב, די בויערין:
איך ריכט זיך איין, ווייל כדי מיין נעסט צו מויערן
די בלאָטע מוז איך נוצן;
דו אָבער, צו דיין שאַנד און שמאַך,
דו ריכסט זיך איין אין בלאָטע פאַר איין זאַך,
ווייל דו האָסט ליב זיך צו פאַרשמוצן. —

דער זייגער און דאָס האַרץ

דער זייגער,
וואָס אַ פּאָעט האָט אין קאַמזויל געטראָגן
און וועלכער האָט אי פֿרי, אי שפּעט געשלאָגן
אַלץ אויפֿן זעלבן שטייגער,
האָט איינמאָל זיך געווענדט צום האַרץ פֿון דיכטער:
— אַנטשולדיק, האַרץ, פֿאַר זיין דיין ריכטער,
נאָר כ'מוז דיר זאָגן,
אַז עפּעס איז מיט דיר ניט גלאַט: —
אָט שלאָגסטו פֿיבערהאַפֿט און גיך
און אָט שוין שטיל און מאַט.
מען טאָר ניט, האַרץ, אַזוי זיך פֿירן,
מען דאַרף זיך רעגולירן,
ווי אָט צום ביישפּיל — איך. —
— אַ דאַנק דיר, ראָטגעבער און ריכטער!
געענטפֿערט האָט דאָס האַרץ פֿון דיכטער:
נאָר בלייבן וועל איך שוין מיט דעם חסרון,
איך בין פֿון אײַזן ניט געמאַכט געוואָרן. —

דער ראַק

דער ראַק, אַנומלט,
איז צו דעם מענטש געקומען מיט אַ טענה,
געטופּעט מיט די אַלע פֿיסלעך זיינע,
געקריצט די ציינער אין די קלעמען און געטומלט,
אַזוי צו זאָגן:
— אַ שלעכטן שם האָסטו אויף מיר אַרויסגעטראָגן,
אַז הינטערווײַלעכטס קריך איך מיטן לא-יזכר.
עס איז מיין פּנים, ניט מיין אָחור. —
אויפֿסניי דעם נפֿש דעם געקריוודעטן באַטראַכט,
האָט זיך דער מענטש צעלאַכט:
— איך אויף דיין אָרט וואָלט ניט דערמאָנט עס, ניט געדאַכט.
ווייל אויב עס איז ניט שיין
אויף הינטערווײַלעכטס גיין,
איז שענער דען, מיין שיינער בחור,
אַ פּנים האָבן ווי אַן אָחור? —

די צווײ ציגן

אין טעג פון שנייען —
זאַווייען,
אין טעג פון בייסנדיקע פרעסט,
ווען שפּייז פעלט אויס דער חיה,
האָט מיט דער ציג, וואָס עסט
ביי מענטשן קעסט,
געטראָפן זיך די ווילדע ציג, די פרייע.
— אוי, שוועסטער, ביסטו לייביק, קיין עין־הרע! —
האָט פול מיט קנאה
באַמערקט די ציג די דינע,
וואָס לעבט שוין וואָכנלאַנג אויף קאָרע.
— מיין באַלעבאָסטע לאָזט מיך ניט פאַרוועלקן.
איך בין ביי איר אַ גאַנצע שמעלקע, —
האָט זיך באַרימט די דיקע.
— פאַרוואָס? פאַרוועןן? —
— איך בין אַ מעלקעדיקע. —
— אַזוי! און איך האָב ערשט מקנא דיר געווען.
נאָר כ'וועל שוין ליבערשט וועלקן,
אַבי זיין פריי און זיך ניט לאָזן מעלקן. —

דער וואָלף און דער אייזל

אַמאָל האָט צו דעם אייזל מיט די ברייטע ביינער
געזאָגט דער וואָלף, זיך שאַרפנדיק די ציינער:
— לאַ־די עס פעלט דיר שכל,
ביסטו נאָך אויך אַ כאָס פון כאַמעס.
ווי נאָר איך קום אין דיינע דלת־אמות,
באַלד דרייסטו אויס זיך מיטן „זייטשע־מוחל". —
— איך ווייס ניט פון קיין חכמות? — יאָ, געוויס, —
געענטפערט האָט דער אייזל און געבריקעט מיט די פיס:
דעריבער טאַקע וויל איך מיטן פנים
ניט שטיין צו מיינע שונאים. —

דער אָקס און די מערעשקע

פון יאָך געריבן,
פון בייטש געטריבן,
האָט אין אַ טאָג, ווען ס׳האָט די זון געפלאַקערט,
דער אָקס די ערד געאַקערט.
געווייקט האָט שוויים די ריפּן,
געפליִצט האָט גאַווער פון די ליפּן,
געוואַקלט האָבן זיך די פיס ווי לאָמע,
געפאָכעט האָט דער אָקס מיט דער נשמה
און טרויער האָט געוויינט אין זיינע אויגן.
— העי, חבר דו, פאַרוואָס אַזויפיל טרויער? —
האָט אים געפרעגט ניט אָן באַדויער
די קליינע מערעשקע, וואָס האָט געצויגן
מיט פליים און האַסט
אַ גרויסע לאַסט.
— דו פרייע אַרבעטאָרין, פרעגסט מיך נאָך, —
האָט אויסגעזיפצט דער אָקס אין יאָך:
ווי ווויל איז דיר אין דיין קיבוץ,
דו אַרבעטסט פאַרן אַלגעמיינעם נוץ,
און איך ווער אויסגעריסן,
אַז ס׳זאָל דער באַלעבאָס געניסן. —

דער וואָוקאַלאַקע

עס זאָל אַזוי ניט טרעפֿן, ווי עס טרעפֿט, —
דער הונט אַמאָל פֿאַרנעמט די שטים
פֿון וועלפֿיש בלוט אין אים,
פֿאַרראַט דעם מענטש, און ווען ער האָט זיך באַהעפֿט,
און ווערט צוריק אַ וואָלף, אַ וואָוקאַלאַקע.
אַזוינס האָט טאַקע
מיט אונדזער פֿאַסטעכס הונט פּאַסירט
(אַ וואָלפֿיכע אַוודאי
האָט אים פֿאַרפֿירט)
און פֿון דער שעפּסן־סטאַדע,
וואָס ער אַליין האָט זי אַמאָל באַוואַכט,
געוואָרגן האָט ער לעמער נאַכט נאָך נאַכט.
מיט ביקס און קויל
אַוועקגעשטעלט זיך אין פֿאַרהויל,
האָט אָפּגעוואַרט דער פּאַסטעך דעם פֿאַררעטער.
אַ שאָרך פֿון בלעטער,
דאָס קאָצל קומט.
אַ שאָס, און ס׳וואָיעט אַ פֿאַרוווּנדעטער דער הונט:
— דאָס לעבן שענק מיר, באַלעבאָס!
איך בין דיין טרייער הונט געווען אַזויפֿיל יאָרן. —
— געווען, געווען. צום סוף אַ וואָלף געוואָרן,
איז גרעסער נאָך דעריבער דער פֿאַרדראָס, —
געענטפֿערט האָט דער פּאַסטעך אין זיין צאָרן
און מיט אַ צווייטער קויל
פֿאַרמאַכט דעם וואָוקאַלאַקעס מויל.

דער באָק און דער הונט

דער באָק, דער שטאַרקסטער שטויסער פון די בעק
(ער לייגט זיי מיט איין שטויס אַוועק),
דער העלד פון אַלע ציגן אין דער געגנט, —
דער באָק, אַריינגעשפרונגען אין פאַרצאַמטן גאָרטן,
האָט אים דער וואַכהונט דאָרטן
מיט ציינער אויסגעשטשירעטע באַגעגנט.
האָט אונדזער באָק די הערנער אָנגעשטעלט צום שטויס,
די באָרד געטרייסלט, שטאָלץ ביי זיך און גרויס,
און אויסגעמעקט מיט בראַוואַדאָ:
— צי ווייסטו קעגן וועמען, כלב איינער,
דו שטשירעסט דיינע ציינער?
אַ מלך בין איך אין מיין סטאַדע. —
— אוי־וואַ! אָט לייג איך זיך צו דיינע פיס אַוועק, —
האָט פון דעם באָק דער הונט געשפּעט:
דו מעגסט ביי דיינע ציגן זיין אַ מאַיעסטעט,
ביי מיר ביסטו אַ באָק ווי אַלע בעק. —

דער בינען־צוכטער און די בינען

דער זשעדנער בינען־צוכטער האָט דעם גאַנצן זיסן ברויט,
דעם גאַנצן האָניק ביי די בינען צוגענומען,
זיי גאָרנישט־ניט געלאָזן פאַר דער ווינטערנויט.
שוין נאָכן ערשטן פרעסטל, וואָס פאַרדאַרבט די בלומען,
צו הונגערן איז די באַרויבטע אויסגעקומען.
ויהי־היום, ווען ס׳האָט דער זאַטער
עקספּלואַטאַטאָר
אַרום דעם אויסגערויבטן בינשטאָק זיך באַוויזן,
באַפאַלן זיינע אים די בינען מיט פאַרסמטע שפּיזן.
— מיר גייען אוים פון הונגער, באַלעבאָס!
געזשומעט האָבן זיי, געמורמלט מיט פאַרדראָס:
איז דאָס דער שכר דער שווער־פאַרדינטער
פאַר אונדזער זומער־מי —
צו שטאַרבן מיט אַ הונגערטויט פאַרפרי,
נאָך ערב־ווינטער? —
— איז וואָס־זשע ווילט איר פון מיין לעבן? —
האָט מעשה־תם דער רויבער,
צום ווייגעשריי אַ טויבער,
אַ זאָגעלע געגעבן:
בין איך דען פאַר די קעלטן ערוב?
האָב איך געמאַכט די בלומען חרוב?
אַ שלעכטע צייט, איז דאַרף מען זיין געדולדיק. —
— ניט פאַר די קעלטן ביסטו שולדיק,
נאָר פאַרן רויבן אונדזער זיסן ברויט,
דעם אָנגעגרייטן פאַר אַ נויט, —
געענטפערט האָט דער בינען־ראָי דעם תם
און האָט די שפּיזן מיטן סם
אַריינגעשטאָכן אים אין פנים און אין קאַרק,
אַז ער איז אויפגעשוואָלן ווי אַ באַרג.

די קראָ און די טויב

זינט ס׳איז געפאַלן פון אַ קויל
דער וואָלף, וואָס האָט געהאַלטן אַלעמען אין גרויל,
האָט אָפּגעאָטעמט פריי דער וואַלד —
אַ סוף צום גוואַלד!
נאָר בלויז די קלאָגמוטער, די קראָ
האָט זיך צעקראַקעט, לאמור:
— וואָס טוט זיך דאָ?
די ווילדע קאָזע שפּרינגט זיך אויף די ביימער;
דער האָז איז דאָך אַ העלד אַ גאַנצער;
דער יאָזש באַהאַלט זיך ניט אין פאַנצער;
צעלאָזן לויפט דער הירש, פון פּחד פריי...
ס׳איז הפקר־פּעטרישקע זינט ס׳איז דער וואָלף פאַרביי. —
— העי, מומענקע, מען קען דיך, —
האָט איר געזאָגט די טויב די ווייסע:
פון דיינע ווערטער איז צו זען דאָך,
אַז ס׳איז פאַרקערט די מעשה.
אַז גליקלעך זיינען אַלע, זאָגסטו דאָך אַליין.
איז בלויז אויף דיר אַ ביטערער רחמנות: —
ווי קאָנסטו אָפּלעקן אַ ביין,
אַז ס׳פאַלן שוין ניט מערער קיין קרבנות? —

דער שפּיגל און דאָס בילד

דער שפּיגל אויף דער עלטער,
אַ מוטנער, אַ פאַרגעלטער,
ווי אויסגעשמירט מיט יאָדע,
ווען מיט די נייע מעבל פון דער לעצטער מאָדע
צום ערשטן מאָל צונויפגעפירט געוואָרן,
האָט זיך אויף איין מאָמענט אפילו ניט פאַרלאָרן,
נאָר אָפּגעשפּיגלט האָט ער אויפן שטעל
אין פּנים זיינעם אָן אַ זעל
די נייע וועלט, ווי קאָנען וואָלט ער זי פון יאָרן,
דערביי די אַלטע אויסגעמעקט פון זיין זכרון.
— איך פּאַס זיך צו.
וואָ׳דען, ווי דו? —
געווענדט זיך האָט ער צו דעם אַלטן מייסטערבילד,
וואָס האָט זיך אין דער סביבה פרעמד געפילט.
— דאָס פּנים בייטן
צו אַלע צייטן
איז גרינג פאַר דעם, וואָס האָט קיין פּנים ניט אַליין, —
האָט אים דאָס בילד געזאָגט זיין מיין:
איך אָבער האָב אַ פּנים אַ באַשטימטן,
אָן אייגן א י ך,
איך בין געטריי מיין מייסטער דעם באַרימטן,
איך ענדער ניט קיין שטריך. —

דאָס וואַסער און דער טאָפּ

דער טאָפּ פון ליים, פאַרשוואַרצט פון פעטס און רויך
(שוין ניט קיין נייער),
געשטאַנען איז אין הייסע קוילן ביזן בויך,
געוווינט צו פייער.
דאָס וואַסער אין זיין אינגעווייד
האָט ניט פאַרטראָגן די געברענטע לייד,
געשליידערט זיך אין קאָך,
געמורמלט אויף זיין בראָך
און אויסגעלאָזט זיין צאָרן צו דעם טאָפּ פון ליים.
— ווי שטייט מען מיט אַ קאַלט געמיט,
ווען ס'ברענט און בריט! —
צעשפּריצט זיך האָט דער אָקריפּ ווי מיט שליים:
איך ווייס פאַרוואָס דו שטייסט אַזוי געמאַך,
דו ביסט אַ טויטער שאַרבן, אַרט דיך ניט קיין זאַך. —
— אַז איך בין ניט קיין שאַרבן, ניט צעבראָכן,
זאָגט עדות דאָס, וואָס כ'טויג צום קאָכן, —
געענטפערט האָט דער „קאַלטער לונג-און-לעבער":
נאָך מער, — אַ שוואַכן האָט באַשאַפן מיך דער טעפּער.
געוואָרן בין איך שטאַרק אין פייער און אין פלאַם,
וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אַן אַ טאַראַראַם.
ווען דו, חלילה, וואָלסט געפּרוּווט געוואָרן
אַזוי אָן אויפהער, ווי געווען בין איך געפּרוּווט,
וואָלסטו, מיט גאָר דיין שטורעם, גאָר דיין צאָרן,
זיך אויסגעדעמפּט, צעגאַנגען אין דער לופט. —
— — —
אין פייער פון יסורים שטאַרקט זיך איינער
און ביי אַ צווייטן ווערן ווייך די ביינער.

די קו צוגאַסט

אַמאָל, ווען ס'איז געווען אַ גרויסער פראָסט,
האָט אויף זיין קו אַ פּויער זיך דערבאַרעמט —
צו זיך אַין כאַטע זי אַריינגעלאָזט,
זי אָנגעוואַרעמט
און אונטערן נאָז
איר עסן צוגעטראָגן עפּעס-וואָס.
— עס, קיעלע, זיי היימיש אין מיין כאַטע! —
צו איר האָט ער געזאָגט, געגלעט זי ווי אַ טאַטע.
די קו האָט ניט געלאָזט זיך בעטן לאַנג,
אַ לעק געטאָן דעם פּויער, ווי געזאָגט אַ דאַנק,
און באַלד צום עסן זיך גענומען.
(אַ גוטע עסערקע איז זי געווען בכלל;
בפרט, ווען נאָך דער קעלט פון שטאַל,
ס'האָט זי די וואַרעמקייט צענומען.)
דעם צעבער אויסגעלעקט, האָט זי באַניים
געמעלה-גרהט יעדן ביסן שפּייז,
ביז ס'איז איר ווויל באַקומען.
דערנאָך, אין כאַטע ווי אין שטאַל, נאַטירלעך
(פון וואַנעט זאָל זי וויסן
ווי אויפצופירן זיך מאַנירלעך?),
האָט אונדזער קו דעם עק פאַרריסן...
— נו, דאָס איז שוין צו פיל, מיין אורח! —
האָט מיט אַ מי-שברך,
צו שילטן זיך ניט אויסן,
געכאַפּט זיך אונדזער פּויער,
אַרויסגעפירט די קו אין דרויסן
און זיך געווערטלט, קראַצנדיק זיך אונטערן אויער:
— דו לאָז אַריין אַן אורח, מאַך אים היימיש,
און ער פירט זיך דיר אויף ב ה מ ה י ש. —

דער פּריס און די וואַנץ

פון הויז אַרויס משנה-מקום זיין,
איז דורך אַ שפּאַלט אין טיר דער פּריס געלאָפן
און אויפן שוועל געטראָפן
די ברוינע וואַנץ, וואָס האָט געוואָלט אַריין.
— צוריק, פאַרזשאַווערטע,
ווי גאָט אין הימל איז דיר טייער! —
געוואָרנט האָט דער פּריס זיין חברטע:
איך לויף אַליין פון דאַנען ווי פון פייער.
דאָ וווינט אַ מענטש אַ הייליקער, אַ ריינער,
אַ פּאַסטער — הויט און ביינער.
אין הויז קומט ניט אַריין קיין ברעקל שפּייז.
תעניתים פּאַסטן מוז דאָ אויך אַ פּריס
און ס'קומט ניט אויס דעם אויסגעדאַרטן
אויף עולם-הבא לאַנג צו וואַרטן.
אַ וואַנץ וועט אויך פון עולם-הזה דאָ ניט נאַשן,
ווייל ס'האַלט דער מענטש זיך אין איין טובלען, אין איין וואַשן
און ווי זיין לייב און האַנט,
אַזוי איז ריין זיין בעטגעוואַנט.
דערצו איז ער אַ קליינער שלעפער,
ער כאַפּט זיך אויף און איז מתפלל צום באַשעפער.
ביז דו וועסט זיך דערוואַרטן אויף אַ ביס,
וועסטו אויפריער אויסציען די פיס.
— איך דאַרף ניט פיל, אַ שמעק איז אויך דיינו, —
געענטפערט האָט די וואַנץ איר חבר:
און וועגן מענטשן הייליקע און ריינע
וועל איך פאַרטרויען דיר אַ סוד, נאָר — שאַ! —
ניטאָ קיין מענטש אַזאַ,
פון וועמען ס'זאָל ניט גיין קיין אויר. —

דער געלערנטער אייזל און דער פוקס

דער אייזל, ווייל מען האָט פון אים געמאַכט לצנות,
האָט אויף־צו־להכעים זיך געלערנט מיט עקשנות,
וואָס אָן אַ שיעור פאַרמאָגט ער,
און האָט געקראָגן אַ דיפּלאָם אויף דאָקטער.
געקראָגן דעם טיטול,
איז באַלד דער אייזל מיט נצחון
אַוועק צום פוקס דעם חכם,
וואָס האָט זיין חכמה ניט געלערנט אין קיין שול,
און אַ דיספּוט מיט אים פאַרפירט.
דער דאָקטער האָט פון טעקסטביכער ציטירט,
זיין קעגנער אָבער האָט געבליצט
מיט אייגענעם פאַרשטאַנד
און דער, וואָס דעם דיפּלאָם באַזיצט,
איז צוגעשפּאַרט געבליבן צו דער וואַנט.
פאַרלאָרן דעם דיספּוט,
נאָר צופיל עקשן אָנצונעמען עס פאַר גוט,
האָט דאָקטער אייזלקאָפּ צו דעם בעל־שכל
געשטעלט זיך מיטן „זייט־זשע־מוחל”
און מיט די הינטערפיס פאַרמאָסטן זיך צו געבן
זיין אָפּאָנענט
אַ שלאָגנדיקן אַרגומענט.
אין צייט זיך אָפּגעטראָגן מיטן לעבן,
האָט זיך דער פוקס צעלאַכט: — אוי, שלאָגט ער,
ווי מיט אַ האַמער.
אַן אייזל בלייבט דער זעלבער חמור,
אַפילו ווען ער איז אַ דאָקטער. —

דער ראַץ אין ביבליאָטעק

(נאָך פּיער לאַשאַמבאָדי)

דער זשוואַרטער ראַץ האָט טאָג און נאַכט
אין ביבליאָטעק פאַרבראַכט: —
פון מעריסנע געוואָרפן זיך צו סוויפטן,
פון בייראָנען געשפּרונגען צו סענעקען,
ניט אויפגעהערט צו נישטערן און שמעקן,
פאַרזוכט פון אַלע שרייבערס שריפטן —
פון די ראָמאַנטיקער און פון די רעאַליסטן,
פון די באַגייסטערטע און פון די פּעסימיסטן.
און גרינג איז אים, וואָס בייסט,
אַלץ אָנגעקומען, ווי פון זיך אַליין,
ווייל בלויז די דינקייט פון פּאַפּיר און ניט פון גייסט
צעביסן האָבן זיינע שאַרפע ציין.
האָט איינמאָל אויסגעטרילט צום ראַץ דער נאַכטיגאַל —
ניט לאַנג אין שטייג, אַ גאַסט אין לייענזאַל:
— האָסט זיכער פיל געליי'נט,
דיין גייסט באַרייכערט און באַשיינט. —
— ווער האָט געדולד צו ליי'נען! —
געענטפערט האָט דער ראַץ, דערביי געגריזשעט היינען:
איך דאַרף חיונה, ניט די תורה,
זיינען ביכער אויך אַ סחורה.
און זע — איך קריג אַ בייכל פון די ספרים,
אַפילו ווען מיין גייסט איז אָרעם. —

— — —

פאַראַן אַ סך אין קרייז פון ליטעראַטן,
וואָס זיינען ענלעך אויפן ראַץ דעם זאַטן. . .

די טשוועקלעך און די פלעקלעך

צוזאַמען מיט די האַמערס, מעסערס, צוואַנגען, באַרשטן
געלעגן זיינען פאַרן שוסטער אויפן וואַרשטאַט
די טשוועקלעך און די פלעקלעך
בשכנות אין צוויי פלאַכע דעקלעך.
האָט זיך געטראָפן
(פון שמעקן טאַבעקע צי פון אַ לופטצוג: —
געווען איז אָפן
די טיר אַנטקעגן לופטשיק),
רב סנדלר האָט געטאָן אַ נאָס,
אַ שאָס,
אַז אויפגעהויבן האָט פון אָרט די פלעקלעך
און זיי אַריינגעשליידערט צו די טשוועקלעך.
— איר שוואַכלינגס! — האָבן מיט פאַראַכט
די אייזערנע געמאַכט:
אַ בלאָז
פון נאָז
האָט אייך פאַרטריבן.
מיר זיינען אויפן זעלבן אָרט געבליבן. —
נאָר דאָ, די שונאים צו צעפירן,
דערביי קיין צייט ניט צו פאַרלירן,
האָט דעם מאַגנעט דער שוסטער זיך צו הילף גענומען.
און וואָס איז פאָרגעקומען? —
די שטאַרקע האָבן פון דעם וואָפן
געלאָזן זיך פאַרשקלאַפן,
די שוואַכע, זעסטו,
געבליבן זיינען ליגן פעסטע.

דער קאָפּ און דאָס האַרץ

דער קאָפּ
האָט פון אויבן אַראָפּ
געזאָגט צום האַרצן, וואָס שפּייזט
אַלע אברים מיט בלוט:
— ווען איך, דער גייסט,
הער אויף צו פאַרשטיין וואָס איז שלעכט און גוט,
וווּהין — מיט דיין ווילדן בלוט —
וואָלט דער קערפּער פאַרקראָכן? —
— ניט נעם זיך איבער, מיין חכם, —
האָט געענטפערט דאָס האַרץ אין גוטן מוט:
ווי קאָנסטו גאָר וויסן
וואָס איז שלעכט און גוט,
אַז אין דיר טוט פליסן
דאָס זעלבע ווילדע בלוט? —

דער באַלאָן און דער זעגל

אַ לופטבאַלאָן, וואָס עמעצער האָט פריי געלאָזן,
איז איבערן ים
געפלויגן סתם,
וווּהין די ווינטן בלאָזן.
איז קעגן אים אַ זעגל אָנגעשוווּמען
און אָפּלאַכן גענומען:
— דו שוואַכלינג איינער!
דו הויט אַן ביינער!
ווי שעמסטו זיך ניט זיין ביים ווינט אַ שפּילצייג?
אָט קוק אויף מיר — איך שווים וווּהין מיר ווילט זיך:
אי מיטן ווינט אי קעגן אים.
מיט מיר דער ווינט וועט זיך ניט שפּילן.
ניט איך פאָלג אים, נאָר ער פאָלגט אויס, וואָס איך באַשטים.
איך האָב אַ פרייען ווילן. —
— דו שפּאַסט, —
האָט דער באַלאָן געלאַכט צוריק:
און וואָס איז מיט דער שטריק,
וואָס צוימט דיך, קערעוועט אַרום דער מאַסט?! —

די כוואַליע און דער פעלדז

אַ כוואַליע האָט געשטורעמט
מיט שוימענדיקן ברויז
אַ פעלדז, וואָס האָט פון ים אַרויס
אַרויפגעטורעמט.
— אַוועק
פון וועג,
פאַרוואַקסענער מיט מאָך! —
האָט זי געברויזט, גערוישט אין קאָך:
ביי מיין צערייצטער גבורה שווער איך
אין אָפּגרונט דיך אַראָפּצושווענקען, אַלטער תרח! —
— וואָס זאָל איך, שוויצערקע, דיר זאָגן? —
האָט איר דער פעלדז געענטפערט איינגעהאַלטן:
אין מיר, דעם אַלטן,
האָט ניט איין כוואַליע זיך דעם קאָפּ צעשלאָגן;
אָט אין דער ברוסט, וואָס גרינט
פון יאָרן, אַ באַמאָכטע,
האָט ניט איין ווינט
צעבראָכן זיך די פליגל די צעפּאָכטע.
נאָר, ווי דו זעסט,
איך שטיי אַלץ פעסט
און מידע פייגל זיינען מיינע געסט. —

— — —

די כוואַליע איז דער מאָדערניסט דער נייסטער,
דער פעלדז — דער קלאַסיקער, דער אַלטער מייסטער,
דער מוסר-השכל פון דער פאַבל:
אַ כוואַליע איז נאָך ניט קיין מבול.

דער גאָלדזוכער און דער קראָט

אַ גאָלדזוכער האָט אויף אַ פעלד געפּאָרשט דעם באָדן;
ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳איז מיט רייכטום אָנגעלאָדן.
און ווי ער האָט אַזוי מיט גרויס בטחון
די ערד געגראָבן און געבראָכן,
האָט עפּעס זיך געטאָן אַ גראַבל,
און אויסגעוואָקסן איז דער קראָט ווי אַ מחבל,
און צו דעם זוכער זיך געווענדט:
— אויב עפּעס פון אַ גרויסן ווערט
דאָ זוכסטו אין דער ערד,
איז נאָר אומזיסט די מי פון דיינע הענט.
איך בין אַליין אַ גריבלער, ווי דו ווייסט,
אָט דאָ, אַוווּ דו שטייסט,
האָב איך, זיך גריבלענדיק, די נעגל זיך צעבראָכן,
בין אין דער לענג און אין דער ברייט געקראָכן,
נאָר אויסער זשוקעס, שלענגעלעך און ווערעם
געפונען האָב איך גאָרניט אין דער ערדס געדערעם. —
— און וואָס איז דאָס? —
האָט זיך דער זוכער איינגעבויגן
און ביי דעם גריבלער אונטערן נאָז
אַ גאָלדן שטיינדל פון דער ערד אַרויסגעצויגן.
— קיין וווּנדער ניט, מיין קראָט! —
האָט ער געזאָגט מיט שפּאָט:
זיך גריבלען האָסטו טאַקע האָלד,
נאָר זוכן זוכסטו ניט קיין גאָלד. —

די פליגל און די פיס

כדי דעם ווילן
פון גרויסן שווערן פויגל צו דערפילן —
זיך אויפצוהייבן פון דער ערד און פליען —
צענומען האָבן זיך די פליגל מיט אַ שווונג
און אָנגעצויגן האָבן זיך די פיס צום שפּרונג.
— צו וואָס נאָך זאָלט איר זיך באַמיען? —
געווענדט זיך האָבן, כלומרשט, זיס
די פליגל צו די פיס:
מען וועט שוין פליען אָן אייך אויך. —
— זיך איינמאָל אויפגעהויבן אין דער הייך,
וועט איר שוין פליען אויף געוויס, —
געענטפערט האָבן זיי די פיס:
נאָר ווייזט אַ קונץ
און הייבט זיך אויף אָן אונדז.
מיר זעצן זיך אַוועק. —
און ס'האָבן זיך די פליגל אין צעשטרעק
צעפאָכעט, נאָר אָן פּעולה: —
פאַרלאָרן פעדערן אַ פולע,
זיך אָנגעמאָרדעוועט און פאָרט
ניט אויפגעהויבן זיך פון אָרט,
געבעטן האָבן זיי די פיס זיך צו באַמיען
און העלפן זיי צו פליען.
— מיר וועלן שוין געדענקען אין די הימלען אויבן,
אַז ס'העלפן אונדז די פיס זיך אויפצוהייבן, —
פאַרלאָרן דעם געוועט,
געשוואָרן האָבן זיך די פליגל מיט געבעט.

די צווייי שטראָמען

צוויי שטראָמען פון איין קוואַל,
אַרויס פון אונטערערדישן קאַנאַל,
פון זעלבער גריים געוועזן זיינען ביידע,
נאָר נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעשיידטע
געהאַט פיל מײַלן אָפּגעלאָפן
און ווידער זיך געטראָפן,
איז איינער פאַר דער צייט געוואָרן פולער, ברייטער
און שיעור ניט טרוקן איז געווען דער צווייטער.
— וואָס האָט, מיין פריינד, מיט דיר פּאַסירט? —
האָט זיך דער פולער שטראָם אינטערעסירט.
— אַך, זאָלסט שוין גאָרניט פרעגן!
האָט יענער זיך באַקלאָגט:
צו פליסן אין די ענגע ברעגן
האָב איך זיך אָפּגעזאָגט.
איך האָב צעגאָסן זיך אָן ענד
און מיינע וואַסערן פאַרשווענדט,
אָט ווי דו קוקסט מיך אָן.
און דיר, איך זע, איז גראָד געגאַנגען בעסער.
דערצייל מיר, ברודער, וואָס האָסטו געטאָן,
וואָס דו ביסט נאָך געוואָרן גרעסער? —
און ס'האָט דער פולער שטראָם דערקלערט:
— מיך האָט דער לייכטזין ניט פאַרפירט.
איך האָב ווי דו זיך ניט צעגאָסן, נאָר פאַרקערט:
זיך אין די ברעגן קאָנצענטרירט. —

די בריק און דאָס אייז

די בריק,
וואָס איבער איר הויקער אַהין און צוריק
איז תמיד אַן עולם געפאָרן, געגאַנגען,
איז ווינטער פאַרלאָזט אויף די פאַליעס געהאַנגען,
ווייל אויסגעלייגט גלייך,
ווי לויט אַ געצויגענעם שנור,
דער וועג אויפן אייז, אויף דער בריק פון נאַטור,
פירט דעמאָלט אַריבער דעם טייך.
האָט איינמאָל דאָס אייז צו דער בריק זיך געווענדט:
— אָט האָסטו אַ מוסטער, מיין קאָנקורענט,
ווי מענטשן באַדאַנקען אַ דינער אַן ערלעכן: —
האָסטו ניט געטראָגן זיי, ווי אויף די הענט,
אַריבער דעם טייך דעם געפערלעכן?
נאָר איך בין געקומען (אַ גרויסע מציאה!
פאַרקירצט אויף אַ שפאַן די נסיעה),
פאַרלאָזן די מענטשן די בריק די געטרייע,
פאַרלאָזן די אַלטע און נעמען די נייע.
דערפאַר, ווען איך קאָן זיי פאַרראַטן,
פאַרראַט איך זיי גלייך —
איך ברעך זיך און גליטש זיי אַרונטער אין טייך,
אַראָפּ פון מיין רוקן דעם גלאַטן.
אויך דו וואָלסט באַדאַרפט אַזוי טאָן.
אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן. —
— איך צאָל ניט מיט שלעכטן צוריק, —
האָט געענטפערט די בריק:
איך וועל דינען די מענטשן אויך ווייטער געטריי.
ווייל זיי צו דערטרינקען,
באַדאַרף איך דערביי
אַליין זיך צעברעכן און זינקען. —

דער טשוואָק און דער האַמער

דער טשוואָק, ווען ס׳האָט דער האַמער אים מיט שווונג
אין האָלץ אַריינגעשלאָגן,
האָט צו זיין שלעגער מיט אַ קלונג
געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:
— ווייל דו ביסט טעמפּ, און שווער, און גראָב —
אַ געזונטער זשלאָב,
דעריבער ביסטו פאַר אַ שלעגער ווי באַשאַפן. —
— דו שקלאַף פון אַלע שקלאַפן! —
געענטפערט האָט דער האַמער און געזעצט:
ווייל ס׳איז דיין קעפּל צוגעפּלעטשט,
דעריבער ביסטו, פלאַכער קאָפּ,
צו מיינע קלעפּ אַן אונטערטעניקער,
ווי צו דעם שווערן פויסט — אַ כלאָפּ. —
— און ווער איז דאָס דער יעניקער,
וואָס ער איז ניט צו קלעפּ אַן אונטערטעניקער?
און דאָך צעבייג איך זיך אַמאָל, אַ ווידערשפּעניקער, —
האָט אָפּגעהילכט דער טשוואָק אין קידער־ווידער־קלאַנג:
דו אָבער, שקלאַף, ווי נאָר מען הייבט דיך אויף,
שוין פאַלסטו אויף מיין קאָפּ אַרויף
אַליין, אָן צוואַנג. —

די ווינקלען און די שוועל

די ווינקלען פונעם דיל
געלעגן זיינען, יעדער מיט זיין שפּיץ —
זיין אייגענעם באַזיץ —
און צו דער וואַנט גערעדט זיך שטיל:
— אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, שלא־עשני שוועל —
אַ טרעטברעט אין רשות־הרבים
צו טרעטן און צו שקראַבען
מיט זוילן און אָפּצאַסן.
אוי, ווי זי ווערט דאָס שמוציק שנעל!
מען האַלט זי אין איין וואַשן. —
און ס'האָבן אויסגעהערט די רייד
די ווענט, וואָס האָבן אויערן,
און האָבן זיי צעשפּרייט
אין טירן און אין טויערן.
דערוווּסט זיך, אַז ס'באַריידן זי די ווינקלען,
האָט אָפּגערופן זיך די שוועל:
— געהערט אַ מעשה! נו, און זיי? זיי פינקלען?
איך ווייס ניט וואָס איז בעסער:
צו ווערן שמוציק שנעל,
נאָר גרינג און אָפט דערפאַר זיך וואַשן,
צי לאַנגזאַם זאַמלען שמוץ (אַמאָל אויך שפּינען פּאַשען),
מען זאָל ניט קאָנען אָפּצוקראַצן מיט קיין מעסער? —

— — —

ווי אָפט, אין אייגן ווינקל איינגעזעסענע,
פאַרזעען זיי, די זאַטע,
די אומצוכט זייערע, די איינגעגעסענע,
די שטרענג־פּריוואַטע.

די וועווערקע און דער בער

אין שפּעטן אָסיען, זיך פאַרזאָרגט אויף ווינטער
מיט נים אויף דער וואַקאַציע פאַרדינטער,
האָט פון אַ הויכן בוים באַדאַכט
די וועווערקע גאַנס וועלט באַטראַכט.
דערזען דעם בער, אַ שווערן און אַ מאַטן
(פון פרעסן פלייש און האָניק און סאַלאַטן),
מיט רויטע אויגעלעך, וואָס קלעפּן זיך,
אַ גענעצדיקן, שלעפּן זיך
און אין דער בלאָטע פּאַטשן
מיט זיינע לאַפּעס ווי מיט אויסגעקרימטע לאַטשן,
האָט וועגן דעם כל-בוניק
די וועווערקע געטראַכט זיך מעשה-פילאָזאָף:
— עס גייט שוין רוען בערעלע ראַזבאָיניק,
אַ ווינטערלאַנג וועט דויערן זיין שלאָף,
איז דאַנק איך גאָט דערפאַר: אַ דאַנק דיר און אַ לויב,
וואָס לאַנג וועט שלאָפן דער, וואָס לעבט אויף רויב.
אָ גאָט גערעכטער, אפשר וועסטו מאַכן,
אַז ער זאָל קיינמאָל ניט דערוואַכן?
איך דאַנק און פאַר גאָטס משפּט טו איך זיך פאַרנייגן
פאַר נאָך אַ טעם, וואָס פון זיין לאַפּע וועט ער זייגן,
דער בלוטזויגער — זיין אייגן בלוט. —
און ס'האָט די וועווערקע אין גוטן מוט
צעקנאַקט אַ נוס אַ האַרבן,
געקייט דעם זיסן יאַדער און געקוואָלן,
דעם קומענדיקן ווינטער זיך געמאָלן
מיט ווייסע פאַרבן.

דער טיגער קעגן לייב

דער טיגער, וואָס מיט בלוט איז קיינמאָל ניט קיין זאַטער,
איז קעגן לייב, דעם קיסר אויפגעשטאַנען
און האָט געהעצט די חיות, יענעמס אונטערטאַנען:
— אַרונטער מיטן לייב, דעם אימפּעראַטאָר!
גענוג אים שוין צו טרינקען אײַער בלוט!
איך זאָג אײַך צו (מיין וואָרט איז גוט),
ווען איך וועל הערשן אויף זיין אָרט,
וועט מער ניט זיין קיין מאָרד. —
— צו וואָס דיין צוזאָג, ווען מיר קאָנען דיין כאַראַקטער?
פֿאַר אַלעמען, וואָס ציטערן,
געענטפערט האָט דעם ביטערן
דער יאָזש, אין פּאַנצער אַ געוואַגטער:
שוין איידער דו זאָלסט אונדזער רעטער ווערן,
איז בעסער צו דעם לייב געהערן.
ווייל כאָטש קיין צדיק איז ער ניט,
דאָך מוזן מיר דעם אמת זאָגן:
דער לייב פֿאַרצוקט ניט אויפן פולן מאָגן.
נאָר פון אַ טיגער זאָל מען ווערן אָפּגעהיט —
צי הונגעריק, צי אָנגעזעטיקט,
ביי אים די ציין און נעגל זיינען תמיד טעטיק. —

די נייטראַלע היענע

עס איז געשען:
אַ קריג האָט ביי די חיות אויסגעבראָכן.
פאַרוואָס? פאַרוועך?
וואָס דאַרפט איר ראיות —
עס טרעפט דען ניט דאָס זעלבע ביי די מענטשן־חיות?
און ברודער האָט מיט ברודער, שכן האָט מיט שכן
מיט ציינער זיך געביסן,
מיט נעגל זיך געריסן,
מיט הערנער זיך געשטאָכן, —
דער שטאַרקער האָט דעם שוואַכערן פאַרצערט.
ס'האָט בלוט ווי וואַסער זיך געגאָסן אויף דער ערד,
די הימלען האָט אַ ווייגעשריי געשפּאָלטן
און גאָט אַליין האָט גאָר די וועלט פאַרשאָלטן...
נאָר די היענע איז געמיטלעך
אין חושך פון דער נאַכט
אַרומגעגאַנגען אויפן פעלד פון שלאַכט,
געגעסן פון די מתים אַפּעטיטלעך
און האָט געלאַכט, געלאַכט:
— אַי גוט! אַי וווֹיל! אַי פיין!
זאָל בלוט זיך גיסן — ס'איז ניט מיין.
איך בין נייטראַל, איך שלאָג זיך ניט אַליין,
איך לעק נאָר אָפּ אַ ביין. —

די פערד און דער וואָלף

וועןן דער טאַבון פון פערד,
אויף פּאַשע אין אַ פרייען פעלד,
האָט אָנקומען דעם וואָלף דערהערט,
האָט ער אין אַ פאַרמאַכטן קרייז זיך אויסגעשטעלט: —
די העלדזער אינווייניק — דער וואָלף זאָל זיי ניט שעכטן;
די הינטערפיס אין דרויסן —
צו בריקען אים און אָפּצושטויסן.
אַ זעץ געקראָגן און אַ רעכטן,
דערזען — די פערדלעך האָבן כוח,
האָט אָפּעלירט דער וואָלף צו זייער שוואַכן מוח:
— איר זענט אַ סך
און זיך צו שלאָגן — גאָרניט שוואַך,
איז דאַרפט איר ניט פאַר מיר זיך היטן.
איר מעגט אָן מורא מיך אַריינלאָזן אין מיטן.
אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון שטאַרקע פערד,
וואָס האָט אַ וואָלף דען פאַר אַ ווערט? —
געטראַכט אַ ווײַלע,
באַשלאָסן האָבן די נאַראָנים:
— ער איז גערעכט. ס׳איז גאָר אַ מעלה
צו שטיין צום שונא מיטן פנים.
קום, וואָלף, אַריין, נאָר היט די ביינער! —
דער וואָלף האָט מערער ניט באַדאַרפט,
אַ נעם געטאָן זיך צו די גאָרגלען, — זיינע ציינער
האָט ער שוין לאַנג אויף זיי געשאַרפט.

— — —

מאַכט רש״י אויפן פסוק:
— פאַרליר ניט, פרייער לאָשעק,
דיין פערדישן פאַרשטאַנד,
ווען ס׳ווערט דער וואָלף אַ רודף-שלום,
נאָר בריקע נאָכאַנאַנד,
ניט לאָז אַריין קיין פינפטן קאָלום.

די צוויי שלאַנגען

דערזען, ווי פון אַ בוים געשווינד
עס פאַלט אַרויף די שטיקשלאַנג אויף איר פאַנג,
קיין קריג אַפילו ניט דערקלערט,
האָט מיט איר שוועסטערקינד
די קלאַפּערשלאַנג
אין יושר זיך פאַרהערט :
— אַזוי גאָר פּראָסט,
צו ווייסן ניט געלאָזט,
אַרויפגעפאַלן און — אַ סוף!
דאָס איז דאָך גלייך ווי הרגענען אין שלאָף.
ווי לייטיש איך בין אין פאַרגלייך מיט דיר —
איך וואָרן מיטן קלאַפּער, אַז איך אַטאַקיר. —
— דו „וצדקתך״, וואָס דו ביסט! —
געענטפערט האָט די שטיקשלאַנג איר צוריק:
איך, לכל-הפחות, בין ניט קיין סאַדיסט,
כ׳דערשטיק מיין קרבן אין אַן אויגנבליק.
דו אָבער, מיט דיין פאַלשער צערעמאָניע
און מיט דיין קליינעם בים פון די פאַרסמטע ציין,
פאַר דיר איז ניט גענוג צו הרגענען אליין,
דו קוויקסט זיך נאָך מיט דער אַגאָניע
פון דיין פאַרסמטן פאַנג,
וואָס מאַטערט זיך נאָך לאַנג.
— — —
דערפאַר מאַכט רש״י:
אין קאָפּ דערלאַנג
דער בעסטער שלאַנג,
פון איר געהירן מאַך אַ קאַשע.

די ברעטער און די קלאַטשע

די קלאַטשע אין די שפּאַלטן פון דעם שיפל,
וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיין טריפל,
האָט צו די ברעטער זיך געדריקט פאַר נחת,
מיט אירע האָר זיי שטיפעריש געקיצלט
און זיך געוויצלט:
— איר זעט וואָס מיינט יד־אחת: —
מיר שווימען אויפן רוקן
און אונדזער בויך איז טרוקן. —
— לא־יצלח, משולחת! —
געוואָרפן האָבן זיך די ברעטער אויף די וועלן:
נו, ווי איז אייך געפעלן
די שווימערקע, די קלאַטשע!
אַ שידוך — אַ מיצאַצע!
אין וואַסער, ווען אַליין, פאַרזינקט זי ווי אַ שוואָם;
אין אונדזער מיט — אַ וויצלער איבער אַ תהום.
מען קאָן מיט איר פאַרשטעקן בלויז אַ לאָך,
אַן איבעריקע איז זי דאָך. —
— וואַרפט זיך ניט מיט מיר, ווען איר האָט שפּאַלטן, —
האָט די פאַרשעמטע זיי געוועדט אַנטקעגן:
ווייל ווען איך וואָלט דאָס וואַסער ניט פאַרהאַלטן,
מיט דעם זיך אַנגעפילט אַריבער זיינע ברעגן,
וואָלט פאַרן שיפל ניט געווען קיין רעטער
און זינקען וואָלטן אויך די ברעטער. —

דער פישער און דאָס פישעלע

דער פישער, וועמען ס'איז אין לעבן שטאַרק געגאַנגען
דעם גרויסן העכט צו פאַנגען,
האָט, צו פאַרנאַרן אים, דעם הלעיטני,
געכאַפּט אַ פישעלע און האָט דאָס קליינע
אַרויפגעשטאָכן דורך די ליפּן אויפן הוק,
פאַר דאָברע־מזל דאָס באַשפּייט,
אַ שפּראָך געזאָגט און האָט אין וואַסער ווייט
פאַרוואָרפן אויפן שנור עס צום פאַרצוק.
— מיר פאַנגען, פישעלע, אינאיינעם
אַ פיינד אַן אַלגעמיינעם, —
האָט, וואַרטנדיק ביים ברעג געדולדיק,
ניט פילנדיק זיך שולדיק,
דער פישער אין דער הייך געטראַכט:
דער העכט ביי מיר אַן ענטעלע האָט אומגעבראַכט,
פאַרשלונגען מיט די ביינער,
און דיך פאַרפאָלגט ער טאָג און נאַכט —
רק לויף פון זיין גרוים מויל מיט שאַרפע ציינער.
שוין איידער לעבן אין איין שרעק,
איז בעסער שטאַרבן און אַ סוף, אַן עק! —
אַזוי האָט ער באַשלאָסן
פאַר אונדזער פישל, וואָס מיט בלוט האָט זיך באַגאָסן
און ניט געקאָנט אַפילו זיך באַקלאָגן,
ווייל ס'האָט דער הוק דאָס מויל אים צוגעמאַכט.
נאָר וואָס וואָלט עס געזאָגט, ווען ס'וואָלט נאָר קאָנען זאָגן?
עס וואָלט געזאָגט, מיר דאַכט,
אַז ביטער איז און שלעכט
דעם פישל, וואָס איז קליין:
פאַרצוקט עס ניט דער העכט אַליין,
איז מקריב עס דער פישער צו דעם העכט.

די ווערעם און די ווענטקע

די ווערעם אין דער ערד,
דער ווענטקעס ט ר י ט דערהערט
(דער פישער מיט דער ווענטקע אין דער האַנט
ווי מיט אַן אָנלען־שטעקן האָט געשפּאַנט,
געקלאַפּט מיט איר אין באָדן, ווי זי וואָלט אַליין
געטופּעט דאָס בשעתן גיין), —
דער ווענטקעס טריט דערהערט,
דערשראָקן האָבן זיך די ווערעם אין דער ערד,
פאַרקראָכן טיף, באַהאַלטן זיך אויף שנעל,
ווי מעגלעך ס'איז פאַר ווערעם, ווען ווערעמן קריכן איז באַשערט.
— איר מעגט אַייך רוען אומגעשטערט, —
האָט זיי דער קראָט, וואָס האָט געגראָבן אַ טונעל,
באַרויִקט און געטרייסט:
די ווענטקע גייט צום טייך
צו כאַפּן פיש, ניט אַייך. —
— ווי ווויל דו ווייסט! —
געענטפערט האָבן אים די ווערעם ביטער:
יאָ כאַפּן גייט זי פיש, נאָר אונדז כאַפּט אָן אַ ציטער,
ווייל אויפן הוק, זיי זאָלן גיבן אים אַ ביס,
איז אונדז די ווענטקע מקריב צו די פיש. —

די פייל און די לוחות

די פייל, וואָס מ׳האָט געפונען אויפן אָרט
פון דעם פאַרברעכן — אין הרוג אַ פאַרשטעקטע,
איז פאַר די לוחות, ווו עס שטייט: „ניט מאָרד!״,
געשטאַנען, אַ באַשולדיקטע, אַ בלוט־באַפלעקטע,
און האָט צו זיי גערעדט,
געטענהט גאָר אַ גרויסע טענה:
— וואָס פרעגט איר ניט ווער ס׳זיינען צו דעם חטא
די שותּפים מיינע?
איך וואַש זיך פון דעם בלוט ניט ריין,
נאָר ס׳בלוט פאַרגאָסן האָב איך ניט אַליין: —
דער וואַלד האָט מיך געשטאַרקט מיט האָלץ פון דעמב;
די ערד האָט מיך געמאַכט צו מיטלייד טעמפּ —
מיט אַייזן פון איר שאַכט;
דער פייער האָט מיך אָנגעהיצט;
דאָס וואַסער האָט מיך האַרט געמאַכט;
דער שטיין האָט מיך געשאַרפט, פאַרשפּיצט;
פאַרגיפטעט מיט איר סם האָט מיך די שלאַנג;
דאָס פעלד האָט מיך מיט פלאַקס געגורט צום שלאַכט,
און ס׳האָט דער מענטש געשיקט מיך אויף זיין פאַנג. —
— בקיצור, — האָט געענטפערט דאָס געריכט,
די לוהות, אין אַ קרוין פון רעגן־בויגן־ליכט:
א מבול ברענג, די גאַנצע וועלט פאַרניכט,
ווייל גאָר די וועלט איז שותּף צום פאַרברעכן.
צי אפשר זאָלן מיר זיך גאָר צעברעכן
און זאָל ניט זיין קיין דין און דיין?
ניין, בלוטיקער כלי־זיין,
מיר וועלן דיך באַשטראָפן שווער,
אַז ס׳זאָלן דיינע שותּפים ניט פאַרברעכן מער. —

דאָס האָלץ און די שטיינקויל

דאָס פלאַמיקע סאָסנאָווע האָלץ, דער הייסער יונג,
האָט מיט אַ פייערצונג
פאַרשייט און פריילעך
אַ לעק געטאָן,
אַ שמעק געטאָן
די שטיינקויל אין איר שוואַרצן הילוך
און באַלד זיך אָפּגעצויגן:
— וואָס ביסטו: האָלץ צי שטיין?
דו ברענסט צי ניין? —
— נאָר ניט געפלויגן! —
געענטפערט האָט די שטיינקויל צו דעם ברען:
דו נעם נאָר מיך אַרום, וועסטו שוין זען. —
ווען ס'האָט דאָס האָלץ אַרומגעכאַפּט מיט זיינע פלאַמען
די קויל, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ שטיין,
האָט זי ניט נאָר געברענט צוזאַמען,
נאָר אויך געברענט אַליין
אַ צייט דערנאָך, ווען אינעם אַש פון הייסן יונג
האָט זיך פאַרלאָשן יעדער פונק.

דער לוח און דער זייגער

אַנומלט האָבן אַ וויכוח
געהאַט דער זייגער מיטן לוח.
דער לוח האָט געלאָזט צו הערן:
— דער היינט וועט מאָרגן אָפּגעריסן ווערן.
פאַרבייג דעם היינט און זע דעם מאָרגן,
און זע — עס זיינען מאָרגנס פיל פאַראַן.
אַריבער היינט צום וויטסטן מאָרגן שפּאַן,
זאָלסט יעדן טאָג דעם גאַנצן יאָר פאַרזאָרגן. —
דער זייגער האָט געזאָגט:
— קיין מאָרגן איז ניטאָ.
דער עיקר איז די חיי־שעה,
דאָס האַרץ, וואָס שלאָגט.
דאָס אַלץ און גאָר,
ווייל ס'הענגט דאָס לעבן אויף אַ האָר. —

די זשעדנע מאַלפּע

די זשעדנע מאַלפּע מיט איר יצר-הרע
פון דזשונגלישן כאַפּ-לאַפּ
האָט אַ טשיקאַווען קאָקאָנוס דערטאַפּט: —
ניט אויף אַ פּאַלמע וואַקסן אין זיין קאָרע,
נאָר אויסגעשיילט און צוגעבונדן צו אַ פּלאָקן.
אַ לאָך אין אים — אַריינצוקוקן,
די גרייס — אַ האַנט אַריינצורוקן,
און ווייסע קערנער דאָרט — צו לאָקן.
איר האַנט אַריינגעשטעקט
און רייז אין קאָקאָנוס אַנטדעקט,
האָט ניט געפרעגט די מאַלפּע אין איר פרייד
ווער פלוצים האָט עס רייז פאַר איר פאַרגרייט,
נאָר, ווען זי האָט אַ פולן הויפן אָנגענומען
און ניט געווען אימשטאַנד
די צוגעמאַכטע האַנט
פון ענגער לאָך צוריק אַרויסבאַקומען,
איז אויסגעוואָקסן פאַר די אויגן איר דער יעגער
און מיט אַ שטייג — די וואָפן-טרעגער.
פאַרשטאַנען, אַז איר פרייהייט איז אין קאָן,
וואָס, מיינט איר, האָט די גיריקע געטאָן: —
געלאָזט די רייז, די האַנט געעפנט און אַנטרונען?
עס הייבט זיך גאָרניט אָן.
אָן חשק צו פאַרלירן וואָס זי האָט געפונען,
האָט אונדזער מאַלפּע אַזוי לאַנג געטראַכט,
ביז ס'האָט דער יעגער זי אין שטייג פאַרמאַכט.

די צייל־סיסטעם

די צייל־סיסטעם האָט מיט איר אָרדענונג שטאָלצירט:
— ביי מיר איז איינגעפירט,
אַז אַלע זיינען מיוחסים גלייכע —
די אָרעמע, פּונקט ווי די רייכע.
איך קאָנטראָליר וואָס יעדער קריגט אַריין —
ס'טאָר קיינער ניט באַזיצן מער פון ניין.
דאָס איז אַ חוק־ולא־יעבור.
און האָט דער זשעדנער צי דער זשוואָווער
באַקומען מערער, עובר אויפן חוק געווען,
באַצאָלט ער קנס און גיט אַוועק זיין חבר
די סומע צען,
ער מעג אַפילו בלייבן מיט אַ נול.
דער קנס
ווערט אויפגעמאָנט פּאַרפול
פון אַלעמען לויט זייער קלאַס: —
אַ צענער פון די איינסן — דאָס געמיינע פאָלק,
אַ מאה פון די צענער — די, וואָס האָבן מער דערפאָלג,
אַ טויזנטער פון די גבירים, פון די מאות, —
אַזוי ביז צו די העכסטע פענצטער, העכסטע שפּיצן,
ווייל מער פון ניין טאָר קיינער ניט באַזיצן.
ס'איז יושרדיק און גלייך לכל־הדעות. —
— אַ בראָך אַ גרויסער! —
געענטפערט האָבן איר די איינסן,
די קליינסן:
ווו זיינען זיי — דיין גלייכקייט און דיין יושר,
ווען אונטער דיין רעזשים
צאָלט קנס דער אָרעמער צום רייכערן פון אים?! —

די ציג און די שעפּס

די ציג, די ווילדע קאָזע,
האָט אויף אַ וויסטן פעלדז אַ הויכן
אַרויפגעקלעטערט — גאָרניט צו דערגרייכן —
און אין אַ וואַזשנער פּאָזע
אַוועקגעשטעלט זיך אויבנאָן,
כאָטש נעם און מאָל זי, די פּאַרשוין
מיט אירע הערנער ווי אַ קרוין —
אַ ציגן־מלכה אויף אַ טראָן.
— וואָס טוסטו אויפן וויסטן פעלדז? —
גערופן האָט איר שוועסטערקינד, די שעפּס אין פּעלץ:
ווער שלעפּט דיך ביי דער באָרד
אויף יעדן הויכן אָרט,
ווען בעסער איז די פּאַשע אינעם טאָל?
צי קוקסטו ניט אויף וועמען אוים אַמאָל?
פּאַרטרוי, איך וועל מיין אויער נייגן. —
— איך קוק ניט אוים אויף קיינעם; ניין, קוזינע, —
געמעקעט האָט די ציג פון פעלדז ווי פון אַ בינע:
איך וויל אַליין זיך וואַרפן אין די אויגן. —

דער פויגל און דער וואָרעם

דער רויטברוסט-פויגל,
וועמען אין זיין שיינער ברוסט
די וואָליע איז געווען פוסט,
האָט גיריק מיט אַ זייטיק אויגל
געזוכט אַ קרבן,
אַרומגעלאָפן אויף דער ערד פאַרשמייעט
און האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרטייעט
ווי אָפּגעשטאָרבן.
ס'האָט קעגן זון מיט נאַסן גלאַנץ געטאָן אַ פינקל
דער עק פון וואָרעם, וואָס האָט פון זיין בונקער
אַרויסגעשטעקט זיך ווי אַ צינגל,
געדרייצט זיך מיט זיין רודפֿס הונגער.
אָן שהיות, אין איין אויגנבליק
(דאָס מזל גליטשט זיך, שטייט ניט),
דער פויגל האָט דערלאַנגט אַ פּיק,
אַ צי געטאָן, נאָר — אוי, עס גייט ניט! —
דער וואָרעם האָט אין באָדן מיט זיין צווייטן עק
זיך איינגעגראָבן ווי אַן אַנקער אויפן דעק.
— פע! פע! — געפאָנפעט האָט דער פויגל מיט דער נאָז,
ווייל ס'מויל איז מיטן פאַנג געווען פאַרטאָן,
און שטאָלץ האָט ער פון זיך געטאָן אַ בלאָז:
— סע שטייט דיר נאָך ניט אָן
זיך איבערקאָכן אין אַ שיינעם פויגלס וואָליע,
זיך שיידן מיט דיין ווערעמדיקער דאָליע
און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פעדערל אַ שיינס?
פע! פע! האָסטו געהערט אַזוינס? —
— כ'בין מוחל דיר דעם כבוד און דאָס גליק, —
געענטפערט האָט דער וואָרעם, אָנגעצויגן ווי אַ שטריק,
געריסן זיך צוריק,
ניט נאָכגעגעבן:
— איך וויל מיר אויסלעבן מיין אייגן לעבן. —

דער מיזאַנטראָפּ און זיין הונט

דער מיזאַנטראָפּ האָט פאַר זיין הונט דעם שוואַרצן
זיין ביטערניש אַראָפּגערעדט פון האַרצן:
— געשיידט פון מענטשן, וועמען איך האָב פיינד,
ביסטו, מיין הונט, דער בעסטער פריינד.
וואָ'דען, אין מענטשן וועל איך טרויען,
אין זייער האַרץ דעם שלויען,
אין זייער פאַלשן שמייכל
און שווינדלערישן שכל?
ניט אָן אַ סיבה האָב איך, מיין געטרייער היטער,
צערייצט דיך אויף דער קייט, מיט הונגער אויפגעהעצט,
אַמאָל אויך מיטן פוס אין זייט אַריין געזעצט, —
איך האָב געמאַכט דיך בייז און ביטער,
אַז ס'זאָל קיין פוס פון די געמיינע לייט,
די פריינדלעך, וואָס פאַרראַטן דיר צו יעדער צייט,
ניט וואַגן אין מיין גבול צו קומען.
און דו האָסט טריי געדינט דיין האַר
און אָנטייל אין מיין האַס גענומען.
ס'איז גרינגער מיט אַ חיה דורכצוקומען,
ווי מיט אַ מענטשן, — זאָג איך פול מיט צער. —
און אויפגעעפנט האָט דער הונט זיין מויל,
דעם קאָפּ צום הימל טרויעריק פאַרריסן
און זיך צעקלאָגט מיט אַ געהויל:
— ווער נאָך זאָל בעסער וויסן
דעם צער דערפון אין פולער מאָס,
ווי איך, וואָס האָב אַזאַ מין באַלעבאָס?! —

שלמה המלך און די מויז

אַמאָל האָט קיניג שלמה אין זיין ספרים-הויז
דערזען ווי ס'האָט אַ מויז
אין זיין „קהלת" אירע ציין אַריינגעביסן.
— אַ גוטן אַפּעטיט! און זאָל דיר וווּיל באַקומען,
נאָר, זאָג מיר, מייזל, איך וויל וויסן:
וואָס פאַר אַ טעם עס האָט דער ספר צו דיין גומען? —
אַזוי געפרעגט האָט ער, וואָס האָט גערעדט די שפּראַכן
פון אַלע לעבעדיקע זאַכן.
— דער פּאַרמעט פון דעם ספר האָט אַ זיסן טעם,
נאָר ביטער איז דער טינט ווי סם, —
געענטפערט האָט די מויז און זיך פאַרקרימט.
— אַזוי דאַרף זיין, עס שטימט, —
האָט קיניג שלמה זיך פאַרטיפט:
די חכמה דאָך געפינט זיך אין דער שריפט. —
— די חכמה איז ניט זיס, קומט אויס, —
האָט שלמהס רייד 'צעקייט די מויז.

דער טיגער און דער העלפאַנט

דער טיגער, דער רוצח
איז מיט דעם העלפאַנט, דעם גיגאַנט
פאַרמעסטן זיך אין כוח
געווען ניט אימשטאַנד,
נאָר ניט פאַרטשעפּן אים מיט וואָס ניט איז
וואָלט ניט קיין קריגער
געווען דאָך דער טיגער,
האָט ער די ציין געשטשירעט אויף דעם ריז
און האָט געזאָגט: — דו העלפאַנט מיט דער נאָז,
זעסט אויס ניט שלעכט פון עסן גראָז.
נאָר כ׳פרעג דיך, חיה וועגעטאַרישע,
וואָס דאַרפסטו דיינע מאָנסטער-ציין די נאַרישע,
אַז מיט קיין פלייש זיך שפּייזסטו ניט
און קיין בעל-חי צערייסטו ניט? —
און ס׳האָט דער העלפאַנט אָנגעשטעלט די אויערן,
געהאָרכט מיט צאָרן און אַרויסגעשאָלט.
ווי ס׳שאָלט אַ העלפאַנט, ווען ער מאַכט אַ גוואַלד:
— ס׳איז טאַקע צום באַדויערן
וואָס איך דאַרף האָבן מיינע פאַדער-ציין,
איך וואָלט אָן זיי געקאָנט זיך ווויל באַגיין.
וואָס זאָל איך אָבער טאָן,
אַז טיגערס מיט די ציינער קריצן?
באַדאַרף איך מיינע ציין זיך צו באַשיצן
און צו באַצאָלן צאָן פאַר צאָן. —

דער שלייען און די פלאָטקע

דער פרילינג-טייך, בשעת ער
האָט מיט זיין וואַסער
פון דער פאַרכאַפּטער ערד
זיך אומגעקערט
צוריק אין זיינע ברעגן,
האָט אונטערוועגן
פאַרגעסן אין אַן אָזערקע — אַ בלאָטקע
אַ שלייען מיט אַ פלאָטקע.
אַ קוועלכעלע ווי פון אַ צאַפּן
איז אין דער אָזערקע אריינגערונען —
אַ ריינער פיש האָט נאָך געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן,
נאָר קיין געזונט ניט צוגעקומען איז דערפון אים.
פאַרגעלט געוואָרן איז די ווייסע פלאָטקע,
זי האָט געקראָגן די טשאַכאָטקע;
דער שלייען אָבער האָט אין שליים
געפילט זיך אין דער היים
און איז געוואָרן פעטער נאָך און רונדער.
די רויטע אויגן אויסגעגלאָצט פאַרוואונדערט,
די פלאָטקע האָט געזאָגט צום שלייען:
— ווייזט אויס, דו עסט פאַר דרייען. —
— וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָ איז ענג ? —
געענטפערט האָט דער שלייען בלויז לפנים-וועגן:
איך האָב ניט ווו זיך צו באַוועגן,
איז וואַקס איך אין דער ברייט און אין דער לענג. —
— דיין עגמת-נפש איז ניט אָפּצופרעגן, —
איראָניש האָט באַמערקט די פלאָטקע:
דו עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ פון זיצן אין דער בלאָטקע. —

— — —

באַדויער ניט דעם פיש,
וואָס פילט זיך אינעם שליים געזונט און פריש.

די טשערעפּאַכע, וואָס האָט געוואָלט שפּרינגען

אַ יונגע טשערעפּאַכע,
אַ לויפּערקע אַ שוואַכע,
איז ניט געווען צופרידן מיט איר דאָליע:
אַ פּאַנצער טראָגן, זיין אין קלעם,
ניט קאָנען לויפן צוליב דעם,
רק שלעפּן זיך פּאַוואָליע.
זי האָט פאַרקוקט זיך אויף דער זשאַבע,
וואָס שפּרינגט און קומט צום ציל אויף גיך,
און זי האָט זיך געטראַכט: פאַרוואָס ניט איך?
איך בין נאָך ניט קיין באָבע.
און ס'האָט די טשערעפּאַכע, וואָס איז יונג,
מיט אירע קורצע פיס געטאָן אַ שפּרונג
און איז געפאַלן אויפן רוקן,
וואָס פאַר אַ טשערעפּאַכע איז מסוכן:
זי קאָן ניט אין איר פּאַנצער, וואָס איז גראָב,
צוריק זיך איבערקערן מיט די פיס אַראָפּ.
ס'וואָלט אונדזער שפּרינגערקע געלעגן און געלעגן
ביז אויך איר האַרץ וואָלט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן —
פון דאָרשט און הונגער.
נאָר ס'האָט אַן אַלטע טשערעפּאַכע אונדזער יונגער
געהאָלפן באַלד צוריק זיך איבערדרייען
און ניט פאַרפעלט פון דער געשעעניש צו דרינגען:
— מיט פיס, וואָס קוים זיי גייען,
זאָל דיר ניט גלוסטן זיך צו שפּרינגען. —

די גריל

איך האָב געהערט אַמאָל אין פעלד
ווי וווּנדערלעך עס זינגען אין אַ כאָר
די גרילן, אַן אַ דיריזשאָר,
און זיי צו לויבן האָב איך ניט פאַרפעלט.
דערמוטיקט פון מיין הויכער מיינונג,
האָט זיך אַ גריל פאַרקליבן אין מיין וווינונג
און פון אַ שפּעלטעל אין דער וואַנט
גענומען וויזן איר טאַלאַנט.
זי האָט געזונגען, — ווי צו דעם געזאַנג —
אַן איבערחזרונג פון איין און זעלבן קלאַנג,
אַן וואַריאַציע, —
זי האָט אַזוי אַן איבערגאַנג
געווידערט און דערווידערט לאַנג,
אַז דעם הומאָר פון מיין טשיקאַווער סיטואַציע
האָב איך פאַרפעלט צו כאַפּן
און אין דער וואַנט גענומען קלאַפּן.
— הער אויף! זיי שטיל! —
געשריגן האָב איך צו דער גריל:
אַ שטומעניש נעם איין!
אויב אין אַ כאָר זיך פּאַסטו נאָך אַריין,
איז דאַרפסטו ניט דערפון שוין דרינגען,
אַז סאָלאָ קאָנסטו זינגען. —

די הינער און די זון

די זון — אַן איבערפולער קוואַל,
וואָס איז געווען פאַרשלאָסן,
האָט אין פרימאָרגן שטראַל נאָך שטראַל
אַזוי ווי אַ פאָנטאַן ארויסגעשאָסן
און צו די הינער האָט איר ליכט צוריק געבראַכט
די ראיה, וואָס זי נעמט אַוועק פון זיי פאַרנאַכט.
דערלעבט דעם נייעם טאָג, וואָס בלינדערהייט
האָט וועגן אים דער אַלטער האָן געקרייט,
כאָטש ס׳האָט זיין קול געסקריפּעט
אַזוי ווי אַ צעבראָכן פידעלע,
האָט ער, וואָס קוים ער זשיפּעט,
נאָר אַלץ אַ שטאָלצער מיט זיין שליחות,
פאַר זיינע הינער אויפן סידעלע
געדרשנט וועגן הענערישן יחוס:
— ווען אין די אויגן העלט,
איז דאָס דעם קרייער צו פאַרדאַנקען.
ווען קרייען וואָלט דער האָן פאַרפעלט,
וואָלט דאָך די זון ניט אויפגעגאַנגען.
דעריבער, הינער מיינע, דאַרפט איר לייגן אייער,
עס זאָל די וועלט ניט בלייבן אָן אַ קרייער. —
אַזוי געזאָגט האָט פעטאַך ניט אויף שפּאַס
און ס׳האָט געלייגט זיך ביי די הינער אויפן שכל.
די זון דערווײַלע איז אַרוים פון פּוטערפאַס
און האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל.

די זשאַבע

דער זשאַבע איז געוואָרן נמאס
דאָס שטייענדיקע שימלדיקע טייכל, —
ס׳דערעסט אַפילו צימעס,
בפרט דאָס וואַסער, וואָס איז ניט קיין יאַיכל.
האָט טאַקע
אַ קוואַקע
געטאָן די זשאַבע צו דעם שלייען:
— איך מוז ווי דו ניט זיצן אויף איין אָרט
אין שליים און שימל פון דעם זעלבן סאָרט,
איך גיי אויף דער יבשה זיך צעשטרייען,
די סביבה אומבייטן און זיך באַנייען. —
ווען פונעם וואַסער איז אַרויס די זשאַבע,
האָט מיט אַ ברוך־הבא
געעפנט זיך פאַר איר די גאַנצע ערד
און זי אַריינגענומען אין דער מיטן:
פאַרוויל ווו נאָר דיין האַרץ באַגערט.
נאָר זי האָט אַלע שיינע ערטער אויסגעמיטן
און מיטן שליים פון טייכל נאָך אויף זיך
איז אין אַ בלאָטע זי אַריין אויף גיך,
דעם שליים אויף בלאָטע אויסגעביטן.

— — —

וואָס שפּרינגסטו, זשאַבע, אויף דער טריקעניש,
ווען ס׳איז פאַר דיר גאָר בלאָטע אַ דערקוויקעניש?

די בטלנים און די מאַלפּע

אַ פּאָר בטלנים, חכמי-הלעזשאַנקע,
אויף אומפּאַרדייאונג קראַנקע
פון ביסן וויסן ניט-צעקייטן, —
צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך באַקענט
אין חיות-גאָרטן מיט דער מאַלפּעס פּיס און הענט,
גענומען האָבן די בטלנים פון פאַרצייטן
זיך פּילפּולן, אַ האָר צעשפּאַלטן מיט אַ האַק
און דרינגען, אַז די מאַלפּע האָט אַ בראַק.
און אָט אַזוי האָט מיטן גראָבן פינגער
גערדרייט דער ערשטער פון די דרינגער:
— צו קריכן אויף די גלייכע ווענט
באַזיצט די מאַלפּע צוויי פּאָר הענט,
דערפאַר האָט זי אַ פעלער: ס'פעלן איר די פּיס. —
— אַ וויסטע קאַליקע געוויס, —
אים צוגעבאָמקעט האָט דער צווייטער,
נאָר איינגעוואָנדט
צו ווייזן, אַז נאָך גרינטלעכער פאַרשטייט ער:
— איר פעלן ניט די פּיס, נאָר גאָר די הענט.
אַ סימן האָסטו דיר:
ווי גייט זי אויף דער ערד? — אויף אַלע פיר. —
אַזוי אַרום
באַקומען האָט די מאַלפּע מום נאָך מום
פון אירע קריטיקער, וואָס קנאַפּ פאַרשטייען,
נאָר די געבענטשטע מיט צוויי ברכות:
מיט הענט און פּיס, וואָס טוען צוויי מלאכות,
זי האָט זיי נאָכגעקרימט, געמאַכט זיי אויסצודרייען.
— — —
איין בטלן האָט מיין ליד צו נישט געמאַכט,
אַ צווייטער האָט מיין פאַבל אויסגעלאַכט,
באַווייז איך דאָ דאָס שיינע פּנים
פון די מבינים די בטלנים.

מעשהלעך וועגן חיות

פאַרוואָס דער אינדיק האָט אַ קראָפּ
און ניט קיין קאָם אויפן קאָפּ

דער אינדיק מיטן פליך,
וואָס איז פאַרליבט אין זיך,
און גוידערט זיך, און בלאָזט זיך,
און אויפן קול צעלאָזט זיך:
— איך האָלדער אַ געהאָלדער!
איך האָב זיך האָלד און האָלדער! —
דער פליכעוואָטער אינדיק, מאָל דיר,
האָט אויפן קאָפּ אַמאָל געהאַט אַ קאָם,
אַ רויטן ווי אַ פלאָם,
אָט ווי עס האָט דער האָן
פון בראשית אָן.

נאָר ס׳האָט דער אינדיק
זיך פאַרזינדיקט
מיט ניט קיין קליינעם חטא: —
ער האָט זך איינגערעדט,
אַז דאָס איז ניט קיין קאָם דיר סתם,
ס׳איז ניט קיין קאָם ווי יעדער קאָם,
נאָר ס׳איז אַ קרוין, אַ מלכות־צייכן.

וויבאַלד אַ קרוין,
האָט אונדזער אינדיק שוין
געוואָלט דעם אָדלערס טראָן דערגרייכן
און זאָגן צו דעם פייגל־מלך:
— אַרונטער! היידאַ! הלך! —
און אויפן טראָן
אַליין זיך זעצן אויבנאָן.

ער האָט געוואָלט, נאָר ניט געקאָנט,
ווייל ס׳האָט דער אָדלער הויך געטראָנט
אויף טורעמדיקע פעלדזנשטיינער,
וווּהין דערפליען האָט געקאָנט נאָר איינער —
דער אָדלער, מער ניט קיינער.

אומזיסט צופוסנס פון דעם טראָן
געשפּרונגען איז דער אינדיק ווי אַ האָן;
אומזיסט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ בלאָזזאַק
און זיך קוראַזשעט ווי קאָזאַק;
אומזיסט די פליגל אויסגעצויגן, —
ווען ס'איז געקומען צום פאַרמעסט,
איז צו דעם אָדלערס נעסט
דער אינדיק ניט דערפלויגן.

אומזיסט האָט אויך אויף אים געוואַרט
דער אָדלער מיט זיין שאַרפן בליק,
וואָס האָט געוווּנדערט זיך, געשטאַרט,
ווי ס'האָט דער אינדיק זיך גענאַרט: —
ניט אָפּגעטראָטן אויף צוריק,
נאָך אַלץ געזוכט אַ שטעג, אַ שטיג
דאָרט, ווו עס איז דער וועג פאַרשפּאַרט
אַפילו פאַר דער ווילדער ציג.

ער האָט געוואַרט, זיך ניט דערוואַרט —
דער אָדלער אויף זיין פעלדזנשפּיץ —
און איז אַרונטער ווי אַ בליץ,
און האָט געזאָגט צום אינדיק מיטן גווידער:
— וואָס ווילסטו? רעד, ניט פלוידער! —

האָט אונדזער אינדיק מיטן קאָם
זיך אָנגעצונדן ווי אַ פלאָם
און זיך צעהאָלדערט ווי ער קאָן:
— צו מיר געהערט דער טראָן.
דו האָסט קיין קרוין ניט אויפן קאָפּ.
די קרוין האָב איך, בין איך דער מלך.
זיי מוחל און דאַנק אָפּ!
אַרונטער! היידאַ! הלך! —

דעם פלוידער־אינדיק אויסגעהערט,
האָט לאַנג דער אָדלער ניט געקלערט
און מיט איין פּיק, איין גוטן פליק,
אַז וואַקסן זאָל ער ניט צוריק,

דעם רויטן קאַם פון אינדיקס קאָפּ
אַראָפּגעפּליקט, אַראָפּגעצויגן
און הענגען ווי אַ צאָפּ
געלאָזט אים פאַר די אויגן,
עס זאָל דער אינדיק זען,
אַז ס׳איז אַ קאַם געווען,
אַ קאַם און ניט קיין קרוין,
אַ פּראָסטער קאַם און שוין.

פון דעמאָלט אָן
האָט מער דער אינדיק אויפן קאָפּ
קיין קאַם ניט, ווי עס האָט דער האָן,
נאָר ס׳הענגט פון שטערן אים דער קראָפּ.

ס׳האָט אָבער תשובה ניט געטאָן
דער אינדיק מיטן פּליך —
ער איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין זיך,
און גווידערט זיך, און בלאָזט זיך אָן,
און רעדט זיך איין אַצינדער ווי אַמאָל,
און האָלדערט אויפן קול:
— איך האָלדער אַ געהאָלדער!
איך האָב זיך האָלד און האָלדער.
איך בין נאָך אַלץ אַ קיניג, מאָל דיר,
אַפילו ס׳הענגט מיין קרוין אַראָפּ.
די פּורפּור־פאַרב באַצירט מיין קאָפּ.
אַ קייט רובינען אויף מיין האַלדז.
איך בין אַ קיניג אַלץ.
איך האָב זיך האָלד און האָלדער.
איך האָלדער אַ געהאָלדער! —

די צוגערויבטע זון

נאָך ק. טשוקאָווסקי — פון רוסיש

ווי אַ קראָקאָדיל אין דרימל,
ליגט אַ כמאַרע אויפן הימל.
גייט די זון זיך אויף שפּאַציר
און פאַרגייט אַהינטער איר.

קוקט דער ווערוריק אין בינאָקל
און ער טוט דעם עק אַ שאָקל:
„וואָס איז מיט דער זון געשען?
ניט אין ערגעץ זי צו זען".

און די גרילן מיט די צינגלעך —
פונעם וואַלד די ציטונגס־יינגלעך —
האָבן זיך אין גראָז צעשפּרונגען
און די פרישע נייס צעקלונגען:
„ס'האָט די זון דער קראָקאָדיל
איינגעשלונגען ווי אַ פּיל!"

וויינט דער גרויער שפּערל ביטער
אין זיין נעסט פון שטרוי און ריטער:
„זון, ס'איז פינצטער מיר די וועלט,
ווייז אַ קערנדל אין פעלד!"

וויינען האָזן
אין די גראָזן,
בלאָנדזשען, זעען ניט דעם וועג,
פאַלן, חלשן אַוועק.

בלויז די ראַקעס,
די פרומאַקעס,
אין דעם זומפּ די אויגן גלאָצן,
קריכן אום מיט אַלע שרצים,
און די וועלף די בייזע וואָיען,
ווי די ווילדע משוגעים.

קומען צאַפּן
און זיי קלאַפּן
אינעם טויער: „טראַ-טאַ-טאַ!
שלאָפט ניט אין אַ צייט אַזאַ!
העי, איר חיות, ניט געשלאָפן!
קומט דעם קראָקאָדיל באַשטראָפן,
קומט די זון פון אים באַפרייען
און די וועלט מיט ליכט באַנייען!"

נאָר אין שרעק די חיות זאָגן:
„ווער קאָן אַזאַ מאָנסטער שלאָגן!
פול מיט ציינער איז זיין מויל,
אים צו אָנזען איז אַ גרויל".

און זיי לויפן צו דעם בער אין זיין נאָרע:
„קום צו הילף אונדז, שטאַרקער בער, אין אַ צרה.
שוין גענוג די לאַפּע זייגן אין טרוים,
מען דאַרף גיין די זון באַפרייען און שוין!"
נאָר קיין חשק האָט ניט בער זיך צו שלאָגן,
דרייט ער זיך אַרום דעם זומפּ, שטאַרק צעטראָגן,
און ער יאָמערט, און ער ברומט, מאַכט אַ גוואַלד,
רופט די בערעלעך די קליינע פון וואַלד:
„העי, וווהין דאַרט זענט איר נעלם געוואָרן,
מיך פאַרלאָזן אויף די עלטערע יאָרן?!"

איז דער פוקס אַרויסגעקומען,
ריידן צו דעם בער גענומען:
„שעם זיך, אַלטער, קלאָג ניט מער —
קלאָגן פּאַסט ניט פאַר אַ בער!
דו, קרומלאַפּיקער, גיי פלינקער
קעגן קראָקאָדיל דעם שלינגער;
ריים אים, ביים אים, ברעך די ביינער,
ריים די זון פון זיינע ציינער.
און, ווען איבער באַרג און טאָל
וועט זי שיינען נאָכאַמאָל,
וועט דיין קליינוואַרג דאָס פאַרפאַלענע
אָנרייסן דיר קוישן מאַלינעס,
לויפן קעגן דיר: „האַלאָ!
זיידע, אָט מיר זיינען דאָ!"

שטייט אויף באַלד דער בער,
מאַכט אַ גוואַלד דער בער
און צום גרויסן טייך
לויפט פון וואַלד דער בער.
און דער קראָקאָדיל
ליגט זיך פויל און שטיל
און אין זיינע ציין,
ווי אַ דימענטשטיין,
פינקלט נאָך די זון
די צוגערויבטע.

שטייט אַ הויכער בוים,
קריכט דער בער אויף אים —
הילכן זאָל די שטים
פון זיין הויכער קרוין.

פון דעם בוימשפּיץ ווי אַ שטורעם
ברומט דער בער און רעדט דיבורים:
„רויבער, שפּיי אַרויס דיין רויב!
כ'וועל צעמאָלן דיך אויף שטויב.
כ'וועל שוין מער דיר ניט דערלויבן
אונדזער זון אַוועקצורויבן.
אַז דו האָסט אַ וועלט פאַרוויסט,
אַרט עס דיך, דו עגאָאיסט?״

נאָר דער רשע לאַכט אין גוידער,
אַז עס טוט דער בוים אַ שוידער:
„איך וועל באַלד פאַרשלינגען אויך
די לבנה אין מיין בויך!״

האַלט ניט אויס דער בער,
קאַכט און ברויזט דער בער
און אַנטקעגן פיינד
גייט אַרויס דער בער.
בייגט ער, ברעכט ער אים,
טוט זיין רעכט ער אים:
„גיב אַהער די זון
די צוגערויבטע!״

און דער קראָקאָדיל געשלאָגן
הייבט אָן בעטן זיך און קלאָגן
און פון מויל דעם אָפּענעם,
ווי אַ העלע האָפענונג,
הייבט די זון זיך אויף,
גייט אין הימל אויף.

און מיט ליכט די זון צעשפּריצט זיך,
אויף די טויעלעך צעבליצט זיך,
אויף די בלעטעלעך צעלייכט זיך,
צווישן ביימער־שטאַמען שלייכט זיך
און פון שאָטנס אויף די סטעזשקעס
גייט זי אוים מערעזשקעס.

און די פייגעלעך צעזינגען זיך,
און די וועווריקלעך צעשפּרינגען זיך,
און אויף הוידעלקעס זיך וויגן,
און די האָזן
אין די גראָזן
מאַכן קאָזשעלקעס — פון פאַרגעניגן.

און דעם זיידן צו באַגעגענען
זיינע בערעלעך אַנטקעגן אים
לויפן שטיפעריש ווי קעצלעך —
מיט די גראָבע פּים ווי קלעצלעך —
און זיי גריסן אים: „האַלאָ!
זיידע, אָט מיר זיינען דאָ!"

אַלע, אַלע פרייען זיך —
חיות, פייגל, רינדער —
און מיט זיי אויך דרייען זיך
אַרום בער די קינדער.
און זיי קושן, דאַנקען אים
פאַר דער זון דער העלער,
דאַנקען און דערלאַנגען אים
האָניק אויף אַ טעלער.

אלף־בית פאר קינדער

1950

א: אָקס

— אָקס, געבוירן פֿון אַ קו,
וויפֿל מילך טרינקט אויס אַ קאַלב? —
לאָזט דער אָקס אַרויס אַ מו:
— פֿלעשער זיבן מיט אַ האַלב. —

ב: בערל

בערלס קלײנער ברודער שמערעלע
זײגט אַ פֿינגער װי אַ בערעלע,
רײצט זיך בערל: — רופֿט מיך שמערעלע
װײל ס'איז שמערעלע אַ בערעלע. —

ג: גענדז

גאָגעט גאָנער שטאָלץ און זיכער,
גאַגעט גאַנדז פֿון גאָנער גיכער —
זיבן גאַ־גאַס אין אײן רגע —
מאַכט פֿון גאָנער אַ שמיגענע.

ד: דאָקטער

— דאָקטער שװאַרץ, אין װײסע קלײדער,
מאַמע רופֿט מיך „שלעכץ" כּסדר.
אונטערזוך מיך, דאָקטער שװאַרץ,
הײל מיר אױס דאָס שלעכטע האַרץ. —

ה: הונט

היט אַ הינטעלע אַ הויז,
הערט עס װי עס קראַצט אַ מויז,
נעמט עס האַװקען הױך און העכער:
— כאַפּט אַ גנבֿ, אַ פֿאַרברעכער! —

וו: וועוועריק

וועווריק ווייזט זיין שיינעם ווידל,
ווי ס'איז וואָליק, ווייך און איידל:
— קוק און וווּנדער זיך אַ ביסל.
זיי אַ ווילער, וואַרף אַ ניסל. —

ז: זייגער

— זאָג מיר, זייגערל, וואָס הייסט ? —
ביסט אַ טויטע זאַך און גייסט?
האָסט אַ פּולס און ניט קיין בלוט?
כ'הער אים קלאַפּן זייער גוט. —

זש: זשאַבע

זשאַבקעס האָבן אַזש פיר לאַפּקעס,
נאָר אויף צוויי בלויז שפּרינגען זשאַבקעס:
וואַקסן אָט די צוויי צו גרויס,
יענע וואַקסן גאָרניט אויס.

ח: חוה

חוה איז אַ מוטערס נאָמען.
אַלע מענטשן — אירע זאָמען.
אַלע מענטשן, פעלקער־שטאַמען
זיינען קינדער פון איין מאַמען.

ט: טויב

— טרויי מיר, טייבעלע, קום צו, —
איך בין פריידלעך פונקט ווי דו. —
ווערט די טויב מיט מיר באַקאַנט,
פּיקט זי קערנער פון מיין האַנט.

טש: טשערעפּאַכע

טשערעפּאַכעס האָבן מויערן.
קומען פישלעך צו די טויערן:
— אייגנטימער, אייגנטימער,
גיט אַ היימלאָזן אַ צימער. —

י: יינגעלע

יינגעלע, מיין יידיש קינד,
יידיש לערן זיך געשווינד,
רעד און שרייב און לייען יידיש,
וועסטו וויסן וואָס אַ ייד איז.

כ: כינעזער

כינעזער מיט צוויי שטעקעלעך
נעמען אָן רייז אַ ביסל.
עסט מען, דאַכט זיך, ברעקעלעך,
דאָך מען ליידיקט אויס די שיסל.

ל: לייב

— לייב, דיין באָרד איז ווי אַ וואַלד.
גאָל זיך אָפּ און טאַקע באַלד. —
ברילט דער לייב: — אַ באָרד פון גאָלד
גאָלט בלויז אָפּ אַ ווילדער יאָלד. —

מ: מיידעלע

מיידעלע, ווי שיין און וויל
יידיש קלינגט ביי דיר אין מויל,
ווי אַ בוים אין פרילינג קלינגט,
ווען אויף אים אַ פויגל זינגט.

נ: ניס

ניסן־וועוועריק, קאַרגער ניסן
האָט געשפּאָרט אַלץ פון זיין ביסן,
אָנגעזאַמלט נים אַ קאַסטן
און געוואָרן קראַנק פון פאַסטן.

ס: סאָווע

סאָווע מיט די גרויסע אויגן,
זעסט, ווען ס'איז קיין ליכט ניטאָ,
אָבער זון און רעגן־בויגן
זעסטו ניט, און איך זע יאָ.

ע: עלפאַנט

עלף עלפאַנטן, בלויז עלף,
אָבער לאַנגע נעזער צוועלף: —
דער פּאַיאַץ, דער קורצער מאַקס
האָט אַ לאַנגע נאָז פון וואַקס.

פּ: פּאַווע

פּאַווע, האָסט אַן עק — אַ פּראַכט.
כ'קאָן ניט אָפּרייסן די אויגן,
ווען דו האַלסט אים אויפגעמאַכט.
ס'איז אַ קליינער רעגן־בויגן.

פ: פיש

פישל־פישער איז געגאַנגען
כאַפּן פיש און — ניט געפאַנגען,
זאָגט ער ווי אַ פילאָזאָף:
— איך וועל כאַפּן פיש אין שלאָף. —

צ: ציג

ציגן עסן, פרעסן אַלץ:
קאָרע, דערנער, כריין און זאַלץ.
ווען זיי ווערן מיד צו פויל,
קייען זיי די צונג אין מויל.

ק: קראָקאָדיל

קלאָגט דער קראָקאָדיל אַ קלאָג:
— ווי, אַ קיילעכדיקן טאָג
ניט געגעסן, ניט געטרונקען,
בלויז אַ קעלבל איינגעשלונגען. —

ר: ראַקעס

ראַקעס האָבן פיס אַ סך,
נאָר זיי קריכן, גייען שוואַך,
און דער עק ביי זיי זעט אויס,
ווי אַ קאָפּ, וואָס גייט פאָרויס.

ש: שוואַן

שווימט אַ שטילער שיינער שוואַן,
ווי אַ זעגל אין טומאַן;
צווישן זיינע ווייסע פליגל
שלאָפט מיין קינד, ווי אין אַ וויגל.

ת: תּלמיד

תלמיד, לערנסט בלויז אַ חודש.
„אות" לייג אויס אויף לשון־קודש.
אַלע ווערטער פון תנ"ך
שרייבט מען אויף דער ביבל־שפּראַך.

פון דור צו דור

אגדתות, מעשיות און לידער

1947

נחום איש גם־זו

לזכרון מיין טאַטן משה שלום ע״ה,
אַ יידן אַ בעל־בטחון.

אַריינפיר

האָבן יידן ניט קיין מלוכה,
קיניגט גאָט, וואָס מלכים קרוינט ער;
איז דער בית־המקדש חרוב,
דינט מען גאָט אַוו מען וווינט נאָר;

זיינען מער ניטאָ די לוחות,
לערנען יידן תורת־משה, —
לערנען זינגענדיק, מיט שמחה,
שטייען אויף תנאים גרויסע.

אויף די פעלדער פון יהודה
תורה איז די שענסטע פרי
און אין גלות אויף די מאַרקן
תורה איז די בעסטע סחורה.

און ס׳פאַרלאָזט ניט גאָט די יידן
אויפן באָדן און אין וואַנדלען
און די זייער און די גייער
עסן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

ערשטער טייל

א

אין יהודה־לאַנד, אין גימזו
לערנט נחום מיט תלמידים.
הייסט ער אָבער ניט איש גימזו,
נאָר „איש גם־זו” רופט אַ ייד אים.

ווייל ער זאָגט: — גם זו לטובה,
אויך דאָס שלעכטע איז צום גוטן, —
און ער האָט אין גאָט בטחון
אין די ביטערסטע מינוטן.

ווייל ער האָט אין גאָט בטחון,
טרעפן נסים מיט דעם תנא.
וועגן דעם אַן אַלטער ספר
מיט אַ מעשה איז מהנה: —

* * *

אין זיין אייגן לאַנד אין גלות
איז יהודה אונטער רוים.
שיקט מען זעלטענע בריליאַנטן
פאַר אַ פרעמדן קיסרס קרוין.

פאַקט מען איין די איידל־שטיינער
אין אַ קעסטעלע מיט וואָל
און מען נעמט אַ שליח ווילן,
זיינען שליחים דאָ אַ צאָל: —

איינער האָט אַ הדרת־פּנים,
פּאַסט אים פאַר אַ מלך שטיין;
אַ שיין־רעדנער איז דער צווייטער,
וועט זיין וואָרט געפינען חן;

און אַ נגיד איז דער דריטער,
קויפט ער מיט זיין גאָלד אין טאַש

אַ גוט וואָרט פון אַ מיניסטער,
ווען דער קיסר איז אין כעס;

און דער פירטער איז אַ שמעלקע
מיט פּאַטריציער אין רוים;
און דער פינפטער איז אַ יחסן,
שטאַמט פון קיניגלעכן בוים.

ווײַלט מען, ווײַלט מען, און די ווײַלער
זײַנען גלײַך אויף גלײַך צעטײַלט
און פון אַלע שײַנע ייִדן
ווערט ניט קײנער אויסדערוווײַלט.

נאָר מען שיקט גאָר דעם איש גם־זו,
וואָס פון גימזו, דעם בעל־נס,
ווײַל אָן נסים וואָלטן ייִדן
ניט געדויערט קײן מעת־לעת.

ב

נעמט דאָס קעסטעלע איש גם־זו
און זײַן אײזל אויפן צוים
און ער פאָרט צום יפוער האַפן,
וווּ מען נעמט די שיף קײן רוים.

רײַט איש גם־זו, — קלאַפּן קלאָען
און די ערד הילכט ווי אַ פּויק,
זאָגט איש גם־זו: — זע נגינה
ווערט פון שלאָגן... ס׳ווינקט גאָטס אויג:

— פון דער ערד אַ מוסר נעם זיך,
זינג, געטראָטענער, ניט קרעכץ.
שטראָף איז פון דײַן טובה וועגן,
אויך צום גוטן איז דאָס שלעכטס. —

און איש גם־זו רײַט און וויגט זיך
צו דעם ריטם פון די טריט,
ווערט אַנדרימלט, אַ פאַרוויגטער,
מיטאַמאָל — עס ריטמט ניט.

כאַפּט זיך אויף איש גם־זו, זעט ער —
שטייט דער אייזל פאַר אַ שטאָט.
נעמט ער אים אין טויער טרייבן,
נאָר דער עקשן — ניט קיין טראָט.

— ניין איז ניין, גם זו לטובה, —
זאָגט איש גם־זו: ס׳קאָן דאָך זיין,
אַז אַ מלאך שטייט אין וועג אים
און ער לאָזט אים ניט אַריין. —

און פאַרקערעוועט דעם אייזל
אויף אַן אומוועג דורך אַ העק,
גייט דאָס אייזעלע געהאָרכזאַם,
פאָכעט פריילעך מיטן עק.

און איש גם־זו רייט און וויגט זיך
צו דעם ריטם פון די טריט,
ווערט אַנדרימלט, אַ פאַרוויגטער,
מיטאַמאָל — עס ריטמט ניט.

כאַפּט זיך אויף איש גם־זו, זעט ער,
אַז עס איז שוין שפּעטע נאַכט
און אַז אין הויף פון אַן אכסניא
האָט דער אייזל אים געבראַכט.

נעכטיקט איבער דאָרט איש גם־זו
און דערוויסט זיך — טאַקע גאָט
האָט זיין אייזל איינגעעקשנט
פאַר דעם טויער פון דער שטאָט —

ס׳האָבן דאָרט באַנדיטן דעמאָלט
אי געפּלינדערט אי געטייט.
בענטשט ער גומל און פאָרט ווייטער,
גייט דער אייזל ניט־געניים.

ג

קומט איש גם־זו שפּעט קיין יפו
מיט דעם אָנגעלייגטן וועג,

איז די שיף קיין רוים נאָך נעכטן
אָפּגעגאַנגען פון דעם ברעג.

זאָרגט ער ניט: — גם זו לטובה,
ס'איז אַ גאָט אין הימל דאָ.
איך וועל מירצושעם צום קיסר
קומען אין דער רעכטער שעה. —

וואַרט איש גם־זו, וואָס פון גימזו,
אויף אַ צווייטער שיף קיין רוים
און באַזאָרגט מיט קעסט זיין אייזל,
און באַפרייט אים פון דער צוים.

זאָגט ער גוטמוטיק צום אייזל:
— גיב פון ווילטאָג ניט קיין בריק.
זיי מיר פרום, ניט גיי אין היזק,
מירצושעם — איך קום צוריק.

זיי געזונט. פון בייז באַשירעמט
האָט מיך גאָט דורך דיר, און איצט
וועט דורך וועמען מיך באַשיצן
דער, וואָס אין די הימלען זיצט?

ווי, איך זינדיק, כ'בין ניט זיכער,
אַז איך האָב זיין גנאָד פאַרדינט.
שטראָף מיך, גאָט, — גם זו לטובה,
לייטער מיך פון מיינע זינד. —

שטייט דער אייזל אָנגעכמורעט
אויף דער אויסגעבעטער שטרוי —
זיינע אויגן ווי צוויי ראָבן
קוקן פינצטער — שוואַרץ אַזש בלוי.

— טרייער אייזל, — פרעגט איש גם־זו:
איז דיר שווער די אָפּשייד־שעה
צי אַן אומגליק ביסטו מתרה? —
פלוצים, ס'קלינגט — די שיף איז דאָ.

ד

פאַרט אין זעגלשיף איש גם־זו, —
אויבן וואָלקנס — ווייסע וואָל,
אונטן זון־באַגילטע כוואַליעס —
יונגער ווייץ אויף באַרג און טאָל.

און אין מיטן, זעגלען — לאָגלען
ביז צום פלאַצן אָנגעפּוישט,
און אַ ווינט, וואָס בלאָזט אין פלייצע,
שטופּט די שיף פאָרויס, פאָרויס.

און מיט שיצנדיקע פליגלען,
אויסגעשפּרייטע ווי אַ דאַך,
איבער איר די ווייסע מעוועס
ווי מלאכים האַלטן וואַך.

נעמט ניט לאַנג און זיי אַנטקעגן
פון דער מערבדיקער זייט
קומט אַ צווייטע טשאַטע מעוועס,
קומט אַנטקעגן פאַר דער צייט.

און מיט גריסנדיקן טומל
קומעןביידע זיך צונויף:
די פון יפו, וואָס באַגלייטן;
די פון רוים, וואָס נעמען אויף.

רייבט די מאַנשאַפט זיך די אויגן,
איז דער קאַפּיטאַן צעמישט —
ס׳קאָן ניט זיין, אַזאַ מהלך
נעמט אַ גאַרניט מיט אַ נישט?

אפשר שווימט מען אין אַ קרייז גאָר?
נאָר די וואַך פון זעגלבוים
לאָזט צו וויסן קלאָר און דייטלעך:
— טאַקע לאַנד און טאַקע רוים.

און אַט זעט שוין יעדער איינער
רוימער שיפן, רוימער ברעג.
דאַנקט איש גם־זו גאָט אין הימל,
וואָס פאַרקירצט דעם לאַנגן וועג.

ה

פון דעם האָפן ביז דער קרוינשטאָט
פאָרט מען מיט דער אָקס צוויי טעג
און אַ נאַכט קומט אוים צו שלאָפן
אין אַ גאַסטהויז אויפן וועג.

פאָרט איש גם־זו, פירט די צירונג
פאַרן פרעמדן קיסרס קרוין
און אַנטקעגן לעגיאָנען
מיט גזלנים פאַר אַ לוין —

אין די פאַנצערס, אין די העלמס,
ווער מיט שפּיז און ווער מיט שווערד —
אָן אַן אויפהער טראַמפּלען, טראַמפּלען
גאָטס סבלנותדיקע ערד.

און זיי לאַכן פון דעם יידן
מיט די פאות און דער באָרד:
— ווי דיין גאָט מיט זיין „לא תרצח",
מאָרט באַזיגט אים מיט זיין „מאָרד". —

ענטפערט גאָרנישט ניט איש גם־זו,
נאָר אַזוי אין הארצן טראַכט:
— רוים וועט פאַלן, מאָרד וועט פאַלן
אויף זיין שווערד אין לעצטער שלאַכט.

פאַכעט שווערד, — גם זו לטובה, —
שווערד וועט ברעכן זיך אין שווערד,
ביז קיין שווערד וועט מחמת מורא
מער ניט פאַכען אויף דער ערד. —

ו

פירט די דימענטן איש גם־זו
פאַר דער בלוט־באַפלעקטער קרוין
און דאָס קעסטעלע באַהאַלט ער
פון דעם גאָטלאָזן המון.

בריט דאָס קעסטעלע די פינגער,
פרעגט ער: — מאי קאָ משמע לן,
מיינט עס חניפה די מתנה
צו דעם רשע אויפן טראָן? —

און עס ענטפערט זיך איש גם־זו:
— ניט קיין חונף איז דער בוים,
וואָס דעם קאָפּ בייגט אַיין אין שטורעם.
און אַ שטורעמווינט איז רוים.

פאַל, מיין שטאָם, ווי גראָז אַנידער,
טאָמער וואָרצלט ער דיך אויס
און פון גוף, איר נעסט צעשטערטן,
די נשמה פליט אַרויס.

ווער וועט ראַטעווען די תורה
דורך אַ ברענעדיקער טיר
און זי צוטוליען צום האַרצן
און זיך צוטוליען צו איר?

לעב, ישראל, היט דיין נפש,
נאָר גאָטס גייסט נאָך מער היט אָפּ,
גרייט צו הייליקן זיין נאָמען
מוטיק מיט אַ שטאָלצן קאָפּ. —

ז

שניידט די רוימער זון די וואָלקנס
און מיט בלוט דעם הימל פאַרבט
און אין בלוט, וואָס שטראָמט אין טייכן,
זינקט די זון אַליין און שטאַרבט.

ווערט אַרום אַ טויטע שטילקייט,
ווי די שטילקייט נאָך אַ שלאַכט,
און ווי מחנות שוואַרצע ראָבן
קומט דער חושך פון דער נאַכט.

שטעלט זיך אָפּ אויף נאַכט דער פורמאַן
אין אַ גאַסטהויז אויפן וועג
און מיט אים אויך אונדזער שליח
מיט דעם קהלשן פאַרמעג.

ווייסן פון די פּאות זיינע
די ערלים פון דעם הויז,
אַז אַ ייד איז זייער שכן,
גיט אין זיי דאָס בלוט אַ ברויז.

ווייל ער נאָך ניט, מחמת טרפות,
טועם זיין פון זייער טיש,
זיינען זיי אַזוי באַליידיקט,
אַז זיי שטומען ווי די פיש

און זיי ריידן ניט צום יידן,
אָבער טאַקע ניט קיין וואָרט.
נאָך אַ נס — מען כאַפּט ניט שלאָגן
און מען רייסט ניט אויס די באָרד.

— זע, אַ האַס. גם זו לטובה, —
טראַכט איש גם-זו: — גוט אַזוי,
וועל איך מער צו גאָט זיך טוליען
און ניט ווערן ווי אַ גוי. —

און ער זאָגט אין האַרצן תהילים,
לייענט קריאת-שמע און שלאָפט איין
און ער שלאָפט זיך ווי אַ צדיק
רויק ביז אין טאָג אריין.

ח

רויק, זיכער שלאָפט דער צדיק,
וואַכט דער רשע אין דער נאַכט.

אין זיין בעט דעם בעל-אכסניא
נעמט קיין שלאָף ניט און ער טראַכט:

— אָט אַ מאָדנע פאָלק די יידן,
צו קיין אַנדער פאָלק ניט גלייך.
האַ, וואָס פירט דער ייד אין קעסטל?
אַלע יידן זיינען רייך.

שטיל און פינצטער. אַלע שלאָפן.
זאָל ניט וועקן נאָר דער האָן... —
שלייכט דערווירט צום גאַסטס געלעגער
און דאָס קעסטל טאַפּט ער אָן.

ווי ער טוט עס נאָר אַן עפן,
גיט פון דעם אַ שלאַג מיט ליכט
און באַלויכט די איבעררראַשונג
אויף זיין גליקלעכן געזיכט.

— ס'איז אַן אוצר. נאָר בריליאַנטן
שימערן ביינאַכט אַזוי.
ווען האָט דער ייד באַשווינדלט?
יעקבס קינדער זיינען שלוי.

האָט ניט יוסף אין אַ הונגער
זערנעם ווייץ געטוישט אויף גאָלד?
וועל איך אויך אַן אויסטויש מאַכן,
אויך אַ גוי איז ניט קיין יאָלד. —

און די דימענטן פון קעסטל
לייגט ער איבער אין אַ קוואַרט
און מיט ערד פילט אוים דער שווינדלער
זייער אויסגעלאָשן אָרט.

און ער שטעלט צוריק דאָס קעסטל
ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געפעלט.
און דער ייד געמיטלעך שלאָפט זיך,
היימיש אין אַ פרעמדער וועלט...

ט

אין דער פרי שטייט אויף איש גם־זו,
גיסט זיך נעגל־וואַסער אָפּ,
זאָגט זיך ברכה, דאַוונט שחרית
מיטן טלית אויפן קאָפּ.

און המוציא מאַכט איש גם־זו:
— גאָט, אַ דאַנק דיר פאַר דעם נס —
ברויט פון ערד האָסטו געצויגן, —
עס דיר, מענטש, נאָר ניט פאַרגעס,

אַז טאָג־טעגלעך עסטו נסים,
וווּנדער טרינקסטו פון אַ קוואַרט,
ווייל דאָס וואַסער האָט פון גאָרנישט
גאָט באַשאַפן מיט זיין וואָרט. —

— צייט צו פאָרן, — זאָגט דער פורמאַן
איך האָב שוין די פערד געשפּאַנט. —
פּאַקט זיך איין אויף גיך איש גם־זו,
כאַפּט דאָס קעסטעלע אין האַנט.

אָבער, זע, פון צווישן קעסטל
און דעם דעקל זעצט אַ שטויב.
עפנט ס׳קעסטעלע איש גם־זו
און דערוויסט זיך פון דעם רויב.

זאָגט ער זיך: — גם זו לטובה,
ווייסט דען גאָט ניט וואָס ער טוט?
נחום, נחום, האָב בטחון,
מירצושעם, ס׳וועט ווערן גוט. —

און ווי גאָרניט וואָלט געטראָפן,
נעמט ער ס׳קעסטעלע און פאָרט.
אָבער ס׳זינקט זיין קאָפּ אַרונטער
און עס אָטעמט שווער די באָרד.

י

ווי אויף פרעמדע פערד און וואָגן
ס׳פאַלן אָן די הינט פון דאָרף,
גיבן זיך אַזוי רעיונות
אויפן פּאַסאַזשיר אַ וואָרף.

— פאָר ניט, — בייסט אַ רעיון: פיר ניט
די מתנה, ס׳קעסטל ערד.
וועסט דערצאָרענען דעם קיסר,
וועסטו פאַלן פון זיין שווערד. —

שלאָגט איש גם־זו, שמייסט דעם רעיון,
ווי דעם הונט דער פורמאַן שמייסט:
— וועל איך הייליקן גאָטס נאָמען
און וועל לייטערן מיין גייסט. —

— פאָר ניט, — בייסט אַ צווייטער רעיון.
האָט דיין פאָלק נאָך ווייניק צער?
וועסט דערצאָרענען דעם קיסר,
וועט אַרויס אַ נייער גזר. —

שלאָגט איש גם־זו, שמייסט דעם רעיון,
ווי דעם הונט דער פורמאַן שמייסט:
— ס׳איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל,
וואָס טאָג־טעגלעך נסים ווייזט. —

— פאָר ניט, — בייסט אַ דריטער רעיון
גאָט צו פּרוּוון איז אַ חטא.
צווינג אים ניט צו שאַפן נסים,
ניט באַלעסטיק פרי און שפּעט. —

האָט איש גם־זו ניט קיין ענטפער
און דער רעיון ביז דער שטאָט
הערט ניט אויף אים צו פאַרפאָלגן:
— ס׳איז אַ חטא צו פּרוּוון גאָט. —

יא

ווען איש גם־זו קומט בשלום
אין דער קרוינשטאָט, איז שוין נאַכט.
גייט ער שלאָפן אין אַ גאַסטהויז,
נאָר ער שלאָפט ניט און ער טראַכט:

— דער באַשטימטער טאָג איז מאָרגן,
ווען אין פּאַלאַץ דער טיראַן
נעמט מיך אויף מיט דער מתנה,
וואָס איז מער שוין ניט פאַראַן.

זאָל איך זאָגן אים דעם אמת:
גויים האָבן מיך באַרויבט.
— ליגנער! — וועט דער קיסר שרייען:
יידן זענען ניט באַגלויבט.

אפשר זאָל איך גאָרניט קומען —
ניט געקומען, ניט געבראַכט, —
קאָן ער זאָגן, אַז די יידן
זיינען ניט געטריי דער מאַכט.

און דאָס קעסטל ערד אים ברענגען
איז דאָך זיכער הויך־פאַרראַט.
ניט בלויז מיך, נאָר אַלע יידן
וועט נאָך אויסשעכטן דער קאַט.

זאָל איך איינשטעלן אויף נסים,
איז צו פּרוּוון גאָט אַ חטא.
וואָס זשע טוט מען? — בלייבט אַ קשיא.
תיק"ו — קאָן שוין זיין צו שפּעט.

איצט ווו ביסטו אליהו?
אויף דיין ענטפער וואַרט א ייד. —
און איש גם־זו ווערט אַנטשלאָפן,
ווי אַ קינד פון וויינען מיד.

יב

אַ פֿאַרשטעלטער פֿאַר דעם פֿורמאַן,
וואָס האָט אים קיין רוים געבראַכט,
קומט צו חלום צו איש גם־זו
אליהו און ער לאַכט —

גיט אים שלום, רעדט זיין לשון:
— האָסט געמיינט, איך בין אַ גוי.
ווייס איך וואָס, כ׳בין אליהו.
איך פֿאַרשטעל זיך אָפֿט אַזוי.

האָרך, איש גם־זו — פֿרעגסט אַ קשיא,
נאָר עס נעמט זיך פֿון אַ גרייז: —
ס׳קעסטל ערד איז גאָר אַן אוצר.
אָט אַ האָסטו אַ באַווייז... —

און איש גם־זו זעט אַ מילשטיין,
קיינער דרייט ניט מיט דער מיל.
וואַרפֿט דער תשבי ערד אַ זעמדל
אין דעם מילשטיין, וואָס איז שטיל.

נעמט פֿון זיך אַליין דער מילשטיין
דרייען זיך און מאָלן מעל.
— איצטער זע, — זאָגט אליהו:
ווי איך מאַך מיט דעם תיל־תל. —

און ער שליידערט ערד אַ הויפֿן
אויף אַ שטאָט, וואָס זינקט אין זינד.
גיט אַ בליץ און ס׳טוט אַ דונער
און די שטאָט ווי סדום פֿאַרשווינדט.

כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף איש גם־זו
און אים וואַרפֿט אין קעלט און היץ,
און ער מאַכט אין פֿאַרכט די ברכה
אויף אַ דונער מיט אַ בליץ:

— מיט דיין כוח, מיט דיין גבורה,
גאָט, איז פֿול די גאַנצע וועלט. —

און באַרויקט שלאָפט איש גם־זו
ביז דער טאָג אין פענצטער העלט.

יג

האָט דער תשבי צו איש גם־זו
נאָר אַ ווונק געטאָן און וויים,
לערנט פשט דער תנא נחום:
— זאָגט מען אַלף, זאָגט מען בית.

איז דאָס קעסטל ערד אַן אוצר,
בעסער פון אַן אבן־טוב,
איז דאָך ווײַל, גם זו לטובה,
טו דיין שליחות ביז צום סוף. —

גייט איש גם־זו צו דעם קיסר
און דאָס קעסטל ווי אַ שאַץ
אַ מתנה פון די יידן
טראָגט ער אונטער אויף אַ טאַץ.

— אַ מתנה ניט פון ליבשאַפט
זאָל ניט וואַרטן אויף אַ דאַנק, —
זאָגט דער קיסר און ער עפנט
ס׳קעסטעלע מיט דעם געשאַנק.

פלוצים רייבט ער זיך די אויגן —
איז עס אמת, וואָס ער זעט?
פּראָסטע ערד איז די מתנה.
— יידן טראַציקע, איר שפּעט? —

שרייט דער קיסר, קריצט די ציינער
און איש גם־זון אין זיין כעס
גיט ער איבער צו דעם תלין —
טויטע טרייבן ניט קיין שפּאַס.

— טויט איז טויט, גם זו לטובה, —
מאַכט איש גם־זו: ס׳איז פון גאָט.
ביי זיין נאָמען אָבער שווער איך:
דאָס געשאַנק איז ניט קיין שפּאָט. —

זאָגט צום קיסר זיין בעל־יועץ:
— האַר פאַרגיב, איך עצה בלויז... —
(גאַפט איש גם־זו — דער בעל־יועץ,
ווי דער פורמאַן זעט ער אוים...)

— אין מלחמה, — עצהט יענער:
זאָל מען אויספּרוּוון די ערד,
אפשר שיקן דיר די יידן
גאָר אַ זאַך פון גרויסן ווערט.

ס'האָט אברהם, זייער זיידע,
אָן אַ שפּיז און אָן אַ שווערד
איינגענומען פינף מלכים
בלויז מיט וואַרפן הויפנס ערד.

אפשר איז אברהמס וואָפן
אָט די ערד, דיין מאַיעסטעט.
איל זיך ניט דעם יידן טייטן
ביז מען פּרוּווט ניט און מען זעט. —

זאָגט דער קיסר: גוט, מיר וועלן
אויספּרוּוון די ערד און זען,
און דעם יידן נעמט אין תפיסה,
זאָל ער זיצן ביז וואָס־ווען. —

יד

זיצט אש גם־זו אין דער תפיסה
און איז גרייט אויף קידוש־השם.
וועט געשען אַ נס פון הימל,
וועט ער גרייסן גאָט פאַר דעם.

וואָס איז טויט? — גם זו לטובה.
אויך אַ תפיסה איז דער גוף.
די אומשטערבלעכע נשמה
בענקט נאָך איר באַפרייערס רוף.

און דער גוף גייט אויך ניט אונטער,
ערד געוועזן און ערד וועט זיין,

און שלאָפֿט אײַן זײַן פֿרײדן־שיכּרות,
שטאַרבט די ניכטערקייט פֿון פּײַן.

זיצט איש גם־זו. ממעמקים
שווימט זײַן מוט אַרויף ווי קאָרק.
ברויט און וואַסער גיט דער קיסר, —
לערן תּורה, פֿרײַ פֿון זאָרג.

ס'איז אויף באָרג די צײַט פֿון לעבן,
ניט פֿאַרשווענד, וואָס איז ניט דײַן.
זאָגט ער תּהילים, לערנט תּורה,
און ס'דערפֿרייט דאָס האַרץ ווי ווײַן.

טו

סקריפּען שלעסער, קרעכצן טירן,
בלאָזט אין תּפֿיסה פֿרײַע לופֿט.
קומט אַרײַן אַ בלאַנקער זעלנער
און איש גם־זוס נאָמען רופֿט.

פֿרעגט איש גם־זו: — טויט צי לעבן?
זאָל געשען, וואָס מוז געשען. —
זאָגט דער זעלנער צו דעם יידן:
— קום, דער קיסר וויל דיך זען. —

גייט איש גם־זו מיטן זעלנער.
פֿרייט זיך רוים, די שטאָט פֿון מאַרס —
שלאַנקע בלאַנקע לעגיאָנען
שפּאַנען אין אַ זיגער־מאַרש.

זעט דער ייד, ווי גיך זיי זיגן,
ווײס ער שוין מיט וואָסער קראַפֿט...
נאָר ער זינגט ניט קיין אָז־ישיר,
ווען ס'קומט אום, וואָס גאָט באַשאַפֿט.

קומט צו גיין דער ייד איש גם־זו
אין דעם קיניגלעכן הויף,
רופֿט אין פּאַלאַץ אים דער קיסר,
מיט אַ שמייכל נעמט אים אויף:

— ייִד, אַ דאַנק פאַר דער מתּנה.
ס'האָט די ערד געקריגט מיין קריג.
פאָר צוריק צו דיינע ברידער
מיט מיין גנאָד אין טאָג פון זיג.

פיר צוריק דאָס זעלבע קעסטל,
ס'איז מיט דימענטן איצט פול.
מאַכט פאַר מיר אַ מי שבירך
יעדן פייערטאָג אין שול. —

צווייטער טייל

א

וואָס איך האָב דערציילט ביז דאַנען,
איז אַ מעשה מיט אַ סוף.
אָבער קריגט זיין שכר דער צדיק,
קומט דעם רשע ניט זיין שטראָף?

מילא רוים, — איצט ווייסן אַלע,
אַז געפאַלן איז איר מאַכט,
ווי איש גם-זו, וואָס פון גימזו,
האָט נאָך דעמאָלט זיך געטראַכט.

נאָר דער גנב אין אכסניא —
ווי האָט אים געגרייכט גאָטס האַנט?
הערט-זשע וואָס פון דעם דערציילט זיך
אין דעם אַלטן פאָליאַנט: —

* * *

מיט אַן ערנוואַך פון קיסר
און אין אַ קאַרעט צוריק
פאָרט דער שליח פון די ייִדן,
פירט זיי דימענטן און גליק.

און אין טרויעריקן גאַסטהויז,
ווו באַרויבט האָט אים דער ווירט,
שטעלט זיך אָפּ אויף נאַכט איש גם־זו,
ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט.

ווען דער ווירט דערזעט די זעלנער,
גיסט אים אָפּ אַ שוויים, וואָס פרירט,
נאָר איש גם־זו זאָגט „גוט־אָוונט",
ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט.

גאַפט אויף דעם קאַרעט דער גנב,
פרעגט און רופט דעם יידן: — האַר,
וואָס האָסטו קיין רוים געבראַכט דאָרט
צו פאַרדינען אַזאַ שכר? —

— וואָס פון דאַנען כ'האָב גענומען,
דאָס האָב איך אַהין געבראַכט, —
ענטפערט מיט אַ ווונק איש גם־זו:
איך בין מיד. אַ גוטע נאַכט. —

און איש גם־זו נעכטיקט איבער,
זאָגט אַ „זיי־געזונט" דעם ווירט
און ער פאָרט זיך צו דעם האָפן,
ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט.

ב

האָט איש גם־זו נאָר געוווּנקען,
האָט די וואַך אַלצדינג דערקלערט.
— זע, איך מיין דעם יידנס רעה, —
גאַפט דער רוימער: ווערט פאַרקערט. —

— אָבער שאַ, — די ערד אין קעסטל,
וואָס האָט וווּנדער אויפגעטאָן,
איז גענומען פון מיין באָדן, —
גיט דער ווירט זיך אַ דערמאָן:

יאָ, כ'געדענק. איך האָב געגראַבלט
ביי דעם ווינקלשטיין פון הויז.

קאָן מען גראָבן מיט אַ רידל,
פעלט דען ערד אין באָדן אוים?

אַי, ס׳קאָן איינפאַלן דער בנין,
זאָל ער פאַלן, איך בין רייך —
אָט די ערד, וואָס ברענגט נצחונות,
איז מיט דימענטן צוגלייך.

אַז פאַר ערד אין דעם קליין קעסטל
האָט דער קיסר גוט באַצאָלט,
ווי באַלוינען וועט ער מיך שוין
מיט בריליאַנטן צי מיט גאָלד,

ווען איך וועל אים ברענגען פורן
פולע מיט דער זעלבער ערד? —
און דאָס הויז אַליין צעוואָרפט ער
און קויפט וועגענער און פערד.

ג

פאַכעט מיט דער פאָן דער רוימער,
גריסט זיין קיסר מיטן זיג:
— אימפעראַטאָר, דו וועסט תמיד,
שוין מצליח זיין אין קריג.

כ׳ברענג דיר ערד, אַברהמס וואָפן,
וועסטו איינעמען די וועלט.
ס׳האָט דער ייד געבראַכט אַ קעסטל,
איך האָב פורן צוגעשטעלט. —

און דער רוימער נעמט דערציילן,
ווי ער האָט דעם ייד באַרויבט.
— וועסט דערפאַר ניט שטראָפן, — זאָגט ער:
רויבן יידן איז דערלויבט.

יאָ, איך האָב דעם יידנס קעסטל
אויסגעליידיקט און דעם בלויז
אָנגעפילט מיט ערד, גענומען
ביי דעם ווינקלשטיין פון הויז.

וואָס געווען איז אין דעם קעסטל?
דימענטן. ניט שטראָף דערפאַר.
ניט געוווסט, ס'איז אַ מתנה
פאַר מיין לייטזעליקן האַר.

איצט האָב איך מיין הויז צעוואָרפן
און די ערד דיר צוגעשטעלט,
וועסטו מיט אברהמס וואָפן
איינגעמען די גאַנצע וועלט. —

זאָגט דער קיסר: — גוט. מיר וועלן
אויספּרוּוון די ערד און זען. —
און דעם גנב אַרעסטירט ער,
זאָל ער זיצן ביז וואָס-ווען.

ד

און די ערד פּרוּווט אויס דער קיסר
און פאַרלירט דערביי אַ שלאַכט.
הייסט ער הרגענען דעם גנב,
וואָס האָט אים דערצו געבראַכט.

און איש גם-זו פאָרט בשלום
אויפן ים, ווי אויף אַ בריק
און פון האַפן אויף זיין אייזל
קומט ער אָן אַהיים מיט גליק —

מיט בריליאַנטן אינעם קעסטל
און אַ הלל אויף זיין צונג
פאַר די נסים, וואָס זיי זיינען
פון אַ וואַכזאַם אויג אַ ווונק.

הוספה

אויף אַ היסב־בעט אין ווייסן,
ווי אַ מלך צו דער סעודה,
זיצט דער תנא־דאוריתא,
וואָס פון גימזו אין יהודה.

זינגט רב נחום, קלינגט איש גם־זום
קול פאַרטראַכטער ווי אַ דודע:
— בויט מצרים פתום, רעמסס
און ווי ווערעם אין אַ הרודע,

קאַרטשען זיך אין ווענט פאַרמויערט
קינדער — לעבעדיקע שטיינער.
וויינען יידן אין גאָטס אויער,
הערט ניט גאָט ווי יידן וויינען?

הערן הערט ער, נאָר ער זאָמט זיך,
אָבער ס'קומט דער איבערראַשער,
שלאָגט מצרים, שפּאַלט דעם ים־סוף,
שפּייזט פון לופט, פון שטיין גיט וואַסער. —

און איש גם־זו לאָזט צו וויסן:
— וואונדערלעך איז גאָטס השגחה.
לויבט אים, יידן, פאַר די נסים,
אויף יסורים מאַכט אַ ברכה.

גאָט! דיין וועלט איז ניט אַזוי ווי
אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד אין שמיטה.
שוואַרצט די נאַכט, גם זו לטובה,
די אַשמורה איז די דריטע.

שוואַרץ די נאַכט איז פאַר געבערן,
זי געבערט דעם טאָג בעל־כרחה. —
אַזוי לאָזט איש גם־זו הערן
און תלמידים פיל אים האָרכן.

שלמה המלך און דער אשמדאי

א

קיניגט שלמה זון פון דוד,
בליצט מיט חכמה און פאַרשטאַנד,
האָט ער זילבער, גאָלד און כבוד,
קלינגט זיין שם אין יעדן לאַנד.

שלמהס חכמה קומען הערן
מלכים און די מלכת־שבא
און עס כאַפּן זיך ביים שטערן
וועלט־חכמים גרייז און גראָ.

דינען פעלקער אים און טרויען
און זיי ברענגען אַ פּרעזענט,
קאָן דעם בית־המקדש בויען
דודס זון מיט ריינע הענט.

ברענגט מען פון לבנון האָלצן,
קיזל, מאַרמאָר — פון די בערג,
גאָלד — פון אופיר, ריין געשמאָלצן
צו באַצירן שלמהס ווערק.

אַלץ געבראַכט אין רויע שטיקער,
נאָר געצייג פון אייזן — ניט,
ווייל די שווערד פון בייזע קריגער
אויך פון אייזן איז געשמידט.

אָבער יידן ווילן פרידן,
„הרגע ניט” איז גאָטס געבאָט,
בויען ס׳הויז פון גאָט די יידן
אָן אַ האַק און אָן אַ דלאָט.

ווי זשע שפּאַלט מען ביימער-שטאַמען
שטיינער האַקט מען ווי אַזוי?
איז אַ דימענט דאָ אַזאַ מין,
בעסער ווי געצייג פון בוי.

שניידט דער דימענט אַלץ ווי פּוטער,
„שמיר„ הייסט ער, דער בריליאַנט,
אָבער ס'וויים נאָר דער ניט-גוטער
וווּ ער איז, אין וועמעס האַנט.

ב

קלוג איז שלמה, גרויס — זיין וויסן,
ווייס ער, אַז ניט אַלץ נאָך ווייס ער,
נאָר אַביסעלע פאַרריסן
איז ביי זיך דער קלוגער קיסר.

לערנט ער שכל פון די בינען,
לערנט ער זינען פון דער סאָווע,
וויל אַליין אַלץ אויסגעפינען
און ער פרעגט ניט ביי קיין נביא.

* * *

פרעגט דער קיניג קלוגע מענטשן:
— זאָגט מיר, וואָס איר ווייסט, חכמים,
וועגן דימענט דעם געבענטשטן,
„שמיר״ איז דעם דימענטס נאָמען?

זאָגן די חכמים שלמהן:
— וויניק אין דיין אויער, ליידער,
האָבן מיר דיר איינצורוימען.
ס'וויים דערפון אַ קינד אין חדר.

ערב-שבת, שטאַרק באַגייסטערט
פון באַשאַפן וועלט און לעבן,
האָט דער בורא נאָך געמייסטערט
און דעם שמיר צוגעגעבן.

מיטן שמיר האָט עם משה
די צוויי לוחות אויסגעשניטן,
אָבער פאַר די זינד די גרויסע
האָבן אים ניט מער די יידן.

ווו ס'איז איצט דער שמיר, קיסר,
שטייט ניט אין די חכמה־ספרים.
יאָ, מיר זיינען קנאַפּע וויסער,
ס'איז דער גייסט פון מענטשן אָרעם. —

ענטפערט גייציק קיניג שלמה:
— אָבער איך וועל דאָס אַנטדעקן.
רייצן רייצט מיך דאָס געהיימע,
ביי די שדים וועל איך פרעגן. —

רופן אָן זיך די חכמים:
— וואָס, די פינצטערע מלאכים?!
חכם איז דיין צווייטער נאָמען,
אָבער זיי ניט צופיל חכם. —

ג

שלמה האָט אַ הייליק רינגל,
שטייט געקריצט אויף אים גאָטס נאָמען,
שיצט דאָס רינגל פון ניט־גוטע,
אָבער שלמה טוט ניט אָן אים,

ווען ער קלעטערט אויפן לייטער
צו די שדים אויפן בוידעם.
— מיך באַשיצן וועט מיין חכמה, —
טראַכט דער חכם ניט באַשיידן.

פּלוצים, שאָקלט מען דעם לייטער
און די שטאַפּלען נעמען סקריפּען,
ברעכן זיך די קני אים אונטער,
פּויקט דאָס האַרץ אים אין די ריפּן.

טוט דער חכם אָן דאָס רינגל —
אוים דאָס שאָקלען, אוים דאָס סקריפּען,

ברעכן זיך די קני ניט אונטער,
פויקט דאָס האַרץ ניט אין די ריפּן.

גרייכט דעם בוידעם קיניג שלמה,
זוכט די שדים מיט די אויגן,
אָבער פֿאַרן שם־המפורש
זיינען אַלע זיך צעפלויגן.

נאָר איין קליין שוואַציאַרל דאָרטן,
ווי אין סאַזשע איינגעטונקען,
קוקט אַרויס אַפיר דעם קוימען
מיט די אויגעלעך ווי פונקען.

כאַפּט עס שלמה פֿאַר די פיסלעך
(שדים האָבן פיס פון עופות), —
כאַפּט עס שלמה ווי אַ הענדל,
פֿאַר די פיסלעך הייבט ער אויף עס.

נעמט עס יאָמערן: — באַפריי מיך. —
ענטפערט שלמה אויף זיין יאָמער:
— אויב, שוואַרציאַרל, וועסט דערציילן
ווו עס איז דער דימענט שמיר. —

שווערט זיך יענער ביי דעם טייוול:
— כ׳ווייס ניט און עס ווייס ניט קיינער,
חוץ דעם האַר פון אַלע שדים,
חוץ דעם אשמדאי אַליין נאָר.

— ווו זשע האַלט זיך אויף דיין הערשער? —
פרעגט אים שלמה, ווייזט דאָס רינגל:
אָבער זאָג מיר ניט קיין ליגן
מיט דיין פֿאַלש און גלאַטיק צינגל. —

זאָגט דאָס שדל: — כ׳וועל דערציילן
און וועל גאָרנישט ניט פֿאַרפעלן.
אָבער, קיניג, ס׳איז מיר שפל,
לאָז מיך אויף די פיס זיך שטעלן. —

שטעלט אוועק דאָס שדל שלמה,
נאָר פאַרגעסט עס ניט צו בינדן,
ס'זאָל קיין שפּיצל אים ניט אָפּטאָן,
אָן אַ זיי־געזונט פאַרשווינדן.

נאָר דאָס שדל טראַכט ניט לויפן,
עס באַרימט זיך פאַרן קיסר
מיטן אשמדאי, זיין הערשער,
דעם אַלץ־זעער, דעם אַלץ־ווייסער:

— ס'ברענט אין אשמדאי אַ נייגיר
מיט פאַרצערנדיקע פלאַמען,
האַלט ער זיך ניט אויף אין ערגעץ,
ער זאָל עפּעס ניט פאַרזאַמען.

ס'וויל דער אשמדאי אַלץ וויסן,
וואָס פון אויבן און פון אונטן —
אויף דער ערד און אויפן הימל,
אויפן ים און אויף די גרונטן.

שוועבט ער צווישן ערד און הימל,
האַלט זיי ביידן אין איין פאָרשן,
שטעלט זיך אָפּ נאָר אויף אַ ווײַלע,
ווען עס הייבט אים אָן צו דאַרשטן.

האָט ער אין די הרי־חושך,
וווּ נאָך מענטש איז ניט געקומען,
אין אַ באַרגשפּאַלט זיך געגראָבן
אַ געהיימען טיפן ברונעם.

שטעקט אַ שטיין אין מויל פון ברונעם,
אויפן שטיין — אַן אייזן־ריגל
און דער ריגל איז פאַרחתמעט
מיט דעם גרויסן צווייפלערם זיגל.

אויב ס'איז גאַנץ, דעם שטיין פון ברונעם,
זוי פון פלאַש אַ פּראָפּן, ציט ער

און זופּט אויס דעם ברונעם וואַסער
און פאַרשטעקט, פאַרזיגלט ווידער.

און דער אומרויִקער פאַרשער
זוכן וויסן לאָזט זיך ווייטער. —
— בייזע חכמה, — מורמלט שלמה
און דאָס שדלע באַפרייט ער.

ד

רופט זיין פעלדמאַרשאַל דער קיניג
און באַשווערט אים: — זיי מיר טריי.
טו מיין רינגל אָן, בניהו,
גיי און פאַנג דעם אשמדאי.

נעם די קייט פאַר דעם מחבל,
ס'איז אַן אײַזערנע די קייט,
נאָר נאָך שטאַרקער איז גאָטס נאָמען,
וואָס אויף איר געשריבן שטייט.

און פאַרגעס ניט מיטצונעמען
לאָגלען וויין און בינטלעך וואָל.
נייג דיין אויער, הער מיין אײַנפאַל,
כ'וויל ניט ריידן אויפן קול. —

הערט בניהו מיט כוונה,
וואָס דער חכם רוימט אים איין
און ער שמייכלט אין די וואָנצעס,
שאָקלט מיטן קאָפּ: — ס'איז פיין. —

און ער ענטפערט: — אַזאַ חכם
ווי מיין האַר איז ניט פאַראַן.
מיט גאָטס הילף און מיט דיין חכמה
וועל איך אויספירן דיין פּלאַן. —

ה

גייט בניהו טעג און וואָכן,
גייט אין זון און רעגנשלאַקס

איבער וויסטע פעלדער, וועלדער,
ווו דער שווארצער פעפער וואקסט.

קומט ער אין די הרי־חושך,
וואס קיין מענטש האט ניט באזוכט,
ווו עס יאמערט בלויז די סאווע
און די קרא די שווארצע פלוכט;

ווו די עקדישן און שלאנגען
שפייען מיט פארסמטן שליים
און די פלעדערמייז ווי שדים
פליען אן גערויש, געהיים.

נאר בניהו אויף זיין פינגער
טראגט דאס רינגל, ווייס ער ניט
פון קיין פחד אין זיין הארצן,
פון קיין וואקל אין די טריט.

זוכט ער אין די הרי־חושך
און די פעק געדולדיק טראגט
און געפינט דעם שטנס ברונעם,
ווי דאס שדל האט געזאגט, —

צוגעריגלט און פארזיגלט
איז דער שטיין, וואס אים פארפראפט.
מאכט בניהו ניט קיין שיהיות,
נעמט א גראבאייזן און גראבט, —

גראבט א גרוב — פון ברונעם טיפער,
ברעכט אין ברונעמס וואנט א לאך,
לאזט אין גרוב אריין דאס וואסער
און פארשטאפט מיט וואל דעם בראך.

און ער גראבט א גרוב א פלאכע,
ברעכט אין ברונעם נאך א לאך,
גיסט אריין דעם ווין אין ברונעם
און פארשטאפט מיט וואל דעם בראך.

און פאַרשאָטן ביידע גריבער,
ניט געלאָזט פון וואָל קיין האָר,
קריכט בניהו אויף אַ צעדער
און ער וואַרט אויף דעם שוואַרציאָר.

ו

ווי אַ שטורעם אויף אַ כמאַרע,
אויף די שוואַרצע ריזן-פליגל
קומט דער אשמדאי צו פליען
צו דעם ברונעם מיטן זיגל.

ברענען, פאַרשן זיינע אויגן,
ווי די בליצן פון געוויטער,
און דעם שווערן שטיין פון ברונעם,
ווי פון פלאַש אַ פראָפן, ציט ער.

שוימען וויים די שוואַרצע ליפּן,
גלאַנצט פון שוויים דער שוואַרצער שטן,
זופט ער אוים דעם גאַנצן ברונעם
מיט איין צי פון הייסן אָטעם.

און פאַרשטעקט צוריק דעם ברונעם
און פאַרחתמעט מיט זיין זיגל.
פלוצים פילט ער אַזאַ שווערקייט
אין די פים און אין די פליגל.

און אַ שטאַרקער שלאָף באַטויבט אים,
הערט ער ניט, דער אָפּגעהיטער,
ווי בניהו שמידט אין קייט אים,
ווי אַ מענטש ווערט זיין געביטער.

אַז דער אשמדאי ווערט ניכטער,
הייבט ער אָן די קייט צו רייסן,
לאָזט אים ניט דער שם-הויה,
וואָס איז שטאַרקער נאָך פון אייזן.

גיט דער אשמדאי אַ מורמל:
— שלמהס אַרבעט איז דאָ ניכר, —

דער, וואָס האָט געזאָגט דאָס ווערטל,
אַז דער וויין מאַכט שפּאָט פון שיכור. —

ז

האַלט די קייט אין האַנט בניהו,
גייט פאָרויס און פירט זיין פאַנג,
וואַרפט אַן אויג און נייגט אַן אויער
צו דעם טאַקט פון קייטס געקלאַנג.

און מיט איבעריקע פליגלען,
מיט די הינערישע פיס
גייט דער אשמדאי פון הינטן,
ווי אַ שוואַרצער האָן — אַ ריז.

בייז איז ער און חורבן זייט ער,
וויפיל אים ס'דערלויבט די קייט,
רייבט איןביימער זיך און ברעכט זיי
מיט אַ שדים־שאָדנפרייד.

און ער וואַלגערט איין אַ מויער
מיט אַ שטויס בלויז אין דער וואַנט,
און ער לאַכט פון דעם בן־אדם,
וואָס באַשרענקט איז זיין פאַרשטאַנד.

מיט דער קייט און מיט דעם רינגל,
שרעקט זיך ניט בניהוס האַרץ,
נאָר ער פילט די פאָרכט פון אָפּשיי
פאַרן חכם, וואָס איז שוואַרץ.

פירט דעם אַשמדאי בניהו
און ער היט און פאַרשט זיין פאַנג,
וואַרפט אַן אויג און נייגט אַן אויער
צו דעם טאַקט פון קייטס געקלאַנג.

ח

טעג און וואָכן פירט בניהו
אויף דער קייט דעם אשמדאי,

מענטשן קומען זיי אַנטקעגן,
מענטשן גייען זיי פאַרביי.

איינמאָל גייט אַ בלינדער בעטלער,
ליגט אין וועג אַ שטרויכלשטיין,
ס׳קאָן דער אָרעמער נאָך פאַלן
און צעברעכן זיך אַ ביין.

איידער ס׳קומט צו הילף בניהו,
פעדערט זיך דער אשמדאי
און ראַמט אָפּ דעם שטיין באַצייטנס;
גייט זיין וועג דער בלינדער פריי.

פרעגט בניהו, אַ געפּלעפּטער:
— ווי קומט מיטלייד צו אַ שד? —
נאָר דער שוואַרצער מלאך ענטפערט,
פון בניהו לאַכט און שפּעט:

— אָט דער בלינדער איז אַ צדיק,
ווער עס העלפט אים, איז געבענטשט.
האָב איך דיר עס ניט פאַרגונען,
דו אומוויסנדיקער מענטש. —

* * *

איינמאָל וואַקלט זיך אַ שיכור,
און ער פאַלט אין מיטן גאַס,
און אין בלוט און בלאָטע וויינט ער,
זוכט זיין טרייסטענדיקע פלאַש.

קומט דער אשמדאי צו הילף אים,
ווי אַ פאָטער נעמט אים איין,
וואַשט די וווּנד, ווישט אָפּ די טרערן
און דערלאַנגט די פלאַש מיט וויין.

שטוינט בניהו: — העלפסט אַ שיכור? -
זאָגט דער אשמדאי און קוועלט:
— זאָל ער האָבן עולם-הזה
און פאַרלירן יענע-וועלט. —

* * *

ציט אַ חתונה מיט קלעזמער,
ציט אַ פֿריילעכע פֿאַרביי.
— טראַגי־קאָמישע בעל־שמחהס, —
זאָגט מיט גאַל דער אשמדאי:

ווייסן ניט, אַז ס'איז דעם חתן
נאָך דער חתונה באַשטימט
ער זאָל שטאַרבן, איבערלאָזן
אַן אַלמנה אָן אַ קינד. —

* * *

— נעם אַ מאָס און מאַך אַ מוסטער,
ניי מיר שטאַרקע שיך אַ פּאָר, —
זאָגט אַזוי אַ קונד צום שוסטער:
שיך צו טראָגן זיבן יאָר. —

לאַכט פֿון אים דער שוואַרצער מלאך:
— נאַריש איז דער מענטש, פֿאַרוואָר,
זיבן יאָר וועט ער ניט ציען,
ניי אים שיך אויף זיבן יאָר. —

* * *

זיצט אַ וואָרזאָגער, אַ חכם,
קוקט אַריין אין אַ קרישטאָל,
זעט ער, וואָס עס איז פֿאַרגאַנגען,
און, וואָס קומען וועט אַמאָל.

לאַכט דער טייוול: — אַלץ דיר זעט ער,
חוץ דעם אוצר אונטערן נאָז.
ווו ער זיצט, איז גאָלד באַגראָבן
און דער חכם קוקט אין גלאָז. —

ט

קומט דער אַשמדאי געפֿאַנגען
אין דעם קיניגלעכן הויף,

לאָזט אים שלמה דריי טעג וואַרטן
און ער נעמט אים ענדלעך אויף.

נעמט דער אַשמדאי אַ שטעקן
און פיר איילן מעסט ער אָפּ
און ער זאָגט אַזוי צו שלמהן:
— אָט אַזויפיל, קלוגער קאָפּ,

ערד באַדאַרפסטו אויף אַ קבר,
נאָר ס׳איז ווייניק דיר די וועלט.
ווילסטו נאָך אויך מיך באַהערשן,
שטערבלעכער, גענאַרטער העלד? —

ענטפערט קיניג שלמה רויק:
— יאָ, עס וואַרט אויף מיר דער טויט,
וויל איך אין מיין קורצן לעבן
עפּעס האָבן אויפגעבויט.

און איך וואָלט באַהערשט דיך, משחית,
און געטאָן עס ניט אומזיסט —
מיט דיין ווישן, וואָס מאַכט חרוב,
וואָלט איך אויפגעבויט די וויסט.

אָבער פריי זיך, שלאַנג דו שלויע,
איך בין נאָך ווי אדם פויל
און מיך רייצן טויזנט חוהס
און פאַרפירן מיט דיין מויל.

און עס שטרייטן אין מיין האַרצן
בויערס גייץ און לעביונגס פרייד,
און די חכמה אויך פאַרפירט מיך —
כ׳טו ניט, וואָס אין פּסוק שטייט.

מיט דער חכמה קומט אויך גדלות,
כאָטש איך וויים פון דער געפאַר
און האָב מורא, אַז מיין חכמה
וועט נאָך מאַכן מיך צום נאַר.

יאָ, מיין בויערס גייען איז מעסיק
און איך בוי דערווייל גאַטס הויז,
וועל איך האַלטן דיך געפאַנגען
נאָר ביז וואַנען כ׳בוי עס אויס, —

זאָלסט ניט שטערן, אויך מיר זאָגן
ווו ס׳געפינט זיך דער ברילויאַנט,
דער געבענטשטער דימענט שמיר.
נו, דערצייל, ביסט אין מיין האַנט. —

י

זאָגט דער שטן: — מיטן שמיר
האָב איך גאָרנישט ניט צו טאָן.
גאָט האָט אים פון תהום באַשאַפן
און אים אומגעקערט צום תהום.

און דער שר פון תהום פאַרטרויט אים
נאָר צום אויערהאָן אַליין, —
צו דעם האָן, דעם פעלדזן-שפּאַלטער,
וואָס ער ציט אַרויס פון שטיין:

גרינע גראָזן, פייכטע ריטלעך
און דאָס וואַסער, וואָס באַגיסט,
און עס נעמען בליען וועלדער,
ווו געווען איז פריער וויסט.

האָט דער אויערהאָן געשוואוירן
ביי זיין קאָם און ביי זיין באָרד,
אַז דעם שמיר וועט ער היטן,
און דער אויערהאָן האַלט וואָרט.

ער באַהאַלט אים פון די שטערן
און פאַרבאָרגט אים פון דער זון;
ווו ער האַלט אים ווייסט ניט קיינער
ניט זיין הענדל, ניט זיין הון.

וווינען וווינט ער דאָרטן טאַקע
אין אַליין-געפלאַנצטן וואַלד,

אין די בערג, אין אויסגעהאַקטן
מיטן שמיר פעלדזנשפּאַלט.

און אַ נעסט מיט קליינע קינדער
האָט דער טרייער אויערהאָן;
דער געטרייער שטאָלצער טאַטע
האָדעוועט אַליין זיי אָן.

דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן דיר זאָגן, —
גיט דער אַשמדאַי אַ ברום.
שמידט אים שלמה אין אַ תּפיסה
מיט מזוזות רונד אַרום.

יא

שיקט בניהון קיניג שלמה
און אַזוי אים זאָגט ער אָן:
— גיי צום שומר פון דעם שמיר,
צו דעם טרייען אויערהאָן.

היטן טריי האָט ער געשווירן,
זע, ניט ברענג אים צו קיין זינד,
נאָר אַ שומר איז ניט שולדיק,
ווען ער ווערט געשלאָגן בלינד.

מאַך אים בלינד בלויז אויף אַ ווײַלע,
זיין געוויסן זאָל זיין ריין.
אָן זיין ווילן, אָן זיין וויסן
קריג אַרויס דעם איידלשטיין.

נעם אַ גראָב שטיק גלאָז אַ רונדיקס
פון געשליפענעם קרישטאָל.
נייג דיין אויער, הער מיין איינפאַל,
כ׳וויל ניט ריידן אויפן קול. —

הערט בניהו מיט כוונה,
וואָס דער חכם רוימט אים איין
און ער שמייכלט אין די וואָנצעס,
שאָקלט מיטן קאָפּ: — ס׳איז פיין.

און ער ענטפערט: — אַזאַ חכם
ווי מיין האַר איז ניט פאַראַן.
מיט גאָטס הילף און מיט דיין חכמה
וועל איך אויספירן דיין פּלאַן. —

יב

גרינג און פריילעך גייט בניהו,
גייט אין זאַמד און גייט אויף גראָז,
גאַרניט אין זיין פעקל טראָגט ער,
חוץ דאָס רונדיקע שטיק גלאָז.

קומט ער אין די בערג די וויסטע —
האַרטער שטיין און שטייפער ווינט;
דאָ און דאָרט אַ בייזער דאָרן.
מיטאַמאָל ער זעט — עס גרינט.

אין אַ ראָם פון האַרטע פעלדזן
אויף בייז-וווּנדער אין דער ווילד
גרינט אַ וואַלד מיט מילדע בלעטער,
וואָס די ליבע זון באַגילט.

און פון דאָרט, ווי פון אַ ישוב,
הילכט דאָס קרייען פון אַ האָן.
אײַלט צום גרינעם וואַלד בניהו
און ער קומט אַהינצו אָן.

וואַלד און שאָטן, נאָר אַ זונשטראַל
ווייזט אַ נעסט אין טיפן גראָז.
ווייסט בניהו וואָס צו טאָן שוין,
לייגט ער אויפן נעסט דאָס גלאָז.

און אַליין אין גראָז באַהאַלט זיך,
קוקט, נאָר גיט זיך ניט קיין ווייז.
קומט דער אויערהאָן צו פליען
מיט אַ פולן שנאָבל שפּייז.

ווייל ער האָדעוועט די קינדער,
טיילט זיי אָפּ פון אים דאָס גלאָז;

פּיקט ער, קאָן ער ניט צעברעכן
און צעבלוטיקט זיך די נאָז.

און די קינדער וויינען ביטער,
וויינט דעם טאַטנס האַרץ מיט זיי,
און דער האָן, דער פעלדזן־שפּאַלטער
טרייסט די קינדער מיט אַ קריי,

און ער פליט און ברענגט דעם שמיר.
נאָר ווי קריצן הייבט ער אָן,
וואַרפט אַ הויפן ערד בניהו
אין די אויגן פון דעם האָן.

שרייט ער אויס אין בלינדן פּחד,
פאַלט פון מויל דער וווּנדערשטיין. —
און בניהו קושט דעם שמיר
און דעם שומר וואַשט ער ריין...

יג

קומט בניהו מיטן שמיר,
גיט אים שלמהן אין דער האַנט.
רופט די בוימייסטערס דער קיניג
און פאַרטרויט זיי דעם בריליאַנט.

שניידט דער שמיר אַלץ ווי פּוטער
און נאָך שנעלער פון אַ בליץ
ראַנדיק, רונדיק — לויט דעם ווילן
פון דער האַנט, וואָס מאַכט דעם קריץ.

שניידט פון קיזל ווינקל־שטיינער,
שניידט דאָס מאַרמאָר פאַר די ווענט
פּיקס און פאַרטיק פאַר די בויערס,
פאַר די טויזנטער פאַר הענט.

בויען זיי דעם בית־המקדש
אָן אַ האַק און אָן אַ דלאָט, —
אויפן שיינעם באַרג מוריה
בויען זיי דאָס הויז פון גאָט.

זיבן קיילעכדיקע יאָרן
דויערט ביז מען בויט עס אויס.
שטיין פון דרויסן, האָלץ און גינגאָלד
איז פון אינווייניק דאָס הויז.

און מען ברענגט אַהין דעם אָרון
מיט די לוחות פון געבאָט,
און אַ בלענדיק־ווייסער וואָלקן
הויערט אויפן הויז פון גאָט.

יד

רופט צונויף זיין פאָלק דער קיניג,
שפּרייט די הענט און שטרעקט זיי אויס
און ער בענטשט גאָטס פרומע סטאָדע
און באַניט גאָטס הייליק הויז.

און דאָס פאָלק גיט אָפּ אים כבוד:
— שלמה, ביסט דער קליגסטער מענטש,
ביסט פון אַשמדאי נאָך קליגער,
גאָט אַליין האָט דיך געבענטשט. —

מאַכט אַ גרויסע סעודה שלמה,
גיסט זיך וויין ווי וואַסער פריי,
שרייט מען: — לעבן זאָל דער קיניג,
וואָס באַצווינגט דעם אַשמדאי! —

טרינקט דאָס פאָלק און ס'טרינקט אויך שלמה
ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין
און ס'איז גוט אים אויפן האַרצן
אי פון כבוד, אי פון וויין.

גייט, אַ שטאָלצער, קיניג שלמה
צו דער תפיסה, וווּ פאַרשפּאַרט
זיצט זיין פאַנג שוין זיבן יאָרן
און אויף דער באַפרייונג וואַרט.

עפנט ער די טיר, איז דאָרטן
גלייך ווי אין אַ קוימען שוואַרץ,

נאָר ווי ברענענדיקע סאַזשע
גליט אַ בליק און קוקט אין האַרץ.

און דער בליק ווערט אָנגעצונדן
און צעפלאַקערט זיך ווי האָלץ —
צי פון שמחה צי פון צאָרן,
ווען ער מערקט דעם קיניגס שטאָלץ.

ס׳ברענט אַזוי מיט זיינע אויגן
אין דער נאַכט דער אשמדאי.
זאָגט אים שלמה: — קום, געשמידטער,
און איך וועל דיך לאָזן פריי.

טז

אויסן שטאָט פירט קיניג שלמה
דעם געשמידטן אויף דער קייט.
זינקט אין שלאָף ירושלים,
אַ געזעטיקטע מיט פרייד.

שלאָפן שיכורע די וועכטער,
נאָר גערייצט פון אַשמדאי
שלאָפן ניט די הינט און וואָיען
מיט אַ גרויליק בילעריי.

זאָגט צום שוואַרצן מלאך שלמה:
— זע, דו ביסט ביי מיר אין האַנט,
איז מיט וואָס זשע ביסטו שטאַרקער
פון אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד? —

ענטפערט אים דער שוואַרצער מלאך:
— ניט דיין חכמה האָט געזיגט,
נאָר דער כוח פון גאָטס נאָמען
האָט דעם קריג פאַר דיר געקריגט.

נעם די קייט פון מיר אַרונטער,
וואָס איז שטאַרק בלויז מיט דעם שם,
און דאָס רינגל פון דיין פינגער
צי אַראָפּ — און זיג אָן דעם. —

און ס׳באַנאַרישט זיך דער חכם —
צי פון גדלות צי פון ווײַן —
און ער טוט דעם שטנס ווילן,
ביידע זאָלן גלײַכע זײַן.

און דער אַשמדאי פאַרשלינגט אים,
ווי אַ קערנדל — אַ האָן,
און צעשפּרייט די ריזן־פליגל, —
אין דער ערד שפּאַרט איינעם אָן

און דעם צווייטן אינעם הימל —
און דעם חכם שפּייט ער אויס,
און פאַרוואַרפט אים אין אויסרייסן,
ווי אַ שטורעם אין צעברויז.

און, פאַר שלמהן אַ פאַרשטעלטער,
טוט דער אשמדאי זיך אָן
אויף די הינער־פיס צוויי זאָקן
און ער זיצט אויף שלמהס טראָן.

טז

ווייט פאַרוואָרפן פון זײַן קרוינשטאָט
און זײַן קיניגליכן הויף,
אַ צעביילטער, אַ צעקיילטער,
כאַפּט זיך קיניג שלמה אויף.

דעם אַנטקרוינטן קאָפּ באַטאַפּט ער
מיט די פינגער אָן דעם רינג
און מיט חרפה און מיט ווייטיק
ער דערמאָנט זיך אין אַלצדינג.

יאָ, ביסט נאַריש, שטאָלצער חכם,
ווען דו ווילסט דערגיין אַ סוד
מיט דער הילף פון טייוול ליבערשט,
איידער מיט דער הילף פון גאָט.

קוקט אויף זײַנע קליידער שלמה —
ניט קיין שפּור פון זייער גלאַנץ —

שוואַרץ פון קויט דאָס ווייסע זיידנס
און קיין פאָדעם איז ניט גאַנץ.

לאָזט זיך שלמה ווי אַ שלעפּער
איבער פרעמדע הייזער גיין.
— איך בין שלמה, קיניג שלמה, —
זאָגט דער בעטלער מיט געוויין.

קייכן מענטשן פון געלעכטער,
שרייען אויפן שלעפּער אָן:
— ביסט משוגע, זעלבסט-געקרוינטער,
שלמה קיניגט אויף זיין טראָן. —

און די טיר פאַר אים פאַרהאַקט מען,
און מען וואַרפט פון טרעפּ אַראָפּ,
און ס'פאַרפאָלגן אים די קינדער,
שטיינער וואַרפן אים אין קאָפּ.

יז

וואָגלט שלמה ווי אַ בעטלער,
אין זיין האַנט אַ וואַנדערשטאָק.
יאָמערט שלמה: — שטעקן מיינער,
דו ביסט אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

ליבע מענטשן, זעט, אַ קיניג
האָט באַהערשט אַ גאַנץ רייך לאַנד
און אַצינד באַהערשט דער שטאָלצער
בלויז דעם שטעקן אין זיין האַנט.

קוועטשן מענטשן מיט די פּלייצעס,
גוטע מאַכן זיך ווי טויב,
שאָקלען מיט די קעפּ און מורמלען:
— אַז מען זאָגט : משוגע, — גלייב. —

און די בייזוויליקע מענטשן
טוען שלמהן שפּיצלעך אָפּ —
רופן אים: — אדוני מלך, —
און באַקרוינען מיט אַ טאָפּ.

נאָר אַמאָל פאַסירט, אַז איינער
גלייבט שוין שלמהן און פילט מיט.
ער פאַרבעט אים אויף אַ מאָלצייט,
נאָר פאַרביטערט זיין געמיט.

גרייט אַ טיש ווי פאַר אַ מלך —
וויין און רינדפלייש — לויטער שמאַלץ,
נאָר אַז שלמה נעמט זיך עסן,
שיט ער אויף די ווונדן זאַלץ:

— ווי די אויגן, וואָס זיי זעען
און זיי ווערן גאָרניט בלינד.
ביסט אַמאָל געווען אַ קיניג
און אַן אָרעמאַן אַצינד.

ביסט געווען דער גרעסטער חכם
און אַצינד דער גרעסטער נאַר.
ווי די אויגן, וואָס זיי זעען
ווי געפאַלן איז מיין האָר. —

טוט דעם גאַסט אַ קלעם ביים הארצן
און צום גומען איז ניט זיס:
ניט דער וויין און ניט דאָס רינדפלייש,
און ער הייבט זיך אויף פון טיש.

יח

— גאָט, פון מיינע פריינד באַהיט מיך, —
מורמלט שלמה אין זיין פיין:
בעסער איז אַ שטיין פון שונא
ווי פון חבר גיפט אין וויין. —

און דערפאַר, אַז ס'קומט אַ צווייטער
און ער פאַלט צו זיינע פיס:
— טו מיר אָן דעם כבוד, קיניג,
ניט פאַרשעם מיין אָרעם-טיש. —

פרעגט אים שלמה: — ווילסט מיר אָפּטאָן,
ווי דער גביר האָט אָפּגעטאָן,

און באַוויינען מיך ביים לעבן,
עלעהיי אַ בר־מנן? —

שוווערט זיך יענער: — ניין, מיין קיניג.
אמת, אָרעם איז מיין ברויט,
אָבער מיט אַ שמייכל וועל איך
מאַכן זים מיין זויערקרויט. —

און ער ברענגט אים אין זיין שטיבל
און ער וואַשט אים אָפּ די פיס,
גיט אים זויערקרויט צו עסן,
נאָר ער טרייסט אים, שמייכלט זיס:

— צוגעזאָגט האָט גאָט דיין פאָטער
ס'זאָל ניט ווערן אָפּגעטאָן
די מלוכה פון זיין זאָמען, —
אויף גאָטס צוזאָג שפּאַר זיך אָן.

מיט איין האַנט טוט גאָט באַשטראָפן,
היילן — מיט דער צווייטער האַנט.
האָף צו גאָט, ער וועט דיך ברענגען
צו דיין פריערדיקן שטאַנד. —

דאַנקט אים שלמה, אַ געטרייסטער,
גיט אַ גלייכוווערטל אַ זאָג:
— בעסער זויערקרויט מיט האָפנונג,
איידער רינדפלייש מיט אַ קלאָג. —

יט

וואַנדערט שלמה מיט זיין שטעקן
לאַנגע טעג און קומט צו גיין
אין זיין שטאָט ירושלים,
ווו ער קאָן איעדן שטיין.

דאָ איז ער אַ פּרינץ געוואַקסן,
דאָ געזעצט זיך אויפן טראָן
און אַצינדער ווי אַ בעטלער
אין זיין קרוינשטאָט קומט ער אָן.

דאָ האָט ער געבליצט מיט חכמה
און געהערט האָט יעדער לאַנד,
אָבער איצטער ווער וועט גלייבן,
אַז ס'איז קלאָר נאָך זיין פאַרשטאַנד?

גייען אים פאַרביי באַקאַנטע,
נאָר זיי קוקן זיך ניט אום —
מאַלע-וואָס אַ בעטלער דאָרטן
מיט אַ שטעקן גייט אַרום.

טאָמער קוקט ווער אין זיין פּנים,
קוקט אַזוי פאַרוווּנדערט אָן,
גיט ער מיט דער האַנט אַ מאַך באַלד —
שלמה זיצט דאָך אויפן טראָן.

בלויז די הויפהינט, ווילד פון שמחה,
שפּרינגען, טאַנצן אַרום אים,
דרייען מיט די עקן, פּישטשען
מיט אַ פּעשטשענדיקער שטים.

כ

קומט צו די סנהדרין שלמה.
— איך בין שלמה, — זאָגט ער זיי.
וואַרפט מען אים אַרויס אין דרויסן:
— ביסט משוגע, גיי דיר, גיי. —

נאָר אויף מאָרגן קומט ער ווידער:
— הערט, רבותי, כ'בין ניט דול.
ס'האָט דער אשמדאי פאַרשטעלט זיך
און געזעצט זיך אויף מיין שטול. —

נעמט מען פאָרשן ביי בניהון,
זאָגט ער: — שוין אַ לאַנגע צייט,
זינט איך האָב געזען דעם קיניג,
זינט מען האָט געמאַכט הויז באַנייט. —

פרעגט מען אין געהיים די דינער
פון דעם קיניגלעכן הויף,

זאָגן זיי, אַז עפּעס מאָדנע
פֿירט זיין מאַיעסטעט זיך אויף —

קיין סאַנדאַלן טראָגט ער מער ניט,
זאָקן טראָגט זיין מאַיעסטעט,
גייט אין זאָקן אין זיין פּאַלאַץ,
שלאָפֿט אין זאָקן אין זיין בעט.

איז די זאַך ביז גאָר פֿאַרדעכטיק,
עצהט שלמה וואָס צו טאָן
און בסוד מיט אַש באַדעקט מען
דעם צופֿוסנס פֿון דעם טראָן.

טרעט אַריין אין אַש דער קיניג,
זעט מען פֿוסטריט פֿון אַ האָן,
ווייסט מען, אַז דאָ האָט מען טאַקע
מיט דעם אשמדאי צו טאָן.

טרייבט מען אים צו אַל־די רוחות
מיט גאָטס נאָמען אויף אַ רוט,
מאַכט ער ניט קיין לאַנגע שיהיות
און ער ווערט ניט די מינוט.

און מען זעצט אַרויף דעם בעטלער
אויפֿן טראָן פֿון עלפֿאַנטביין,
און ס׳צעוויינט זיך קיניג שלמה
מיט אַ פֿרייד־געוויין.

א מעשה מיט צוויי יורשים

פֿאַר זיינע צוויי זין האָט אַ פֿאָטער געלאָזט
אַן אַלטע ירושה אָן שימל, אָן ראָסט: —

אַמאָליקע רענדלעך, וואָס היינט נאָך צו טאָג
פֿאַרלירן דעם ווערט ניט פֿון גאָלד אויפֿן וואָג.

און וואָגיק איז גאָלד, כאָטש אַ ווייכער מעטאַל,
בפֿרט אַ מאַיאָנטעק איז דער קאַפּיטאַל.

האָט טראָגן זיין חלק איין זון ניט געוואָלט
און האָט אויף פּאַפּירגעלט געביטן דאָס גאָלד.

פּאַפּירגעלט אין קעשענע איז ניט קיין שטיין,
שטיינרייך קאָן מען זיין ניט מיט גאָלדשטיק אַליין,

און געווען איז דער זון מיטן גאָלד־ווערט־פּאַפּיר
אַ פֿויגל אַ פֿרייער, אַ ליידיקער גביר.

דער אַנדערער זון, צו זיין פֿאָטער געטריי,
די לאַסט האָט גענומען באהבה און פֿריי, —

גענומען אינאיינעם דאָס גאָלד מיט זיין וואָג,
די לאַסט איז פֿאַר אים ניט געווען קיין פּלאָג.

ער האָט זי געטראָגן אין גאַס און אין מאַרק
און טראָגנדיק איז ער געוואָרן גאַר שטאַרק;

ער האָט די ירושה ווי ס'אויג אין זיין קאָפּ
געהיט, ניט געאַכט וואָס מען לאַכט פֿון אים אָפּ:

— וואָס טראָגסטו אין זאַק דיינעם, שלעפּער, — אַ שטיין? —
נאָר ער האָט געשמייכלט: — דער שטיין וועט באַשטיין.

מען האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט,
ווייל ווער האָט געוווסט וואָס דער שלעפער פאַרמאָגט.

אַזוי האָבן לאַנג זיך די ברידער געפירט,
ס'האָט יעדער געמיינט, אַז דער צווייטער פאַרלירט.

די צייט איז פּאַמעלעך געגאַנגען איר וועג,
געגאַנגען אַ טאָג און געלאָפן די טעג...

כל-זמן ס'האָט געצאָלט אירע וועקסלען די וועלט,
געגאָלטן פאַר גאָלד האָט ס'פּאַפּירענע געלט.

נאָר אָט, די פאַרשולדיקטע וועלט איז באַנקראָט,
אַ פולע פאַס פולווער איז אַלץ וואָס זי האָט.

מלחמה, רעוואָלט און אַ קנעכט אויפן טראָן,
און הונגער און יקרות, אַ ברויט — אַ מיליאָן.

פּאַפּירגעלט אין מאַרק איז ניט ווערט דאָס פּאַפּיר,
נאָר גאָלד — ווער ס'פאַרמאָגט עס, איז אַלץ נאָך אַ גביר.

— — —

צום סוף פון דער מעשה, וואָס איך האָב פאַרפאַסט,
מפרש זיין, קנעלן וואָלט גאָרניט געפּאַסט.

מען זאָגט: פאַר אַ חכם אַ ווונק איז גענוג.
איך שרייב דאָך פאַר יידן, און זיי זיינען קלוג.

אַ ייד איז דיר גייסטרייך — אַ גייסטיקער גביר,
איז ווינק איך: — רב ייד, האָסטו גאָלד צי פּאַפּיר?

ווען די אבות
זיינען געווען קינדער

אברמעלע אבינו

א

זאַמד אין פאַלע פון זיין העמדעלע
האָט אברמעלע אבינו,
ציילט ער זעמדעלע נאָך זעמדעלע
מיט אַן אַנגעשטרענגטער מינע.

אויף דער האַנטפלאַך ציילט ער, זונדערט ער
איינס פון צווייטן, ווי אַן אַלטער,
ציילט אַריין שוין אין די הונדערטער
און פאַרפלאָנטערט זיך — ווו האַלט ער?

גייט ער מיטן זאַמד אין העמדעלע
און ביים טאַטן תרח מאָנט ער:
— צייל מיר איבער יעדער זעמדעלע,
איך האָב זיך אין צאָל פאַרפלאָנטערט. —

ענטפערט תרח: — אוי, אברמעלע,
ציילן נעם איך זיך ניט אונטער.
כ'קלעפּ דיר בעסער אויס אַ לעמעלע,
אָבער וואַרף עס ניט אַרונטער. —

און דער סקולפּטאָר מאַכט אַ לעמעלע
פאַר זיין זונעלע דעם קליינעם,
נאָר ס'צעברעכט עס באַלד אברמעלע:
— טאַטע, זע, עס איז אַ ליימענס... —

ב

אויף זיין בעטל ליגט אברמעלע
ביי דעם פענצטער און איז וואָך.
ברענען מיט אַ לויטער פלעמעלע
שטערן ליכטיקע אַ סך.

נעמט ער ציילן מיטן פינגערל:
— איינס, און צוויי, און דריי, און פיר. —
נאָר ס'פאַרפּלאָנטערט זיך דאָס יינגעלע,
שטערן זיינען אָן אַ שיעור.

וויינט אברמל, אַ פאַרוווּנדעטער,
שרייט אַ פּחד פון זיין האַלדז,
פרעגט אברמל, אַ פאַרוווּנדערטער:
— ווער האָט דאָס באַשאַפן אַלץ? —

ברענגט אים תרח געטער עטלעכע
און ער גלייבט ניט, וואָס ער האָרכט, —
ס'רעדט אַ קינד פון זאַכן געטלעכע,
ווי אַן אַלטער מאַן אין פאָרכט.

לערנט תרח מיט זיין יינגעלע:
— די באַשעפער זיינען זיי.
פאַר די געטער אין אַ ווינקעלע
אויף די קני אין תפילה שטיי. —

— אָבער, טאַטע, — זאָגט אברמעלע:
אָט די געטער זיינען שטיין.
ווי דו האָסט געמאַכט דאָס „לעמעלע”,
האָסטו זיי געמאַכט אַליין. —

ג

גאַפט אברמל אויף די שטערן
און אויף דער לבנה גאַפט
און מיט אויגן פול מיט טרערן
זוכט ער גאָט, וואָס אַלץ באַשאַפט.

שטייען שטערן אויף די ערטער,
אָבער די לבנה שוועבט,
פריידט זיך, פינקלט דער פאַרטרערטער,
זאָגט ער: — דאָס איז גאָט, וואָס לעבט.

די לבנה האָט באַשאַפֿן
ערד און הימל, שטערן, זאַמד. —
און אברמלס אויגן גאַפֿן,
און אברמלס פּנים פֿלאַמט.

נאָר די פֿאַלשע געטין לעשט זיך
ווי אַ פּראָסטער שטערן אויס,
ווען די זון מיט איר פֿאַרמעסט זיך
און פֿון הימל טרייבט אַרויס.

און אברמלס האַרץ איז ליידיק
און די אויגן — פֿול און נאַס,
נאָר זיי שטראַלן ווידער פֿריידיק,
ווי די זון פֿון פּוטערפֿאַס.

ציט ער זיך, אַן אויסגעווויינטער,
ווי אַ בלימל צו דער זון.
זי האָט אַלץ באַשאַפֿן, מיינט ער,
יעדער בלימל ווייסט דערפֿון.

נאָר די זון גייט אונטער אויכעט,
זי איז בלויז דאָס ווערק פֿון גאָט.
זאָגט אברמל: — כ'בין ניט זוכה,
גאָט, צו זען דיך, ביסט אַ סוד.

אָבער זע איך דיינע מעשים,
ווייס איך, אַז דו ביסט פֿאַראַן.
דאַרפֿסט ניט, גאָט, דיין פּנים ווייזן,
ס'איז גענוג שוין, וואָס איך אַן. —

יצחקל אבינו

א

הונדערט יאָר איז אַלט אַברהם
און, ביז נײַנציק אַן עקרה,
האָט געבוירן אים אַ ייִנגל
אויף דער עלטער שׂרה.

לאָכן, שמוינען טאַטע־מאַמע —
מאַכט דאָ גאָט אַ טעות?
גיבן זיי דעם זון אַ נאָמען
יצחק — אַ קאַטאָוועס.

הייסט ניט זשאַלעווען אברהם
פֿאַר זײַן בן־זקונים
פֿויגלמילך און מאַרצעפּאַנעס,
אײַנגעמאַכץ פֿון בלומען.

און עס קעכלט איר בן־יחיד
די באַגליקטע שׂרה, —
קעכלט אים און שעפּטשעט שפּראַכן
קעגן אַן עין־הרע.

אָבער יצחקל אבינו,
כאָטש אַזוי דערצויגן,
פֿאָלגט דעם טאַטן, פֿאָלגט די מאַמע,
שפּרינגט ניט אין די אויגן.

און דער ווױלטאָג פֿון אַ ליבלינג
האָט אים ניט פֿאַרדאָרבן,
גרייט ער, ווען אַ קרבן שעכט מען,
זײַ אַליין דער קרבן.

ב

ווי אַ פּרי אַ באַזונטע,
וואַקסט זיך יצחקל אבינו,
רוישט די אַלטע שרה מונטער,
ווי אַ בוים מיט בלעטער גרינע.

און זי פּלאַטערט און זי פאָכעט
ווי אַ פּאַלמע מיט די פעכער
און זי שטיפט מיט איר בן־יחיד,
לאַכט פון יצחקלען נאָך העכער.

שטיל איז יצחקל אבינו,
לאַכן לאַכט ער ווי ניט גערן, —
ניט פון גרויס געלעכטער רינען
פון די אויגעלעך די טרערן.

עפּעס אַנט ער, אַ געפּלאָגטער —
איז עס שולד צי ס׳איז רחמנות? —
און דער מוטער שרה זאָגט ער:
— לאָמיר שפּילן אין קרבנות.

בינד מיך, מאַמע, ווי דער טאַטע
בינדט די שעפסן אויף די שטיינער.
איך וועל ליגן תמעוואַטע,
שטומען ווי אַ לאַם אַ קליינער. —

— הער אַן איינפאַל, — זאָגט פאַרציטערט,
שיעור ניט טויט, די מוטער שרה:
— אַלע שעפסן, אַלע ווידערם
פאַר איין יצחק אַ כפרה. —

ג

גוט און פרום איז יצחקל אבינו,
היט אים שרה הינטער ווענט און טירן,
אַז די פרעמדע גאָטלאָזע מדינה
זאָל פון וועג אים נישט אַרונטערפירן.

האָט אַ ברודער יצחקל אָבינו —
פון איין טאַטן, ניט פון איין מאַמען —,
האָט דער ברודער אויגן גרין פון קנאה
און אַ בלויען פנים, פול מיט שראַמען.

ישמעאל הייסט ער ביי זיין מאַמען הגר,
נאָר ביי לייטן פרא־אדם הייסט ער,
ווייל ער איז אַ ווילדער מענטש, אַ שלאָגער,
יעדן שלאָגט ער, קלעפּ פון יעדן לייזט ער.

מישט ער זיך מיט גויים, געצן־דינער,
פרעמדע געטער דינט אברהמס זאָמען.
איז ער יצחקלען אַ ניט פאַרגינער
פאַר דער גרויסער ליבשאַפט פון אברהמען.

לאַכט ישמעאל מיט אַ שלוי געלעכטער:
— גוטער יצחקל, מען האָט פאַרשפּאַרט דיך,
אָבער פויגל־פריי בין איך, דער שלעכטער.
פאָלג מיך און לאָז אָפּ דער מאַמעס פאַרטוך.

שלאָג זיך מיט די קינדער פון די שכנים,
זיי אַ העלד, ניט זיי צוריקגעצויגן.
געטער האָב וויפיל דו ווילסט, ניט איינעם,
וואָס דו זעסט אים ניט מיט דיינע אויגן.—

הערט עס שרה, לויפט זי צו אברהמען:
— זאָלסט דעם פרא־אדם שוין פאַרטרייבן.
אַלטער, אויב עס פוילט דיין לעצטער זאָמען,
וועט דיין גלויבן אָן אַ יורש בלייבן. —

יאנקעלע אבינו און עשול

א

האָט די מוטער רבקה קינדער צוויי,
ראַנגלען זיך צוויי ליבשאַפטן אין איר.
כאַטש אַ צווילינג, אַנדערש זיינען זיי
די צוויי יינגלעך, ניט נאָר אין קאָליר:

ס'האָט דער רויטער הענטעלעך פון שטאָל,
שטייפע מוסקולן ווי גראָבע שטריק;
דער שוואַרצהנעוודיקער האָט אַ קול,
וואָס איז איינגענעמען ווי מוזיק.

וואָלט זיי רבקהביידן ליב געהאַט —
פעלט דען ליבע ביי אַ מאַמען אוים?
נאָר מיט פויסטן שלאָגט דער רויטער יאַט
און זיין ברודער וויינט ביי איר אין שוים.

טוליעט זי דעם שוואַכן און באַשיצט
און זי גלעט זיין שטערן, וואָס איז הויך,
זיפצט זי: — ס'האָט נאָך עשו, ווייס איך איצט,
זיך געשלאָגן אין דער מאַמעס בויך. —

איז איר ליבלינג יאַנקעלע דערפאַר,
יאַנקעלע, וואָס איז אַן איידל קינד;
אָבער יצחקס ליבלינג איז דער גבר
עשו'ל... איר מאַן איז טאַקע בלינד.

ב

עשו'ל האָט אומגעוואָרפן
יאַנקעלען אין קריג,
כאַפט אים יאַנקעלע ביים פיסל,
האַלט אים ווי מיט שטריק.

אין געפֿאַנג ביי דעם באַזיגטן,
פֿאַלט דער זיגער אויך,
ליגן אויף דער ערד די קינדער
און זיי וויינען הויך.

קומט צו גיין די מוטער רבקה
און זי וויינט אויך מיט:
— ווי דער מאַמען פון די קינדער,
וואָס זיי הויזן ניט. —

אָבער יצחק קלייבט נאָר נחת:
— נאַרעלע, מה־רעש?
אז עס ראַנגלען זיך די יאַטן,
האָבן זיי קוראַזש.

רויטער עשו'ל, מיין צווייגל,
שטאַרקער פון דיין שטאַם, —
אַמאָל בין איך געווען דער קרבן,
דו וועסט זיין דער פלאַם.

ניט קיין שוואַכלינג איז אויך יאַנקל
און ער וועט באַשטיין
אין זיין ראַנגלען זיך מיט מענטשן
און מיט גאָט אַליין.

העלדן זיינען מיינע קינדער,
קוועל איך אָן דערפון
און מיין ברכה וועל איך גיבן
צו דעם שטאַרקסטן זון. —

— יאָ, דעם שטאַרקסטן גיב דיין ברכה,
נאָר באַטראַכט מיט קאָפ
ווער עס איז אין גייסט דער שטאַרקסטער, —
ענטפערט רבקה אָפּ.

ג

שפּילט זיך יאַנקל מיט אַ לעמל,
עשו יאָגט און שלאָגט די רינדער,
רופט זיי פון געצעלט די מאַמע:
— קינדער עסן; לינדזן, קינדער. —

פרייִדט זיך עשו: — יאַנקל, לינדזן.
לינדזן איז מיין בעסטער מאכל, —
און ער טשמאַקעט מיט די ליפּן
און באַצייטנס גלעט דאָס בייכל.

קומען אין געצעלט די קינדער,
שטייען אויפן טיש צוויי שיסלען,
לויפן עשוס זשעדנע אויגן
ווי צוויי ווילדע קליינע ווייזלען.

וואַשט די הענט צום עסן יאַנקל,
אָבער עשו מיט ניט ריינע
ווילדע מאַלפּע־הענט פון שיסל
פרעסט שוין ווי אַ הלעיטני.

צאַרנט רבקה: — אומגעוואַשן...
אָן אַ לעפל... כאַם דו איינער.
זע, ווי ס'עסט דיין ברודער יאַנקל.
מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינער. —

— מאַמע, נאָך, — איז עשו פאַרטיק:
און דיין יאַנקל עסט צעקראָכן. —
ס'איז ניטאָ מער, — ענטפערט רבקה:
מאָרגן וועל איך מער שוין קאָכן. —

קוקט אין יאַנקלס שיסל עשו:
— יאַנקל, גיב מיר אויך אַ ביסל. —
— ס'הייסט? — זאָגט יאַנקל: ס'איז מיין חלק.
איז דיר קאַרג אַ פולע שיסל? —

— גיב מיר, יאַנקל, כאָטש אַ זשמעניע,
ס'קריכן מיר אַרויס די אויגן.

זאָג, וואָס ווילסטו פאַר די לינדזן,
ווילסט מיין שווערדל צי מיין בויגן? —

דרייט זיין ברודער מיטן קעפּל,
וויל ניט האָבן זיין כלי־זיין:
— איך וועל פּאַשען שאָף ווי הבל,
ניט קיין מערדער זיין ווי קין. —

— אפשר ווילסטו עפּעס אַנדערש, —
בעט זיך עשו: כ׳וועל קראַפּירן.
אין די אויגן פון דער מאַמען
קאָן איך ניט די הענט צעפּירן... —

— האָסט ידיים, גיבור מיינער,
נאָר איך טרעט דיר אויפן פּיסל.
דו ניט שרעק מיך, — ענטפערט יאַנקל:
אויב ווילסט לינדזן פון מיין שיסל.

ווילסט מיר גיבן עפּעס אַנדערש,
וואָס זשע האָסטו, לינדזן־פרעסער?
עפּעס האָסטו, וואָס דו שאַצסט ניט
און וואָס איך וועל שאַצן בעסער.

ס׳איז דער טאַטע, ביסט זיין ליבלינג,
כאָטש איך האָב אים אַזוי גערן.
וויל איך, אַז דער טאַטע דיינער
זאָל אויף ווייטער מיינער ווערן. —

— ער איז דיינער, — ענטפערט עשו:
גיב מיר לינדזן, מאַך אַ ליאַמע. —
— וואַרט אַ ווײַלע, — זאָגט אים יאַנקל:
זאָל אַן עדות זיין די מאַמע. —

רופט זיך אָן די מוטער רבקה:
— יאָ, איך בין אַן עדות, קינדער.
עשו האָט פאַרקויפט דעם טאַטן,
נאָר דער טאַטע איז אַ בלינדער. —

ד

שיילט זיך יאַנקעלע אַ שטעקן —
ווייס — דאָס האָלץ, די קאָרע — פּלעקן,
זינגט ער זיך אַ ליד:
— ווי איך בין אַ ייד,
ס׳איז אַ ראָבע ציגעלע,
וואָס גיט מילך אין קריגעלע. —

קומט צו לויפן ווי אַ יעגער,
רייצט זיך עשו׳ל דער שלעגער:
— ציגעלע, מיגעלע, בערדעלע —
עשו האָט אַ שווערדעלע. —

* * *

ליגט זיך יאַנקעלע אויף שטיינער,
שוועבט אַ וואָלקן אַזאַ ריינער,
זינגט ער זיך אַ ליד:
— ווי איך בין אַ ייד,
ס׳פליט אַ מלאך, שוועך איך זיך.
עשו׳ל, וואָס הער איך דיך! —

קומט צו לויפן ווי אַ יעגער,
רייצט זיך עשו׳ל דער שלעגער:
— ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
אָבער ס׳פליט מיין פייל פון בויגן. —

* * *

חלומט יאַנקעלע דער טרוימער,
חלום ווייס ניט פון קיין צוימער,
זינגט ער זיך אַ ליד:
— האָב ניט מורא, ייד,
פייל צי שווערד איז ניט קיין רויבער
פון דיין חלומס רייכן צויבער. —

ווען די אמהות
זיינען געווען קינדער

שרהלע

ליד אין צוויי שטימען

ערשטע שטים:

עפנט זיך אַ קווייטעלע,
בליט אַ קליין שיין מיידעלע,
לאָכן אירע ציינדעלעך —
אַ פול מויל מיט חנדעלעך.

צווייטע שטים:

זון, לבנה, שטערן,
גיט ניט קיין עין־הרע, —
שרהלע זאָל ווערן
אונדזער מוטער שרה.

ערשטע שטים:

רויזן — אירע ליפּעלעך;
עפּעלעך מיט גריבעלעך
אין אַ סאָד פון לעקעלעך
זיינען אירע בעקעלעך.

צווייטע שטים:

ראָבן, קראָען, האַלקעס,
זעט די שיינע פּאַווע;
בת־מלכהס און מלכות,
זעט די נייע חוה.

ערשטע שטים:

אירע ברעמען — דעכעלעך;
שוועלבעלעך אין לעכעלעך
וויסינקע און שוואַרצינקע —
אירע אויגן האַרציקע.

צווייטע שטים:

מלכים אויף די טראָנען
וועלן זי באַגערן,
אָבער ס׳וועט אברמען
שרהלע געהערן.

ערשטע שטים:

רעדט זי, זינגען פייגעלעך,
רימפּלען פידל־בייגעלעך;
לאַכט זי, פּייקלען שטעקעלעך
און עס קלינגען גלעקעלעך.

צווייטע שטים:

ווער פון חוהס טעכטער
לאַכט ווי זי אין פריידן
און מיט דעם געלעכטער
בלייבט זי אַלץ באַשיידן!

ערשטע שטים:

שפּילט זי זיך אין קינדערלעך:
ליאַלקעלעך אוןווינדעלעך
צו איר האַרצן טוליעט זי,
ווי אַ מאַמע ליוליעט זי.

צווייטע שטים:

זון, לבנה, שטערן,
גיט ניט קיין עין־הרע, —
שרהלע זאָל ווערן
אונדזער מוטער שרה.

רבקהלע

אַלט איז רבקהלע דריי יאָר
און זי שלייערט שוין די האָר,
שעפּט שוין וואַסער פון דעם קוואַל, —
אַזוי זאָגן די חז״ל.

גייט פון קוואַל אַ פולער קרוג, —
אַזוי דאַכט זיך אויפן קוק,
אַז עס גייט אַ קרוג אַליין,
ווייל זיין טרעגערין איז קליין.

אויף צוויי קינדערישע פיס
גייט אַ הויכער קרוג — אַ ריז
און, אַ פולער ביזן ברעג,
גיסט ניט אויס קיין טראָפּ אין וועג.

דאָס גייט רבקהלע פון קוואַל,
ווי ס׳גייט אויף אַ מאָרגנשטראַל,
גלייך און גרינג און אָן אַ צוק
טראָגט איר אַקסעלע דעם קרוג.

און ביים קרוג איר קליינער קאָפּ
קילט אַ בעקעלע זיך אָפּ
און איר קליינע פעסטע האַנט
פירט ביים אויער נאָכאַנאַנד.

* * *

קומט אַ קאַראַוואַן פאַרנאַכט,
מיד פון וועג, פון דאָרשט פאַרשמאַכט,

און אין שפּיץ פון קאַראַוואַן
גייט אַ פרעמדער אַלטער מאַן.

גאַפט אויף רבקהלען דער גרייז —
אויף איר שיינקייט, אויף איר פליים,
טראַכט דער וואַגלער פון ניט הי:
— גאָט אין הימל, איז דאָס זי?

האָסטו, גאָט, מיין וועג באַגליקט —
יצחקס כלה צוגעשיקט
פון מיין האַר אברהמס שטאַם,
פון אַ טאַטן ניט קיין כאַם? —

בעט ער רבקהלען אַ טרונק:
— צוגעטריקנט איז מיין צונג
צו דעם גומען ווי אַ בלאַט. —
זאָגט זי גערן: — טרינק צו זאַט.

און ס'איז אויך אַ גרויסער צער
אויף די קעמלעך, מיין האַר,
וועל איך פון דעם קוואַל פאַר זיי
שעפּן וואַסער — איינס און צוויי. —

און פאַר אַלעמען גענוג
שעפּט זי וואַסער מיט איר קרוג
ביז פון קאַרעטע דעם קאָפּ
קערט דער לעצטער קעמל אָפּ.

לעקן קעמלען זי — אַ דאַנק,
שענקט דער אַלטער אַ געשאַנק:
גאָלדענע בראַסלעטן צוויי,
גיט נאָך צו אַ רינג צו זיי.

* * *

און דערווייל פון וואַסערקוואַל
נעמט אַוועק די זון איר שטראַל,

נעמט אַוועק איר פונק פון אויג,
שיידט זיך אָפּ מיט אַ פאַרנייג.

פרעגט דער אַלטער מיטאַמאָל
מיט אַן אומגעדולדיק קול
פראַגעס צוויי, ווי פייל נאָך פייל
אויסגעשאָסן אין געאייל:

— זאָג מיר, מיידעלע, געשווינד,
זאָג, ווער ביסטו, וועמעס קינד?
איז אַ בעט ביי אייך פאַראַן
פאַר אַ מידן אַלטן מאַן? —

טראַכט ניט רבקהלע קיין סך
און זי ענטפערט צו דער זאַך
אויף די פראַגעס, אויף די צוויי
מיט אַ סדר, נאָך דער ריי:

— איך בין רבקה, בתואלס קינד,
און אַ בעט ביי אונדז געפינט
יעדער וואָגלער, וואָס פאַרפאַרט,
און פאַר קעמלען אויך — אַן אָרט. —

הערט דער אַלטער אירע רייד,
בוקט ער זיך צו גאָט אין פרייד
און ער דאַנקט אים אויף די קני:
— יאָ, גאָט, דאָס איז טאַקע זי.

שיין און קלוג, און טאַקע גוט,
און אַן אייגענע אין בלוט,
איז זי יצחקן אַ פּאָר.
זאָל אויף מיר זיין אַזאַ יאָר. —

רחלע און לאהלע

אַריינפיר

לבן האָט צוויי מיידלעך, רבקה — יינגלעך צוויי,
רעדט מען, — מחותנים וועלן ווערן זיי.
לאהן, וואָס איז עלטער, נעמען וועט דער בכור —
עשו מיט די לאַפּעס און די מאַלפּע-האָר.
און זיין ברודער יעקב, וואָס האָט אַ טענאָר,
וועט אַ פּאָר זיין רחלען, וואָס איז שיין ביז גאָר.
בליט די שיינע רחל, ווייל איר פרייד איז גרויס,
אָבער לאה טרויערט, וויינט די אויגן אויס.

רחלע

רחל מיינט אַ שעפּעלע.
ווי אַ שעפּעלע איז מלא-חן
די געקרויזטע רחלע
מיט איר בולט שטערנדל,
מיט איר נעזעלע פּאַררים, קליין.

פּאַשעט שאָף די קליינע רחלע,
דאַכט זיך אוים, דאָס איז
גאָרניט קיין קליין מיידעלע,
נאָר עס האָט אַ שעפּעלע
אנגעטאָן אַ קליידעלע
און געשטעלט זיך אויף צוויי פּים.

פּאַשעט שאָף די קליינע רחלע.
שאָף צו פּאַשען איז אַ שפּיל, —
גראָזן וואַקסן ווי די שוועמעלעך,
וואַסער ריזלט אין די טייכעלעך,

עסן שעפעלעך און לעמעלעך,
טרינקען אָן די זאַטע בייכעלעך
און זיי זיינען שטיל.
זיצט זיך אויף אַ הרודע רחלע,
פייפט זיך אויף אַ דודע רחלע,
פייפט צוזאַמען מיט אַ גריל.

טרעפט, אַז פון דער טשערעדע
לויפט אַ לעמעלע אַוועק,
איז דאָס אויך אַ שפיל, נאָר אין גע׳יעג.
און ס׳צעיאָגט זיך רחלע
ווי אַ שלאַנקע פלינקע אינד
און די פאָלעס אירע פלאַטערן
און זי שרייט אַריין אין ווינט:
— ווייסט מיך, לעמל, ניט פאַרמאַטערן! —
אַטאַ, אַטאַ נאָך אַ ביסעלע
און זי כאַפּט עס פאַרן פיסעלע,
נאָר זי פאַלט דערביי פון אירע פיס
און צעלאַכט זיך הויך און זיס.

נעמט זי אויף די הענט דאָס לעמעלע
און זי טוליעט עס און קושט;
הערט זי, ווי עס קלאַפּט זיין הערצעלע,
דאַכט זיך איר — צוויי הערצעלעך
קלאַפּן אין איר ברוסט.

טראָגט זי צו דעם טייך דאָס לעמעלע
און זיי טרינקעןביידע גלייך, —
ניט פון האַנט און ניט פון קריגעלע,
מיט די ליפּן ווי דאָס לעמעלע
זופּט אויך רחלע פון טייך.
זופּט און קוקט אין וואַסער־שפּיגעלע,
זעט זי דאָרטן זיך אַליין —
אַ געקרויזלט שעפעלע
מיט אַ בולט שטערנדל,
מיט אַ נעזעלע פאַרריסן, קליין.

ב

קוקט אין וואַסער־שפּיגל רחלע:
— בין איך טאַקע שיין און ליב,
ווי עס זאָגט מיין שוועסטער לאהלע
און פון קנאה בייסט אַ ליפּ? —
און דער וואַסער־שפּיגל שמייכלט איר:
— זע באַשיינפּערלעך אַליין.
שיין איז ניט דיין שוועסטער לאהלע,
ווייסט זי וויל, אַז דו ביסט שיין. —

פּאַשעט רחלע די שעפעלעך,
זאָגט זי זיי: — איר ווייסט, מען רעדט,
ס׳וועט מיין חתן ווערן יאַנקעלע
דער בעל־חלום, דער פּאָעט. —
מעקען אַלע אין דער טשערעדע:
— מע, מען ווייסט, און ס׳איז אויך וואָר.
צו געווינען דיך וועט יאַנקעלע
אונדזער הירט זיין פערצן יאָר. —

וויינט און פרעגט די כלה רחלע:
— בין איך מזלדיק צי שלים?
וועל איך זין געבערן יאַנקעלען
און זיך עלטערן מיט אים? —
שטעלט זיך אויף אַ בוים אַ קוקאַווקע,
ציילט די יאָרן און פאַרטרויט:
— ניט פאַר קינדער וועט דיך יאַנקעלע
האָבן ליב אויך נאָך דיין טויט... —

לאהלע און לבן

לאהלע איז נאָך אַ קינד,
אָבער לבן איז איר פאָטער,
וואָשט זי שוין אַ באַליע וועש
און זי רייבט זיך אָן אַ בלאָטער.

— האָרעווע, מיין טעכטערל, —
קליגלט זיך דער שלויער לבן:
אָרבעט ביז דער חתונה,
נאָכדעם וועט דיך עשו כאַוועך. —

ציטערט לאהלע און וויינט
און פאַרלירט אַ טרער אין באַליע,
זאָגט איר לבן: — פון געוויין
ווערן דיר די אויגן קאַליע.

עשו וועט ניט נעמען דיך
מיט אַזעלעכע רויטע וויעס. —
ענטפערט לאהלע: — איז וואויל,
ווייל איך טאַקע ווערן מיאוס.

בעסער וועל איך זיין אַ דינסט
אין מיין פאָטערס הויז אפילו,
איידער האָבן פאַר אַ מאַן
אַזאַ האָריקע גאָרילע. —

שמייכלט לבן: — ווייסטו ניט,
אַז דיין טאַטע איז אַ דרייער?
ס'וועט דער חתן גאָרניט זען —
איך וועל אָנטאָן דיר אַ שלייער.

איך וועל זאָגן: — יונגערמאַן,
רויבסט אַ טאָכטער פון אַ טאַטן.
ס'איז אַ דימענט אין אַ שייד, —
קיין בייז־אויג זאָל איר ניט שאַטן. —

וועט ער מיינען, אַז ביסט שיין,
שימערסט ווי אַ רעגן־בויגן.
ערשט אויף מאָרגן וועט ער זען,
אַז ס'איז לאה מיט די א ו י ג ן. —

רחלע און לאהלע

קליין איז לאהלע, נאָר קלענער
איז נאָך רחלע די שיינע,
מאַכט זי לאהלע נאָך שענער,
קעמט די קרויזן פון איר קעפּל
און פאַרפלעכט זיי אין אַ צעפּל,
ווי אַ מאַמעלע אַ קליינע.

זיצט זיך רחלע געבויגן,
לאָזט פאַרקעמען זיך די לאָקן,
פאַלט אַ טראָפּן אויף איר נאַקן,
הייבט זי אויף דעם קאָפּ דערשראָקן, —
רינען פון איר שוועסטערס אויגן
טרערן איבער אירע באַקן.

פרעגט זי רחלע: — וואָס וויינסטו?
אפשר האָב איך זיך פאַרגעסן,
אויפן אָרט ניט איינגעזעסן.
יאָ, איך בין פאַרשייט צומיינסטנס,
וועל איך מער ניט זיין קיין שלעכט. —

ענטפערט לאהלע: — ס׳איז גאָרניט, —
נאָר זי לאָזט אַרויס אַ קרעכץ.

— אויב ס׳איז גאָרניט, וואָס־זשע וויינסטו?
מיינסט עס אָרט מיך ניט — אַ האָר ניט?
אַטאָ וויין איך באַלד אַליין.
מעגסט דערציילן דאָס געהיימסטע,
ס׳וועט דיך רחלע פאַרשטיין. —

ענטפערט לאהלע: — ס׳איז שווער,
נאָר איך וועל דערציילן. הער:
ביים צעקעמען דיינע לאָקן,
האָב איך פלוצים זיך דערשראָקן
און מיט טרערן זיך באַגאָסן, —

האָר דערמאָנען מיר מיין חתן,
וואָס איז האַריק אויפן לייב.
כ׳וויל ניט ווערן עשוס ווייב.
דיר איז גוט, ביסט יעקבס כלה,
ביסט די גליקלעכסטע פון אַלע. —

גלוסט זיך רחלען צו טאַנצן,
נאָר איר שוועסטער ניט צו קווען,
זאָגט זי: — ס׳קאָן דאָס גליק נאָך פעלן.
ס׳איז ניט זיכער נאָך אינגאַנצן,
אפשר וועט ער מיך ניט וועלן. —

ענטפערט לאהלע: — ס׳ט-געפעלן.
גיי שוין, גיי, קאָקעטקע איינע,
ווייסטו ניט, אַז ביסט אַ שיינע? —

שמייכלט רחלע: — איך ווייס,
אָבער זיי אויף מיר ניט בייז,
לאָמיר זיך ניט נאַרן ביידע.
זאָג, ווילסט יאַנקלען? זיי זיך מודה. —

— יאָ, — זאָגט לאהלע אין טרערן:
אָבער ער וועט דיר געהערן. —

כמורעט רחלע די ברעמען,
דריקט אַ פינגערל צום שטערן —
רחלע דאַרף גוט באַנעמען,
רחלע דאַרף גוט באַקלערן.
און אָט קלאַפּט זי זיך אין שטערן,
שטראַלט מיט אויגעלעך ווי זונען:
— לאהלע, וויש אָפּ די טרערן,
כ׳האָב אַן אויסוועג שוין געפונען.
הער, ס׳האָט רחלע באַשלאָסן
און ס׳וועט גאָט אַזוי באַשערן,
אַז ס׳זאָל יאַקעלע מיין חתן
אונדזער ביידנס חתן ווערן. —

משה רבנו

יוכבדס וויגליד

שלאָף, מיין יינגעלע, מיין שענסטער,
מאַמע ציטערט איבער דיר.
כ׳האָב פאַרהאַנגען אַלע פענצטער,
אויפן שלאָס פאַרמאַכט די טיר.

שלאָף, מיין יינגעלע, מיין מינדסטער,
אַ באַהאַלטענער פון ליכט.
ווי אַ דימענט אין דער פינצטער
שטראַלט אַרויס דיין שיין געזיכט.

כ׳ווייס, — אַ מאַמעס הארץ זאָגט אונטער —
ס׳רוט די שכינה אויף מיין קינד.
אַזאַ יינגעלע — אַ וווּנדער
האָט קיין מאַמע ניט פאַרדינט.

זיכער איז מיין זון דאָס יענער,
וואָס פון פרעהן רויבט דעם שלאָף,
ווייל פון פרעהס שטערן שענער
שיינט זיין שטערן, וואָס גייט אויף.

שלאָף-זשע, קינד, ביז דו וועסט ווערן
אונדזער אויסלייזער פון צוואַנג.
צייט, אַז גאָט זאָל שוין דערהערן
אונדזער וויינעשריי פון לאַנג.

קינדער מויערט מען ווי ציגל,
קינדער שליידערט מען אין טייך.
שלאָף, דו ליגסט נאָך אין אַ וויגל,
ווין פון שלאָף ניט, אָטעם לייכט.

משהלע אין קעסטל

וויינט אַ ייִנגעלע, — ביים ווייִנער
אַ פאַרשטיקטע איז די שטים, —
מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינער,
מיר זאָל זיין פאַר אים.

אין אַ קעסטל ליגט דאָס ייִנגל
און דאָס קעסטל — אויפן טייך.
ביים דיר, וואַסערשלאַנג, דיין צינגל,
ס'איז דיין גיפט צו וואַסער גלייך.

ס'קאָן ניט ייִנגעלען דערטרינקען
גאָר דאָס וואַסער פון דעם ניל
און עס קאָן אים ניט פאַרשלינגען
אין זיין מויל דער קראָקאָדיל.

ס'היט אַן אויג עס זאָל ניט פעלן
פון זיין קעפּעלע קיין האָר, —
שטורמיש וואַרפן ניט די כוואַליעס,
זיי פאַרוויגן און דאָס גאָר.

זינגט אַ פויגעלע, אַ טרייסטער:
— פאַרכט ניט, ייִנגעלע, ניט וויין,
ווערסט אַמאָל, אַן אויסגעלייזטער,
אויף דעם ים אַריבערגיין. —

מרימל מיט איר פּייקל

שווימט אַ קעסטל אויפֿן וואַסער
און אַ מיידעלע ביים ברעג
זיצט און פּויקט זיך אויף איר פּייקל,
ווי זי פּויקט זיך אַלע טעג.

יאָ, ווי אַלע טעג און אַנדערש,
וואָרן אַנדערש איז אַצינד —
אין דעם קעסטל אויפֿן וואַסער
וויינט אַ הילפֿלאָז פּיצל קינד.

שיקט דאָס מיידעלע סיגנאַלן:
— בום-בום-בום, ביסט ניט אַליין.
הער, ווי ס׳פּויקט דיין שוועסטער מרים.
טרייסט זיך, משהלע, ניט וויין.

בום-בום-בום, ניט וויין, אָט בין איך
היינט ווי נעכטן ביי דיין זייט
און די מאַמע וועט אויך קומען
אָנצוזייגן דיך אין צייט.

וואָס איז אַנדערש היינט פֿון נעכטן?
בלויז דער אופֿן פֿון דער שפּיל —
שטאָט אַ וויגעלע — אַ קעסטל —
שטאָט אַ וויגערין — דער ניל.

יאָ, אַ שפּיל איז דאָס, ווייל משה
וועט באַפֿרייען אונדז פֿון יאָך,
ווי איך האָב געזאָגט נביאות
איידער ביסט געבוירן נאָך.

פּויק איך, ווען דו ביסט אין קעסטל,
ווי דו וואָלסט געווען אין וויג.
בום-בום-בום, אין זעלבן פּייקל
וועל איך אויספּויקן דיין זיג. —

משהלע אין פרעהס הויף

ווי די מאָרגנזון גייט אויף
משהלע אין פרעהס הויף,
זוניק שיינט זיין שיין געזיכט
און ס'איז פייערלעך דאָס ליכט.

פרעהס טאָכטער איז פאַרבלענדט
און זי טראָגט אים אויף די הענט;
פרעה אויף זיין טראָן אַליין
איז באַצויבערט פון זיין חן.

נאָר די שטערן־זעער שטרענג
צישען ווי די בייזע שלענג:
— היט זיך, פרעה, פאַרן קינד,
ביסט פאַרבלענדט פון אים, ווי בלינד.

זינט געבוירן איז דער שנעק,
אַ קאַמעטע מיט איר עק
דראָט דיין שטערן נאַכט נאָך נאַכט.
אין סכנה איז דיין מאַכט. —

צאָרנט פרעה פון געדאַנק —
האָדעווע איך אוים אַ שלאַנג?
און די שווערד גרייפט פרעה אָן —
טויטע שאַקלען ניט קיין טראָן.

נאָר דעם יינגל האָט ער ליב,
ווי באַשאַפן פון זיין ריפּ,
נעמט ער משהלען אין שויס,
צערטלט אים און פרעגט אים אויס:

— משהלע, ביסט דריי יאָר בלויז,
נאָר דו זעסט שוין אין פאָרויס;
זוניק איז דיין שטערנס שיין,
זאָג מיר, קינד, וואָס וועסטו זיין?

וועסטו זיין אַ העלד, וואָס פעכט?
וועסטו זיין אַ האר פון קנעכט
צי אַ קיניג אויף אַ טראָן
איבער טראָנען אויבנאָן? —

זאָגט דאָס קינד אים, וואָס עס אָנט:
— ניט קיין שווערד, קיין בייטש אין האַנט,
ניט קיין סצעפּטער, וואָס רעגירט,
נאָר אַ שטעקן פון אַ הירט

וועל איך טראָגן אויף מיין וועג
ביזן סוף פון מיינע טעג.
קליין ביי זיך וועט משה זיין,
ווי די זון אין העכסטער שיין.

משה וועט אין מדבר גיין,
בעטן וואַסער ביי אַ שטיין,
קלייבן ברעקלעך פון דער לופט,
האָרכן ווי אַ דאָרן רופט.

נאָר אין בליץ און דונערקנאַל,
אין אַ וואָלקן ווי אַ שאַל,
אויף אַ באַרג מיט גאָט אַליין
וועט דער עניו משה שטיין, —

שטיין און הערן זיין געבאָט,
ריידן מויל צו מויל מיט גאָט,
שטראַלן ווי ער וואָלט געברענט,
לוחות נעמען פון גאָטס הענט. —

הערט עס פּרעה און ער לאַכט:
— אָן אַ גרונט איז דער פאַרדאַכט.
שטערן־זעער, איר זעט שלעכט,
ס׳איז אַ נאַר מיין קליינער קנעכט. —

אָבער משהלע אין שוים
פון זיין האָר, וואָס לאַכט זיך אוים,
שטעלט זיך אויף און נעמט אַראָפּ
פּרעהס קרוין פון הוילן קאָפּ.

און די שטערן־זעער באַלד
נעמען שרייען: — פּרעה, גוואַלד!
אונדזער וואָרענונג איז וואָר,
ס'הענגט דיין הערשאַפט אויף אַ האָר.

טייט דאָס קינד, דו זעסט דאָך שוין,
ווי עס רייסט פון קאָפּ דיין קרוין.
דאָס איז ניט קיין שוטה, ניין,
נאָר אַ וואָלף, וואָס איז נאָך קליין. —

אָבער פּרעה האָט אים האָלד,
הייסט ער: — ברענגט אַ שיסל גאָלד
און אַ שיסל זשאַר פון פלאָם
אויסצופּרוּוון אונדזער תּם.

וועט ער ציען זיך צום זשאַר,
מיינט עס, אַז ער איז אַ נאַר;
וועט ער ציען זיך צום גאָלד,
איז אַ סימן — ניט קיין יאָלד. —

ברענגט מען שיסלען צוויי אַריין,
שיינען ביידע מיט איין שיין,
אָבער משהלע ווייסט וווּל
וואָס איז גאָלד און וואָס איז קויל.

קוקט פאָרוים דער קליינער ייד,
הערט אַ טומל, אַ יאַריד,
זעט אַ גאָלדן קאַלב אין בלוט,
טראַכט ער — גאָלד איז גאָרניט גוט.

און בנבואה זעט ער אויך —
ס׳ברענט אַ פייער אָן אַ רויך,
ס׳קלינגט אַ בת־קול ווי געזאַנג:
— נעם די תורה און לעב לאַנג. —

יאָ, פון פייער, ניט פון גאָלד
איז די ריינקייט געראָלט,
און אין פייערלעכער שיין
וועט ער זי מקבל זיין.

און מיט קדושה, וואָס ער אַנט,
ווי געשטויסן פון אַ האַנט,
פאַלט ער צו אַ הייסער קויל
מיט זיין גליקזעליקן מויל.

און די שטערן־זעער בלינד
גיבן צו: — אַ נאַריש קינד. —
נאָר אין הימל ווינקט און לאַכט
משהס שטערן יעדע נאַכט.

אַן אַלטע מעשה

שווימט אַ ייִנגל אָן אַ נאָמען
אין אַ קעסטל, ניט קיין שיף,
ווייסט מען — ס׳איז אַ ייִדנס זאָמען,
ליידן איז זיין יחוס-בריוו.

פּרעהס טאָכטער ווייסט עס טאַקע,
נאָר זי טראַכט אין האַרץ אַזוי:
— איך וועל אויסהיילן אַ מכה,
מאַכן פון אַ ייִד אַ גוי.

וואַקסט אַ פּרינץ ביי דער פּרינצעסין,
וואַקסט אַ ייִד מיט גויים גלייך,
טראַכט זי: — ער האָט שוין פאַרגעסן
זיינע ליידן אויפן טייך. —

און איר ליבלינג טראַכט אין פרידן:
— אַלע מענטשן זיינען גוט.
ערשט אַ מצרי שלאָגט אַ ייִדן
און עס גיסט זיך ייִדיש בלוט.

קומט דער פּרינץ צו הילף זיין ברודער
און פון פּרעהס הויף אַנטרינט.
— זיי ניט, שטיפמוטער, קיין מוטער
און ניט שמד קיין ייִדיש קינד.

דער פּאַסטעך

ברענט די מדבר־זון און בראָט,
שאָטנט קיל דער באַרג פון גאָט,

היטערט משה דאָרט די שאָף
און עס פאַלט אויף אים אַ שלאָף.

נאָר זיין שלאָף איז ניט באַרוט.
משה זעט אין חלום בלוט, —

בלוט אויף שטיינער, וואָס מען טראָגט,
בלוט פון פּלייצעס, וואָס מען שלאָגט.

כאַפּט זיך משה אויף און וויינט,
ווייל ער ווייסט שוין וואָס עס מיינט —

בלוט פון זיינע ברידער רינט
און זיין פאָלק אין קנעכטשאַפט דינט.

און, אַזוי פאַרשטיינט אין צער,
אויף די שאָף קוקט משה שטאַר

— און ער כאַפּט זיך מיטאַמאָל —
ס'איז געמינערט זייער צאָל.

ציילט ער איבער קליין און גרויס,
פעלט אַ לעמעלע אים אויס.

נעמט ער באַלד זיין שטאָק אין האַנט
און אין לעמלס פוסטריט שפּאַנט.

קוקט ער זיך די אויגן אויס,
זעט ער, ס׳לויפט דער לאַם פאַרויס.

רופט ער: — קום צוריק, מיין לאַם, —
נאָר עס לויפט אַוועק דער תם.

צאָרנט משה: — פאָלגסט מיך ניט?
כ׳האָב אַ שטעקן. היט זיך, היט. —

ווייסט דער תם ניט פון זיין שולד,
שלאָגט ניט משה, האָט געדולד.

און דאָס לעמל לויפט און שפּרינגט,
גרייכט אַ קוואַל און דאַרשטיק טרינקט.

שעמט זיך משה, פילט זיך קליין —
ניט געקאָנט אַ לאַם פאַרשטיין.

און דער גוטער הירט געגענט,
נעמט דעם לאַם אויף זיינע הענט,

ווי אַ פאָטער, וואָס געפינט
זיין פאַרלוירן טייער קינד.

גייט דער פאַסטעך מיט זיין לאַם.
ערשט, עס ברענט אַ בוש אין פלאַם, —

ברענט אין פייער, וואָס פאַרלענדט,
און ער ווערט דאָך ניט פאַרברענט.

וויל ער צוגיין, בעסער זען,
הערט ער: — משה, ניט גענען.

ס׳אָרט איז הייליק, ניט באַטרעט.
גאָט פון דיינע אבות רעדט.

איך האָב געזען דיין פאָלק אין יאָך
און דיינע טרערן אויף זיין בראָך.

וויין ניט, משה, זיי געטרייסט —
ס׳פאָלק וועט ווערן אויסגעלייזט.

און דיין האַרץ האָב איך געפּאָרשט,
ווען עס האָט דעם לאַם געדאָרשט,

אָבער מיין געפּרוּווטן הירט
האָט דער צאָרן ניט פאַרפירט.

פיטער־זשע מיין סטאַדע, פיר,
משה־פּאַסטעך, כ׳טרוי זי דיר, —

פיר מיט רחמים, ניט מיט שטראָף
דיינע ברידער, מיינע שאָף. —

שטייט דער פּאַסטעך מיטן לאַם —
און זיין פּנים איז אין פלאַם

און זיין האַרץ שטילט איין דעם ברויז
אין דער רו פון לאַם אין שויס.

דאָס טייכל קאַטשעט זיך
אויפן בייכל

לידער פאַר קליין און גרויס

1933

דאָס טײַכל קאַטשעט זיך אויפֿן בײַכל

דער גלאַנץ, דער שפּיגל פֿון דעם וואַלד,
זײַן ליב און טײַער טײַכל
האָט אָנגעהייבן וואַרפֿן זיך
און קאַטשען אויפֿן בײַכל.

האָט שטאַרק דערשראָקן זיך דער וואַלד
און איבערן טײַכלס בעטל
די הענט געבראָכן און געשטרעקט,
געקרעכצט און הילף געבעטן.

האָט אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג
דער ווינט — מיט שפּראָכן זיבן;
האָט אַ רעצעפּט דער בליץ אויף גיך
דעם טײַכעלע פֿאַרשריבן;

האָט הויך דער דונער זיך צעקנאַלט,
דעם בייזן גײַסט צו שרעקן;
האָט באַנקעס גלעזערנע געשטעלט
דער בלעזלדיקער רעגן;

האָט פּילן, פּראָשקעס, קרײַטעכצער
דער וואַלד אַליין געשאָטן
און פֿון זײַן ליבלינגס קראַנקן־בעט
איז ער ניט אָפּגעטראָטן.

ביז אויפֿן בויך צו קאַטשען זיך
האָט אויפֿגעהערט דאָס טײַכל
און אָנגעהייבן פּאַטשן זיך
אין אויסגעהיילטן בײַכל.

דער רעגן

אַ פאַרקלאָגטער איז דער רעגן, —
רק ער וויינט פון וויינען וועגן,
רק ער טרויערט צוליב טרויער
און ער קלאָגט זיך אין דיין אויער.

לויפן אַלע פון דעם „ביבער",
זיצן אין פאַרמאַכטע שטיבער;
האָט די בלינדקייט שוין פאַרצויגן
זיינע אויסגעוויינטע אויגן,
אָבער גאָרניט העלפט דעם רעגן,
רק ער וויינט פון וויינען וועגן.

בלינד-געשלאָגן און פאַרשטויסן,
דער פאַרנודענדיקער וויינער,
גייט און פאַלט אין פוסטן דרויסן,
ווי געשטרויכלט איבער שטיינער,
אַלע מויערן באַטאַפּט ער
און אין אַלע פענצטער קלאַפּט ער.

איז געשלאָסן טיר און טויער,
וויל ניט הערן אים קיין אויער,
וויינט ער פאַר די פוסטע גאַסן,
וויינט ער פאַר דעם שטיין דעם נאַסן,
וויינט ער גלאַט פון וויינען וועגן, —
אַ פאַרקלאָגטער איז דער רעגן.

אַ וואָלקן שמירט זיך אויס

האָט געשטיפּט אַ קליינער וואָלקן
אויפֿן ראַנד פֿון אַ ווּלקאַן
און געוואָרן שוואַרץ פֿון סאַזשע
איז דער ווייסער חברהמאַן.

איז דער ווינט אים נאָכגעלאָפֿן,
און גערייצט זיך, און געשפּעט,
און איז נאָך אַוועק אין הימל,
און פֿאַרמסרט, און באַרעדט.

האָט פֿאַרכמורעט זיך דער הימל
און דעם קליינעם חברהמאַן
האָט ער שמיץ באַפֿעלט צו גיבן
פֿאַר זיך שפּילן ביים ווּלקאַן.

האָט דער בליץ אים אָפּגעשמיסן
מיט אַ פֿייערדיקער רוט,
אָבער לאַנג נאָך האָט דער דונער
זיך געבייזערט, ניט גערוט,

ביז די רעגן-וואָלקנס האָבן
זיך צעשפּריצט ווי אַ פֿאָנטאַן
און די סאַזשע אָפּגעוואַשן
פֿון דעם ווייסן חברהמאַן.

אַ ווערבע וויל זיך ניט צוואָגן

מיט צעפּאַטלטע האָר
שטייט ביים וואַסער אַ ווערבע, —
שטייט און וואַקלט זיך אַלץ
און עס שוידערט איר קערפּער.

זוכט דער ווינט אין איר קאָפּ,
וואָס איז לאַנג ניט געוואַשן,
און ער שרייט אויף איר אָן
אין ער בייגט זי צום וואַסער.

טונקט נאָר איין זיך אַ לאָק,
ווערט די ווערבע דערשראָקן
און זי וואַרפט זיך צוריק
און זי וויל זיך ניט צוואָגן.

שוועבט אַ וואָלקן פאַרביי
און טראָגט וואַסער אין עמער,
גיסט ער אוים אויף איר קאָפּ
און אַ סוף זאָל עס נעמען.

בייגט די ווערבע זיך איין,
ווי מען וואָלט זי געשלאָגן,
און זי וויינט אויף איר בראָך,
וואָס מען האָט זי געצוואָגן.

רעגן־טראָפּנס

טראָפּנס הוליען ווילד־פאַרשייטע,
ווי די שולקינדער באַפרייטע:
טראָפּנס הוזשען ווי די פליגן;
טראָפּנס שפּרינגען ווי די ציגן;
טראָפּנס שפּאַנען ווי סאָלדאַטן;
טראָפּנס טופּען ווי די יאַטן;
טראָפּנס קוליען זיך ווי לצים;
טראָפּנס שטראָמען, טראָפּנס פלייצן, —
טראָפּנס, טראָפּנס ווילד־פאַרשייטע,
ווי די שולקינדער באַפרייטע.

אַ זומער־רעגן

פול און אָנגעגאָסן
הענגט די זומער־כמאַרע.
שטראָמט ווי מילך דער רעגן
וואַרעם, מיט אַ פּאַרע.

בלעזלען זיך און זינגען
מיט אַ פרייד־געהילך
אינעם טייך די שפּריצן
ווי אין מעלקשאַף — ס׳מילך.

טאַנצן ווי די קינדער,
ווען מען מעלקט די בהמה,
גרעזער אויף די לאָנקעס,
בלעטער אויף די ביימער.

אַ זון מיט אַ רעגן

שפּריצט אַ רעגנדל, באַשפּריצט,
אַז עס זאָל קיין שטויב ניט פאַלן,
און די ליבע זון ראַמט אויף
מיט אַ בעזעמל פון שטראַלן.

טאַנצט דער רעגן, לאַכט די זון
און זיי אַרבעטן יד־אחת,
און ס׳איז זייער אַרבעט זיס,
און זיי קלייבן פון איר נחת.

און ס׳ווערט ציכטיק, ליכטיק, שיין,
אַז עס פינקלט אין די אויגן,
אַז אין הימל שלאָגט עס אָפּ
מיט דער שיין פון רעגן־בויגן.

אַ רעגן־באָד

גיסן זיך פון וואָלקנס ווי פון צאָפּנס
שפּריצנדיקע שטראָמען רעגן־טראָפּנס.

שפּריצן אָפּ זיך אַלטע דעמב און צעדער,
ליאַרעמען ווי קינדער אין די בעדער.

גיסט זיך אָפּ אַ קוסטל, כאַפּט אַ ציטער,
קלאַפּן אים ווי ציינער זיינע ריטער.

טוט זיך אויס אַ ניסל און אין טייכל
פונעם צווייגל שפּרינגט ער מיט זיין בייכל.

באָדן זיך די גרעזער — ווי צום טוקן,
בייגן זיי אַרונטער קאָפּ און רוקן.

צוואָגן זיך אין רעגן אַלע קוויטלעך,
טרייסלען מיט די קעפּלעך ווי די מיידלעך.

שטייען בלויז די שוועמלעך אין די היטלעך,
גלייך ווי אונטער שירעמס, שטיל, געמיטלעך.

ווי גוט איז די פֿיש

ווי גוט איז די פֿיש אין אַ רעגן!
זיי זײַנען אין וואַסער באַשיצט
און הייבן ניט אָן זיך צו שרעקן,
ווען ס׳שטורעמט און דונערט און בליצט.

ביי זיי ווי אַ פֿייקל וואָלט קלאַפּן,
ווען דאָ זיך דער דונער צעקנאַלט;
ביי זיי איז אַ ליכט־האָז צום כאַפּן
דער בליץ, וואָס דעם הימל צעשפּאַלט.

אַפֿילו די כוואַליעס פֿון שטורעם
דאָרט זײַנען ווי וואָלקנס אין שפּיל,
וואָס האַלטן אין ביטן דעם פֿורעם:
אָט ים־לייב און אָט קראָקאָדיל.

ביים בויך מיט דעם גאָרטלם צוויי עקן,
ביים האַלדז מיט די עקן פֿון שלייף,
די פֿיש ווייסן גאָרניט פֿון רעגן
און בלאָזן זיך בלעזלעך פֿון זייף.

האָגל

פאַלט אַ װאַסערפאַל פון קױלן.
קײנער זעט ניט די פּיסטױלן,
קײנער הערט ניט זײער קנאַלן,
בלױז די קױלן זעט מען פאַלן, —
שיסן שיסט אַזױ דער האָגל,
שנעלט די קױלן מיט זײַן נאָגל.

שרעקן זיך די קינדער איבער
און זײ לױפן אין די שטיבער
און באַהאַלטן זיך, פאַרשליסן,
ס'זאָל קײן קױל זײ ניט דערשיסן.

נאָר דער האָגל שיסט און װײנט —
שרעקן האָט ער ניט געמײנט,
קלאַפּט ער אין די פענצטער אָן:

— קינדער, כ'װעל אײַך גאָרניט טאָן.
איך װיל ניט דערשרעקן קײנעם,
כ'װײַז אײַך נאָר אַ קונץ אַ שײנעם.
האָקוס-פּאָקוס, איקס-מיקס-דריקס,
כ'שיס מיט קױלן אָן אַ ביקס.
קױלן שיס איך קרום און גלײַך,
פון די קױלן װערט אַ טײַך, —
ניט פון בלוט אַ טײַך אַ רױטער,
נאָר פון װאַסער — רײן און לױטער.

אַ זאַווערוכע

האָט געשנייט, און געווייט, און געדרייט
די זאַוויי־זאַווערוכע,
האָבן פֿאַרכטיק אויף ריגל און קייט
טיר און פֿענצטער געסקרוכעט.

האָט דער שטורעם סירענעס געשאַלט
און געהוזשעט אין אויער,
איז געוואָרן די וועלט ווייס און אַלט
ווי אַ זקן אַ גרויער.

איז אַ מילנער אַרונטער פֿון זין,
און אָן זינען געמאָלן,
און געשאָטן די מעל אויפֿן ווינט,
און משוגע געקוואָלן.

האָט אין גרוי ווי אין רויך, ווען עס ברענט,
אויפֿן גאַס אומגעשמייעט
אַ צעשויבערט געשטאַלט אין איין העמד
און געבֿרומט ווי אַ חיה.

האָבן פֿאַרכטיק אויף ריגל און קייט
טיר און פֿענצטער געסקרוכעט...
ס'האָט געשנייט, און געווייט, און געדרייט
די זאַוויי־זאַווערוכע.

רויך און שניי

רויך פון קוימען אין געדריי,
שניי פון הימל אין זאַווײ.
אַזוי ענלעך זיינען זיי:
שניי ווי רויך און רויך ווי שניי.

גיט אויף זיי דער ווינט אַ ווײ,
מישן זיך צונויף די צוויי,
איז ניט צו דערקאָנען זיי:
וואָס איז רויך און וואָס איז שניי?

ווערט אַ טומל, אַ געשריי.
איינגעדרייטע ווי אַ „פּ",
ווייסן ניט אַליין די צוויי
ווער איז רויך און ווער איז שניי.

און ווי ווילדע פייגל צוויי,
ווי אַ וויכער אין געדריי,
ראַנגלען, אַמפּערן זיך זיי:
ווער איז רויך און ווער איז שניי?

זעט דער ווינט ס'איז ווינד און ווײ,
גיט ער מערער ניט קיין ווײ
און עס שיידן זיך די צוויי:
איינער רויך, דער צווייטער שניי.

מזל־ברכה

ניט קיין מיל און ניט קיין מילנער,
ניט קיין ווייץ אין שטיין,
און עס מאָלט זיך, און עס זיפּט זיך
מעל פֿון זיך אַליין.

נאָר די גאַנצע מזל־ברכה
פֿאַלט אויף גאָטס בּאַראָט
ניט אין זעק און ניט אין קאַסטנס —
אויפֿן גאַס פֿון שטאָט.

און די מענטשן די באַמעלטע,
ניט ווי בעקער ריין,
ניט אין באַקדייזשעס און מולטערס —
פּשוט אויפֿן שטיין

מיט די פֿיס, אָט ווי זיי גייען
אין די שיך און אַליין,
מישן ראָשטשינעס אָן הייוון,
קנעטן טייג אָן זאַלץ.

ניט קיין מיל און ניט קיין מילנער,
און עס מאָלט זיך מעל,
נאָר פֿון גאָר דער מזל־ברכה
מאַכן זיי אַ תל.

ווי אַ קעצל

ווי אַ קלאָר־ווייס קעצל
אין אַ ווייכן קנויל,
ליגט דער שניי אין זונשיין
איינגענורעט פויל.

וועק איך אים פון שלומער,
גלעט ער צאַרט מיין שוך,
ווי אַ קלאָר־ווייס קעצל
מיט אַ פעל ווי פוך.

ווי פון אַן איי

ליגט די ערד אין ווייסן שניי,
ווי אין שאָלעכץ פון אַן איי.

הויערט איבער איר די זון
און זי בריט זי אויס דערפון.

שיילט זי אויס זיך נאַקעט, הויל
מיט אַן אויפגעעפנט מויל.

טרינקט זי רעגן, וואַקסן אויס,
ווי די פעדערן ביים שטרויס,

גראָז און בלום פון יעדן מין
און זי פּאַוועט גאָלדיק־גרין.

דער מפונק

שניי איז אַ מפונק, אַפּגעהיט און איידל,
שלייערט ער אַפּילו ס׳פּנים ווי אַ מיידל.

טראָגט ער ווייסע קליידער, ווייל די שוואַרצע — היצן;
גיט די זון אַ וואַרעם, הייבט ער אָן באַלד שוויצן.

קאָן ער ניט פֿאַרטראָגן טענער הויכע, פֿרעכע,
שטאָפּט ער שטיקער וואַטע אין די אויער-לעכער.

גייט ער ניט אין שטיוול, ווייל אין שטיוול קלאַפּט עס,
שאַרט ער זיך אין שטעקשיך און דעם וועג באַטאַפּט ער.

איז די ערד ניט ציכטיק פֿאַר זיין פֿוס דעם נעטן,
שפּרייט ער אויס אַ טעפּעך, ווו ער דאַרף באַטרעטן.

איז דער וועג צו גליטשיק, איז ער דיר אַ בעלן
אונטערבעטן קישנס, טאָמער וועט ער פֿאַלן.

טעדי־בערן

קומט דער קאַלטער ווינטער און דיביימער פֿרירן,
ברענגט דער פֿעטער-שנייער ווייסע וואָל צו פֿירן.

שפּינט דער פֿעטער-שנייער פֿון דער וואָל אַ פֿאָדעם,
פֿון דעם פֿאָדעם שטריקט ער ווייסע ווינטער-בגדים.

טוט ער אָן די ביימער, צערטלעך, ליב און גערן,
אין די ווייסע בגדים ווי אין טעדי-בערן.

איז די ביימער וואַרעם אינעם קאַלטן ווינטער,
קלייבט דער פֿעטער-שנייער נחת ווי פֿון קינדער.

דער אַלטער פעטער־שנייער

פעטער־שנייער איז אַלט
און ס׳איז גליטשיק און קאַלט,
גייט דער אַלטער און פאַלט,
ווערט געשטרויכלט און פאַלט.

קומט צו הילף אים דער ווינט
און ער העלפט — וויי און ווינד! —
הייבט אים אויף און אַנטרינט,
הייבט בלויז אויף און אַנטרינט.

פאַלט דער אַלטער באַניים
אין פאַרכישופטן קרייז
אויפן גליטשיקן אײַז
און ער שטאַרבט אויפן אײַז.

ליגט אַ מת, ווייס־באַהאָרט,
מיט אַ גרייז־גרויער באָרד,
און ווער ס׳גייט און ווער ס׳פאָרט,
איבער אים גייט און פאָרט.

וואָלקנשפּיל

וואָלקנס ווי די קריהעס קריכן איינס אויף ס׳אַנדער,
אָבער זייער אײַזבאַרג פאַלט זיך באַלד פונאַנדער.

רופן זיי מלחמה אויף די בערג, וואָס שטייען,
און מיט פאַראַשוטן לאַנדן זיי אַרמייען.

נאָר ווי וואַסערפאַלן פאַלן זיי געקראַכטע
פון די בערג, וואָס זיינען פעסטונגען פאַרמאַכטע.

פלייצן זיי, פאַרגיסן אַלץ, וואָס אין דער נידער, —
נאָר די בערג, וואָס שטייען ווי אויף קידער־ווידער.

פעטער־שנייער אין שטאָט

ווייסע האָר האָט פעטער־שנייער,
גאָר ער איז ניט אַלט,
און ער איז גאָר אַ הוליאַקע,
כאָטש ער זעט אויס קאַלט.
אַן אַקטיאָר איז פעטער־שנייער,
אַ פֿאַרשטעלט געשטאַלט,
און ער איז אַ גרויסער טענצער —
טאַנצט ער, איז ביז ער פֿאַלט.
פֿאַלט אין דאָרף דער פעטער־שנייער,
רוט ער זיך דאָרט אויס;
פֿאַלט אין שטאָט דער פעטער־שנייער,
וואַרפֿט מען אים ווי מיסט אַרויס.

האָט אַנומלט פעטער־שנייער,
עטוואָס שיכור, פֿריילעך זייער,
אין אַ ווייסן כלה־שלייער
מיט אַ ווייסן בלומענקראַנץ,
אַ פֿאַרשטעלטער, אַ פֿאַרהילטער, —
אַ פֿאַרהילטער, אַ צעשפּילטער,
זיך אַוועקגעלאָזט אין טאַנץ
און אַזוי אַריין אין שטאָט
און אַוועק אַ קאַראַהאָד.

טאַנצט אין שטאָט דער פעטער־שנייער,
עטוואָס שיכור, פֿריילעך זייער.
שפּילט קיין פֿידל ניט, קיין פֿלייט,
זינגט קיין שטימע ניט פֿאַר פֿרייד,
וואָס־זשע קלינגט עס אַזוי שיין?
ס׳זינגט דער רעש פֿון שטאָט אַליין.

טאַנצט אין שטאָט דער פעטער־שנייער,
עטוואָס שיכור, פֿריילעך זייער.
איז דאָך ווינטער און ניט מאַי
און קיין סאָד איז ניט דערביי,
וואָס־זשע בליט עס ווייס און שיין?
ס׳בליט דער אייזן און דער שטיין.

האָט ער אַזוי לאַנג געטאַנצט,
ווילד געפּליקט דעם בלומענקראַנץ,
אין דעם שלייער-זייד געפלאַטערט
ווי אַ פלאַטערל אַ גרינגער,
ביז ער האָט זיך איינגעמאַטערט
צי פון טאַנצן צי פון טרינקען
און געפאַלן אויפן אָרט,
ווו מען גייט און ווו מען פאָרט.

זיינען שטיין געבליבן שטיל
וואָגן, טראַם, אויטאָמאָביל.
איז געוואָרן אַ געפּילדער:
„אָט אַ שיכור! אָט אַ ווילדער!"
זיינען גאַסן-קערער באַלד
אָנגעקומען אויפן גוואַלד,
האָבן זיי פון אורחם קומען
ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען,
האָבן זיי אים אויפגענומען
מיט אַ רידל, מיט אַ בעזעם.

אָנגעשלאָגן, אָנגעשמיסן,
און פאַרברודיקט, און צעריסן
ווייסן לייב און ווייסן שלייער,
האָבן זיי דעם פעטער-שנייער
איינגעפּאַקט ווי מיסט אין וואָגן,
מיט די רידלען צוגעשלאָגן
און אַוועקגעפירט מיט שפּאָט
ערגעץ ווייט, אַרויס פון שטאָט.

דער פֿראָסט

1

הײמלאָז איז דער פֿראָסט אין דרויסן,
שלאָפֿט ער, װוּ ער פֿאַלט,
אָבער אַלע פֿרעמדע ערטער
זײַנען פֿײַכט און קאַלט.

װעקט פֿון שלאָף דער פֿראָסט זיך איבער,
איז גרײַז־גרוי זײַן באָרד
און רומאַטעס אין די בײנער
האָט ער אָפּגעשפּאָרט.

מוז ער, נעבעך, גײן אויף קוליעס —
יעדער טראָט — אַ קרעכץ —
און פֿאַרביטערט פֿונעם װײטיק,
װערט דער פֿראָסט אַ שלעכץ.

קריצט ער מיט די צײן און יעדן,
װעמען ער טרעפֿט אָן,
לאָזט ער ניט די גאַס אים דורכגײן
אָן אַ בײז צו טאָן.

2

פֿעלץ זיך אָן, מײַן קינד, אין גראָבסטן
בגד, װאָס דו האָסט,
אַז דײַן לײַב זאָל ניט צעקנײפּן
דער צערײצטער פֿראָסט.

טו זיך אָן אין שיך, קאַלאָשן
אויף אַ דיקן זאָק,
װאָרן אויף די פֿיס דיר טרעט ער
מיט זײַן קוליע־שטאָק.

זאָלסט די הענטשקעס ניט פאַרגעסן,
קינד, למען־השם,
ווייל ער קוועטשט די פינגער־שפּיצן
ווי דעם ראָקס אַ קלעם.

און די אויערן באַוואָרן,
רוק דעם הוט אַראָפּ,
ווייל אַז ער דרייט אָן אַן אויער,
פוילט דער אויער אָפּ.

3

האָסטו ניט קיין ווינטער־קליידער,
בעסער זיץ אין הויז,
ווייל דער בייזער פראָסט אין דרויסן
קוקט אויף דיר אַרויס.

זע, ער לאָקערט ווי אַ גזלן
הינטערן פענצטער דאָרט —
צו דער שויב האָט צוגעפּרעסט זיך
זיין גרייז־גרויע באָרד.

און ער היט די טיר פאַרטייעט
און ער שטעקט די נאָז
אינעם שליסל־לאָך, וואָס וויים איז
פון זיין אָטעם־בלאָז.

דער נס

האָט אַ טייכל געוואַנדלט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט
און געגלאָצט מיט די אויגן אויפֿן הימל פֿאַרטראַכט.

מיט אַמאָל האָט אַ נעפּל אַלע שטערן פֿאַרמעקט
און אַ הויט ווי אַ בעלמע האָט די אויגן באַדעקט.

האָט אין אימה דאָס טייכל אַ געשריי טאָן געוואָלט,
ערשט דאָס מויל איז פֿאַרזיגלט און פֿאַרשטיקט איז דער קול.

האָט זי ווילד געוואָלט לויפֿן, ווי פֿון פֿייער אַ פֿערד,
ערשט זי איז אַ געליימטע, צוגעשמידט צו דער ערד.

האָט דאָס טייכל געחלשט און שוין גאָרניט געוווּסט,
בלויז דאָס האַרץ האָט די בלוטן נאָך געטריבן אין ברוסט.

איז זי לאַנג אָפּגעלעגן אָט אַזוי ווי אַ מת,
ביז ס'איז פֿרילינג געקומען און באַוויזן אַ נס: —

וואָס ס'איז שטום, געמאַכט ריידן; וואָס ס'איז בלינד, געמאַכט זען
און געמאַכט זיך באַוועגן, וואָס געליימט איז געווען.

און דאָס טייכל האָט ווידער זיך געלאָזט אין דער וועלט
און פֿאַרחידושט די אויגן אויף איר פּראַכט אָנגעשטעלט.

זומער

זומער האָט אַ גאָלדן האַרץ
און אַן אָפן גוט געזיכט.
זומערס אויגן זיינען בלוי
און ס׳איז לויטער זייער ליכט.

זומערס ליפּן שמייכלען ליב
און איעדער שמייכלט מיט.
זומער, אַז ער בייזערט זיך,
ווייסט מען, אַז ער מיינט עס ניט.

אַז זיין דונער, אַז זיין בליץ
איז אַן אָנשטעל, ניט קיין כעס;
אַז די טרערן, וואָס ער גיסט,
זיינען בלויז צו מאַכן שפּאַס.

ווייל ווי קאָן דאָס זומער־לעב
זיין אין צאָרן אָדער טריב?
זומער שמייכלט צו דער וועלט,
זומער האָט דאָס לעבן ליב.

די קאַטשקע

קאַטשעט זיך די קאַטשקע פויל,
גייט און קוואַקעט מיטן מויל:
„הכל בכל מכל כול!”
אַלצדינג קאָן זי זייער ווויל: —

אויפן וואַסער האַלט זי זיך ווי אויל;
אונטערן וואַסער שווימט זי אין פאַרהויל;
אין דער לופטן פליט זי ווי אַ קויל;
אויף דער ערד בלויז לויפט זי — מיטן מויל.

שטערן און פֿייער־פֿליגן

אויבן שטערן, שטערנדלעך
טיפֿע נאַכט באַשפּרינקלען,
אונטן מיט לאַמטערנדלעך
פֿייער־פֿליגן פֿינקלען.

און אין בלוי אומענדלעכן
און אין ליכט־געווימל
אייגענע און ענלעכע
ליגן ערד און הימל.

ראַי פֿון שטערן, שטערנדלעך
ווי די פֿליגן שווינדלען;
פֿליגן מיט לאַמטערנדלעך
ווי די שטערן פֿינטלען.

דער דיקער נעפּל

דער נעפּל איז אַ שווערער,
אַ דיקער, מיט אַ בויך,
ער שוועבט ניט אין די הימלען
ווי וואָלקנס גרינג און הויך.

ער האַלט זיך ווי אַ שיכור
מיט שלאַבעריקע הענט
אין סלופּעס און איןביימער
און לענט זיך אָן אין ווענט.

ער פֿאַלט און קאָן ניט אויפֿשטיין
צוליב זיין גרעב און גרייס,
און אָטעמט מיט אַ פּאַרע,
און שוויצט מיט קאַלטן שווייס.

ביז ס׳קומט דער ווינט און נעמט אים
אויף אַ שפּאַציר מיט גוואַלד.
שפּאַצירט ער, רעדוצירט ער
און שוועבט ווי וואָלקנס באַלד.

אויפֿן הימל אַ יאַריד

אויפֿן הימל אַ יאַריד —
רייך־קאָלירטע וואָרעס
האָט אַראָפּגעבראַכט די זון
פֿאַר די קונים — כמאָרעס.

קלייבן זיי ווי דאָרפֿסלייט אויס
די, וואָס זײַנען בונטער.
קלייבן איבער, מעסטן אָן,
וואָרפֿן באַלד אַרונטער.

קאָנען ניט באַשליסן זיך
וועלכע פֿאַרב איז שענער
און צו לייזן גיבן זיי
ניט קיין האַרטן צענער.

צאַפּט דאָס בלוט זיך ביי דער זון
פֿון אַזעלכע קונדן,
ווערט איר שטראַלנדיק געזיכט
העליש אָנגעצונדן.

לאָזט זי איבער האַק און פּאַק,
ס׳לעבן ווערט איר מיאוס
און זי טרינקט זיך אינעם ים
פֿון פֿאַרדראָס און יאוש.

רויטלען זיך פֿאַרשולדיקטע
די פֿאַרשעמטע כמאָרעס
און זיי טוען אויס פֿון זיך
די קאָלירטע וואָרעס.

די בערעזע

האָט די ווײַסע בערעזע
האָר געקרויזטע, ניט קיין פּראָסטע,
אָבער וואָס איז די פּעולה,
אַז זי איז אַ צעלאָזטע?

ווײַל דער ווינט זי פֿאַרקעמען
ווי אַ מאַמע אַ טאָכטער,
הייבט זי אָן זיך צו וואַרפֿן
ווי מען וואָלט זי געשאָכטן.

און זי ווערט זיך, און קערט זיך,
און זי דרייט מיטן קעפּל,
אַז דער ווינט קאָן ניט קעמען,
ניט פֿאַרפּלעכטן קיין צעפּל.

האָט דערפֿאַר די בערעזע
האָר געקרויזטע, ניט קיין פּראָסטע,
אָבער קאָלטונעס וואַקסן
אין די האָר די פֿאַרלאָזטע.

דער ווינט

וואַקסט אַ ווינט אַ ווילדער
הפקר, אָן השגחה,
וויל ער זיך ניט לערנען
עפּעס אַ מלאכה.

כאַטש אַ ליידיק-גייער,
איז דער ווינט צעפּלאַטערט,
קיין מינוט ניט רוט ער,
נאָר די צייט בלויז פּטרט.

פייפט דער ווינט און הוליעט,
מאַכט פון שטויב אַ וויכער
אַז די פעסטע ביימער
שטייען אויך ניט זיכער.

וויגט ער זיך אויף צווייגן,
גלייך ווי אויף אַ הוידע.
קומט ער צו אַ טייכל,
גיט ער עס אַ בויטע.

לאָזט ער ניט קיין מענטשן
גיין אין גאַס געמיטלעך,
פאַר די פּאָלעס רייסט ער,
וואַרפט אַרונטער היטלעך.

שויבערט ער טשופּרינעס,
בערד פאַרדרייט אין קנוילן.
שיט ער אין די אויגן
זאַמד און אַש פון קוילן.

מאַכט ער „בו!" אין פענצטער,
שרעקט די קליינע קינדער.
ברעכט ער אויס אַ טאַפּליע
אין אַ קאַלטן ווינטער...

אָט אַזוי צעלאָזן
שטיפט ער, קערט ער וועלטן
און ער וואַקסט אַ שייגעץ,
וואָס מען טרעפט גאָר זעלטן.

ווינטער און זומער

אין קאַליפֿאָרניע

איז ווינטער געקומען
אין זוניקן לאַנד
און האָט אויפֿן זומער
געהויבן זיין האַנט.

האָט זומער דעם שונא
געענטפֿערט צוריק.
אַזוי איז געוואָרן
אַ ביטערער קריג: —

האָט ווינטער געשאָטן
מיט האָגל און שניי,
האָט זומער מיט רעגן
געגאָסן אויף זיי.

האָט ווינטער דאָס וואַסער
פֿאַרגלעזערט מיט פֿראָסט,
האָט זומער דאָס אייז־גלאָז
מיט שטראַלן צעלאָזט.

ביז ענדלעך האָט ווינטער
פֿאַרלאָרן די שלאַכט
און האָט צו אַ באַרגשפּיץ
פּליטה געמאַכט.

אַ פוילער וואָלקן

קריכט אַ פוילער ווייסער וואָלקן
ווי אַ צפון-בער.
זיינע לאַגלען זיינען ליידיק,
נאָר ער שלעפּט זיך שווער.

לאַנג שוין אַז קיין האַנט אין וואַסער
טוט ער ניט אַריין —
בעסער ווי אַ וואַסער-טרעגער
איז אַ פוילער זיין.

גייט ער קרוע-בלוע, באָרוועס.
ווילד איז זיין געשטאַלט.
שערט ער זיך ניט און ער קעמט זיך
אָן אַ הויכן וואַלד.

גייט ער ניט אין ים זיך באָדן —
אַזוי אויך איז פיין,
קראַצט ער זיך אין באַרג די פּלייצע
און שפּאָרט אַרבעט איין.

מאַכט ער זיך ניט קיין געלעגער —
בעסער אויבנאָן
אויף אַ באַרג זיך אויסצולייגן
גלייך ווי אַ באַראָן.

וואָלט געוועזן ניט שלעכט דעם וואָלקן —
ווויל און פויל אַזוי,
נאָר ס׳פאַרביטערט אים דאָס לעבן
דער ווינט, — ימח-שמו!

רק ער פּלאָגט אים, רק ער יאָגט אים,
רק ער טרייבט אין קאַרק,
ווי די פּאָליציי אַ שלעפער
פון אַ באַנק אין פּאַרק.

זייפנבלאָזן

זייף, און וואַסער, און אַ שטרוי.
שפּיל איך זיך און בלאָז אַזוי
זייפנבלאָז נאָך זייפנבלאָז, —
זייפנבלאָז ווי שפּיגלגלאָז.

אין זיי מיט אַ שימערשיין
שפּיגלט זיך די וועלט אַריין,
זײַנען בלעזלעך וועלטן אויך
ווי די שטערן אין דער הייך.

אַז אַ וועלט איז בלעזל קליין,
דאָך אַ גאָט בין איך אַליין;
מיט מיין הויך באַשאַף איך דאָס.
טאָמער פּלאַצט עס, — נו, איז וואָס?

זייף, און וואַסער, און אַ שטרוי.
שאַף איך שפּילנדיק אַזוי
נייע וועלטן — קליין און גרויס.
גאָט שעפּט קיינמאָל זיך ניט אויס.

אין געוועט

טרייבן ווינטן אין געיעג
כוואַליעס פון דעם ים צום ברעג.
אין די כוואַליעס — אין מיין טרוים —
זע איך פערד, באַדעקט מיט שוים,
וואָס אויף יעדערן פון זיי
רייט אַ לופטיקער זשאָקיי.

זיץ איך אויפן ברעג און כ׳שפּיל,
קלייב מיר אויס אַ „פערד" פון פיל
און איך גיי אין אַ געוועט,
אַז מיין ספּריטנע פערדל וועט
קומען פריער צו דעם ברעג
און געווינען דעם געיעג.

זיגט מיין פערדל, קוועל איך אַז,
ניט, — פאַרליר איך בלויז אַ קאַן,
ווייל די פערדלעך זיינען פיל
און דער עיקר איז די שפּיל.
שפּיל איך, שפּיל איך ביז ס׳ווערט שפּעט,
ביז מען רופט מיך גיין אין בעט.

איציק און הריציק

איציק טראָגט אַ טלית-קטן
און אַ צלם — הריציק.
קליינע זיינען זיי נאָך ביידע
און ניט איבערשפּיציק.

ווייסן זיי ניט ווי די גרויסע
אונטערשייד אין גלויבן,
שפּילן זיך די קינדער פרידלעך,
וואָרקען ווי די טויבן.

טוליעט זיך צו שוואַרצע פּאות
ווייסע פלאַקס-טשופּרינע,
לאַסטשען ברוינע אויגלעך — בלויע,
גראָבע הענטלעך — דינע.

עסן זיי בשותפות מאָלצייט:
הריציקס ברויט מיט „סאַלאָ"
און מיט פּוטער אָנגעשמירטע
איציקס ווייסע חלה.

גאָט און „באָזיאַ" ביי די קינדער
איז איין גוטער טאַטע,
בענטשט אים הריציק: „סלאַווּאַ באָהו",
איציק: — ברוך אתּה.

דער ברוינער בער

גייט דער בער אין אַ פוטער
און אין פוטערנע הויזן,
נאָר אין לאַטשן מיט לעכער —
מיט די פינגער אין דרויסן.

וואָלט ער שניידן די נעגל,
וואָלט ער שיך ניט געריסן,
נאָר ער האָט ניט געשניטן,
וועט ער ווייטער שוין וויסן.

שטעלט ער קרום זיינע לאַפּעס
אין די לאַטשן מיט לעכער,
ווי אַ באָרוועסער גייער, —
אויסצומיידן די שטעכער.

ער איז ברוין, ווי דער אָסיען,
ווי דער אָסיען ניט פריילעך.
איינגעבויגן, ער שאָקלט
מיטן קאָפּ אויף זיין הילוך.

מיט די פינגער אין דרויסן,
ווען די פרעסט וועלן בייסן,
ווי אַזוי — טראַכט ער — וועט ער
אויף גאָטס וועלט זיך באַווייזן?

ווען דער ווינטער וועט קומען
(וויים דער בער שוין זיין צרה),
וועט ער ליגן געפאַנגען
ווי אין תפיסה אין נאָרע.

וועט ער ליגן און זייגן
די געפרוירענע לאַפּע
און רק כאַפּן אַ דרעמל
און אַ דרעמל רק כאַפּן.

דער לאַם

קוטשעראַווער לאַם
זייגט דער מאַמעס ברוסט, —
מיטן מויל — האַם־האַם, —
זשעדנע און מיט לוסט;

מיטן קאָפּ אַ שטויס,
מיטן עק אַ דריי.
מאַמע־שעפּס לעקט אויס
ווייסע וואָל ווי שניי.

זיס פֿון מילך דער טעם,
ליב פֿון צונג דער לעק,
מעקעט זאַט דער לאַם:
„מאַ־מע־לע!״

דאָס העזל

לאַנגע אָנגעשפּיצטע
אויערן אויף דער וואַך.
העזל אומבאַשיצטער
צווישן פֿיינד אַ סך.

גרויסע אויגן שרייען,
אָפֿענע אין גרויל
פֿאַר די ציין פֿון חיה
און פֿאַר יעגערס קויל.

פֿיס צום שפּרינגען פֿלינקע,
טראָגן זיי אַוועק
צאַרטן גוף און גרינגן
מיטן קורצן עק.

דער בושעל

איבער זשאַבעס פון די בלאָטעס
אַ מאָנאַרך אַ שטאָלצער,
שפּאַנט אַרום ביים זומפּ דער בושעל
ווי אויף הויכע שטאָלצן.

ער איז ווייס, נאָר זיינע פליגל
זיינען שוואַרצע ראָבן
און בלוטרויטע — די רגליים
מיט דעם לאַנגן שנאָבל.

שפּאַנט דער בושעל מאַיעסטעטיש
און הערט אויף צו שפּאַנען —
מיט פאַרזאָרגטע אויגן זוכט ער
זיינע אונטערטאַנען.

נאָר אַנטקעגן קומט ניט קיינער,
שטעלט ניט איין זיין לעבן
דעם מאָנאַרך פון אַלע זשאַבעס
כבוד אָפּצוגעבן.

אַלע האָבן גיך אין וואַסער
זיך אַריינגעפּליוכעט.
שטייט דער בושעל ווי אַ מלך,
אָבער אָן אַ מלוכה.

גראָטעסקן

פון בוך „דאָרשט צום קוואַל"

1952

אַ פאַרקילטער רעגן

גייט אַ רעגן מיט אַ האָגל, —
אַ פאַרקילטער איז דער רעגן.
אויפן גייער אין זיין וואָגל,
ווי גזלנים אויף די וועגן,
וואַרטן צוגווינטן, וואָס ניסן,
מיט מיקראָבן צו באַשיסן.

אַ פאַרקילטער איז דער רעגן.
די פאַרקילונג אויסצודאַמפן —
צי מיט פאַרע צי מיט בראָנפן —
קאָן ער גאָרניט זיך דערוועגן,
ווייל די טיר פאַר אים שליסט יעדער,
אויך דער שענקער און דער בעדער.

גייט דער גייענדיקער חולה
מיט אַ פיבערהאַפטן אימפעט.
לויפט אַ באָבעלע אַ ווילע.
כאָטש זי אַילט זיך צו אַ קינפעט,
ווען זי הערט אים הוסטן טרוקן,
גרילציק, ווי מען שלעפט אַ נאָגל,
זאָגט זי אים: „דו ביסט מסוכן.
טרינקען דאַרפסטו גאָגל-מאָגל".

טראַכט דער רעגן: — גאָגל-מאָגל...
ווו זשע וועט ער נעמען אייער?
איז ער אָבער דאָך אַ גייער,
גייט ער צו די פייגל פאָגל
אייער זאָלן זיי אים געבן
אָפּצוראַטעווען זיין לעבן.

נאָר די מאַמעס פון די פייגל
אין די נעסטן אונטער דעכער, —
אין די נעסטן ווי אין בייגל,
ווי אין בייגל, נאָר אָן לעכער, —
לייגן אייער, שווער זיך מיען
ניט אויף מאַכן גאָגל-מאָגל,
נאָר פון אייער אויסצובריען
קליינע פייגל, נייע פאָגל.

גלאָצט אַ פויגל מיט אָן אויגל
און צום רעגן גיט אַ זאָגל:
— דו ווילסט מאַכן גאָגל-מאָגל?
כמאַרעס שוועבן ווי די פייגל,
אפשר לייגן זיי אויך אייער.
צו דיין כמאַרע גיי דיר, גייער. —

נאָר אַ גייער איז דער רעגן,
אַז איר זאָלט שוין גאָרניט פרעגן —
אויף אַראָפּ איז ער אַ שפרינגער,
נאָר אַרויף — שוין ניט קיין גרינגער.
אָנצוקומען צו זיין כמאַרע
פאָרט דער רעגן אויף אַ פאַרע.

צו זיין כמאַרע קומט דער רעגן:
— איך וועל, כמאַרע, ביי דיר פרעגן,
ווי ביי איינעם, וואָס איז אייגן:
ווי אַ פויגל קאָנסטו שוועבן,
קאָנסטו אפשר אייער לייגן?
איך דאַרף אייער ווי דאָס לעבן. —

דונערט, בייזערט זיך די כמאַרע:
— ווייסטו ניט, דו טיפּש איינער?

אייער לייג איך ווי אויף פּאַרע.
כ׳וואָלט באַדאַרפט דיר לייגן שטיינער,
נאָר מיט אייער, זע, איך האָגל.
נעם און מאַך אַ גאָגל-מאָגל. —

האָט ער אייער אַ שפּאָר ביסל,
ניט צו זשאַלעווען קיין טראָפּל,
דאַרף דער רעגן נאָך אַ שיסל
זיי אַהין אַריינצוגיסן
און — אַ לעפל צי אַ גאָפּל
צו צעקלאַפּן און צעמישן,
נאָר ס׳איז פון די קליינע זאַכן,
אויך אָן זיי וועט ער עס מאַכן.

האַלט דיר, קעכין, האָב דיר, קעכער,
דיינע בעכן מיט די בעכער
און דעם רעגן גיב די דעכער,
גיב די דעכער מיט די רינעס
אויף צו מישן מישענינעס.

אויף די הילכנדיקע דעכער
קלאַפּט דער רעגן ווי אַ בלעכער,
האָגלט מיט אַן אייער-האָגל
און ער ברעכט זיי אָן אַ נאָגל
און ער גיסט זיי אין די רינעס,
אין די רינעס — מיש-מאַשינעס,
און עס גייט ווי אויף ספּרוזשינעס —
איינס און צוויי, און פון דעם האָגל
ווערן פּעסער גאָגל-מאָגל,
פּעסער ביז די ברעגן פולע.
חולה, טרינק און האָב אַ פּעולה.

קונקל־מונקל

1

אַ דאַמע מיט אַ הינטעלע —
די לבנה מיט אַ שטערן —
אַן אַנגעשמינקטע, קוקט אַרויס
אַ קאָמפּלימענט צו הערן.

זי קוקט אין שפּיגל פונעם טײַך,
וואָס שמייכלט איר אין פּנים;
זי אָבער חנדלט זיך און פרעגט:
— איז רויט ניט פּאַר נאַראַנים? —

פון פּנים ווישט זי אָפּ די פאַרב:
— בלאַס איז אפשר שענער?
די בלאַסקייט פּאַסט איר צום געזיכט,
מאַכט איידעלער און קלענער.

זי פּוידערט זיך דאָס נעזל צו,
די באַקן און דעם שטערן
און קוקט זיך אָן: — איז גוט אַזוי?
וועט זי געפעלן ווערן?

זי טוט נאָך אָן אַ פרום געזיכט
און שמייכלט: — דאָס־אַ איז עס.
איר שמייכל איז געהיימניספול
אַזוי ווי מאָנאַ־ליזעס.

2

און די לבנה קאָקעטירט,
נעמט אויס און נעמט זיך איבער.
די וועלט ליגט אונטער אירע פיס,
דערקלערט זיך איר אין ליבע:

דער שטאָלצער באַרג האָט אין סאַלוט
פאַר איר זיך אויסגעצויגן;
דער טאָל מיט ראָסע קוקט פאַרליבט
מיט פינקלדיקע אויגן;

דער וואַלד האָט אָנגעצונדן ליכט,
ער קאָן די נאַכט ניט שלאָפן;
דאָס אויג פון טייך איז אין עקסטאַז
און מיט אַ טרער פאַרלאָפן;

אַ סערענאַדע זינגט דער פראָש,
אַ גיטאַריסט דער גריל איז.
נאָר די לבנה העכער שטייגט
און רייצט זיך בלויז ווי לילית.

3

נאָר שאַ. וואָס בילט דער הונט, ווי ס׳וואָלט
אַ גנב שטיל געשאַרט זיך?
אויף דער לבנה בילט דער הונט
און אויף דער וועלט, וואָס נאַרט זיך:

— האַוו־האַוו! אַראָפּ פון פּעדעסטאַל,
פאַרדעכטיקע נקבה!
אַ מאַסקע איז דיין פרומער חן,
דיין שיין איז לויטער גנבה.

האַוו־האַוו! דיין ביסל ליכט איז פרעמדס,
דו רייצערקע דו וויסטע!
דו האָסט דען פייער, וואָס דו ברענסט?
אַליין אַ קאַלטע ביסטו.

האַוו־האַוו! סענטימענטאַלע וועלט!
לונאַטיקעס, נאַראָנים!
כ׳דערשפּיר דעם שקר און איך ביל
דעם גנב גלייך אין פּנים. —

4

ס׳איז שפּעט. וואָס שלעפּט זיך נאָך אַרום
מיט וואָלקנס די לבנה,
בנעימותדיק און צניעותדיק —
אַ הייליקע מאַדאָנע?

איז דען אַ וווּנדער, וואָס צו איר
אַ וואָלקן אַ מגושם
שטייט צו, ווי צו אַ גאַסנפּרוי,
און נעמט זי דריקן, קושן?

וואָס פּראַוועט זי נאָך פוילע שטיק
און רייסט זיך פון דעם וואָלקן,
בשעת איר פּנים שטראַלט מיט פרייד
פון שעלמישע דערפאָלגן?

און אַז דער ווינט באַפרייט זי שוין,
וואָס לויפט זי ניט די נ אָ נ ע,
נאָר שלעפּט זיך אום די גאַנצע נאַכט
און רוקט זיך אין סכנה?

5

עס דעמפּט זיך אוים די וועלט פון טשאַד,
דער טאָג מאַכט אויף די וויעס.
לבנה, קוק זיך אָן אַצינד
און זע, ווי דו ביסט מיאוס.

דאָס וואַסער ווישט זיך מיט אַ ווינט —
ס׳וויל אָפּמעקן דיין פּאַרצע.
דער וואַלד זיין חלום בטלט אוים
צו אַל־די יאָר די שוואַרצע.

אַ רויט־פֿאַרשעמטער, שטייט דער באַרג —
פֿון נעכטן ניט דערמאָן אים.
דער טאָל פֿאַר לאַנגווייל הערט ניט אויף
דיר גענעצן אין פּנים.

די זינגער דיינע פֿון דעם זומפּ
ווי שטומע פֿיש איצט שווייגן
און שירה זינגען ניט צו דיר
די פֿייגל אויף די צווייגן.

דער לויבגעזאַנג איז צו דער זון,
וואָס מאַכט ניט קונקל־מונקל:
איר חן — נאַטירלעך, היים — איר קוש.
די זון האָט דיך פֿאַרטונקלט.

פּאַסטאָראַל

גאָטס נאָגל — דער מולד ווייזט אָן
די שטערנדלעך ווי צו קאַלופּען;
זיי לעכערן דורך דעם טומאַן,
דער טייך גיט אַ בלאַנק ווי מיט שופּן.

דער פּאַסטעך — דער ווינט טרייבט אַהיים
די וואָליקע וואָלקנס פֿון פּאַשע.
דער טייך אין זיין טעפּל פֿאַרקאָכט
פֿון מולד און שטערן אַ קאַשע.

אַ שיפֿל — אַ קאָכלעפֿל מישט
דאָס מילכיקע מאכל אין טעפּל
און ס׳בלאָזט שוין אויף הייסן דער ווינט,
כאָטש ס׳זעצט נאָך אַ פּאַרע — אַ נעפּל.

שבת

זיכער, אַז אום שבת לאָקערט ניט די קאַץ,
ציקלט זיך דער פויגל — פון דעם סאָד דער ש״ץ.

דאַוונען מיטן חזןביימער ניט געאײַלט,
זיכער, אַז קיין ייִנגל רייסט ניט אויבסט דערווייל.

אויף אַ פולן עמער, ווי אַ כוס אין האַנט,
מאַכט דער אָצאָפּ קידוש ביי דעם ברונעמס ראַנד.

וואַשט די הענט אַ ווערבע און אַ דעמב אין פעלד
מאַכט אויף ווייץ המוציא, נאָר אַ מעסער פעלט .

רוישט ער אומצופרידן: — נו־אָ סכין, נו. —
און אַ בלאַנקן מעסער טראָגט אַ שטראַל אים צו.

עסט דער גאָרטן רעטאַך, און די זאַטע פרעש
שווימען אום אין טשאָלנט פון די סאַזשעלקעס.

עסט דער הימל קוגל — קוגל איז די זון —
בריט עס, און קיין צימעס מאַכט ער ניט דערפון.

כאַפּט ער זיך אַ דרעמל, שושקען ווינטלעך „שאַ",
בלאָזן און פאַרקילן וואָלקנס פון פּעטשאַ.

ניסן

די זון איז פאַרנעפּלט,
דער נעפּל איז זוניק —
אַ זילבערנער טוניק
אויף זונגאָלד פאַרקנעפּלט.

נאָך ניט קיין באַהעמדטע,
אַ גראָז־שירץ דערווייליק
נייט שיטער און איילק
די ערד די פאַרשעמטע.

מיט נאַקעטע ריפּן
דער בוים ווי אַ קמצן
נאָך וויל ניט צעקניפּן
די קניפּלעך מיט קראַנצן.

נאָר ס׳בליִען שוין קוסטן
מיט גאָלדענע קווייטלעך,
באַהענגען די ברוסטן
אַזוי ווי מיט קייטלעך.

און זכר, נקבה,
ווי ערשט פון דער תיבה,
די פייגל באַפּעסטן
די חרובע נעסטן.

דער פרי־פרילינגדיקער בוים

נאָך איידער דער בוים האָט באַקליידט זיך מיט בלעטער,
שוין האָט ער צעבליט זיך, באַצירט זיך באַצייטנס,
גאָר אַנדערש ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן —
אויפריער די קלייד און די צירונג שפּעטער.

שטייט נאַקעט דער בוים אומפאַרשעמט —
די בלומען נאָך מער אים אַנטבלויזן,
אַזוי ווי אַ פרוי אָן אַ העמד,
באַהאַנגען מיט פּערל, פאַרשייטער צו אויסזען.

דער טאָג, פון אַ וואָלקנס צעפינקלטן זוים,
מאַכט שפּאַס פון דעם בוים,
דעם גביר איבער נאַכט, —
ער ווינקט מיטן זון־אויג, וואָס לאַכט,
און טייטלט אויף אים מיט אַ שטראַליקן פינגער.
דער ווינט, דער צעקלינגער,
פאַרטרויט יעדן איינעם אַ סוד צו פאַרשפּרייטן
און גרעזער באַריידן
מיט לאַנגע צינגער.

נאָך אַ רעגן

אַוועק איז דער רעגן,
דער קלאָגער, די נודע.
דערפרייט זיך גאָטס וועלטל
און פראַוועט אַ סעודה.

עס בייטן די וואָלקנס
די העמדער און גאַטקעס.
די זון באַקט פון בלאָטע
רעטשענע לאַטקעס.

דער וואַסערפאַל נידערט
אַראָפ פון דער בינע
און טוט פראָסטע אַרבעט,
שלאָגט פוטער פון פינע.

אָ, לאַטקעס מיט פוטער
איז טאַקע אַ מאַכל! —
עס פאַטשט זיך באַצייטנס
דאָס טייכל אין בייכל.

„האַם-האַם" מאַכט אַ זשאַבע,
בלאָזט אָן אירע באַקן.
אַ שוועלבעלע פיקט שוין —
צי רוי צי געבאַקן.

דעם פלאַטערל אָבער
דער מאכל ווערט נמאס,
ער פליט צו די בלומען
פאַרבייסן מיט צימעס.

גאָלד

אַ פּאָנאַר מיט אַ גאָלדענעם גלימער
רעקלאַמירט אינעם טייך זיין פאַרמעגן,
ווי פאַרמאָגט וואָלט דער גרויסער באַרימער
אַ גרוב גאָלד, וואָס גייט איבער די ברעגן.

און דער טייך אין באַגייסטערטן שפּיגל
זעט דעם גלאַנץ פון אומגלייבלעכן רייכטום
און ער גלייבט, אַז ס'איז גאָלד אין אַ טיגל,
און מיט אים גלייבט דאָס גאַנצענע טייכטום.

כאַפּן גאָלד די פאַרצאַפּלטע כוואַליעס,
און דער לופט־מענטש, דער ווינט מנחם־מענדל
לויפט און פאַלט איבער שטיינער און פאַליעס,
און אַ פישעלע שפּרינגט נאָך אַ רענדל.

לויפן כוואַליעס מיט זייער מאַיאָנטעק
אין די בענק אויף די זיכערע ברעגן,
נאָר מען שטויסט זיי צוריק, ווייל ס'איז קאָנטיק —
זייער גאָלד איז לעם גאָלד ניט געלעגן.

דער וועקער

(פּאַראָדיע)

— וואַרט נאָר, רויט-אַרמייער,
גיב אַ קוש מיר פריער.
לויף ניט, ליבער, נעכטיק איבער,
דו געפעלסט מיר זייער.

— איך וואָלט ניט געלאָפן,
נאָר איך קאָן פאַרשלאָפן
און די לינקע דיסציפּלינקע
וועט מיך נאָך באַשטראָפן.

— דאַרפסט זיך גאָרניט שרעקן,
כ׳וועל אין צייט דיך וועקן,
וועט מען, פּעפער, ס׳רויטע פּעפער
דיר ניט גיבן שמעקן.

— בלייב איך טאַקע גערן,
נאָר כ׳וועל דיך באַשווערן:
זאָלסט מיך וועקן מיט אַ שטעקן,
אַז איך זאָל דערהערן.

ליבט מען זיך אָן זאָרגן,
שלאָפט מען ווי דערוואָרגן.
— היידאַ, חברה, אויף מאַנעוורע! —
וועקט דער פּויק צומאָרגן.

הערט דער יונג קיין שאָרך ניט,
שלאָפט געשמאַק און האָרכט ניט.
און דער וועקער — — כאַטש מיט פלעקער
וועק די מויד, וואָס שנאָרכעט.

באַמערקונג פון מחבר

ביים זאַמלען די פערזן, וואָס איך האָב אין משך פון מיין לעבן געשריבן אין פאַרשיידענע זשאַנערן: — ליריק, מעשיות, קינדער־לידער, משלים און גראָטעסקן, — וועלכע איך האָב בשעתם פאַר־עפנטלעכט אין 9 ביכער, איז פאַר מיר אויפגעשווומען די פראַגע, ווי אַזוי מיין באַשיידן, דאָך פאַרשיידן פאַרמעגן פאַרן לייענער איצטער אויסצושטעלן: — זאָל איך אַלץ מיט אַנאַנדער אַריינגעמען אין איין גראָבן באַנד, אָדער ניט מישן ליריק מיט פאַבל און די אַנדערע פערזן פון „לייכטערן" סאָרט, — כאָטש קינסטלעריש מעג איך פון זיי האַלטן פונקט ווי פון דעם „שווערן" מין, — און אײַנטיילן מיין לעבנס־מי אין צוויי בענדער?

נאָך אַ ישוב־הדעת האָב איך באַשלאָסן אויף צוויי בענדער און אויף אָנצוהייבן פון דעם „לייכטן" זשאַנער, — אפשר מיט דער כוונה צוריק צו געווינען דעם לייענער פון פאָלק, וואָס די מאָדערנע דעקאַדענטישע דיכטונג האָט פאַרלאָרן, און אפשר ווייל איך האַלט זיי טאָקע פאַר ניט ווייניקער ווערטפול.

דער סדר פון די 3 ביכער מיט די גראָטעסקן פון פערטן בוך, וואָס זיינען אַריין אין דעם ערשטן באַנד, האָב איך בכיוון אויסגע־שטעלט ניט כראָנאָלאָגיש, כדי ניט צו פאַרמאָטערן דעם לייענער מיט צופיל שפרינגענדיקע איבערגאַנגען.

און דאָס, וואָס געפינט זיך אונטער די טיטלען פון די ביכער, איז ניט פינקטלעך דאָס זעלבע, וואָס אין די ערשטע אויסגאַבעס: — איניקע זאַכן האָב איך איבערגעאַרבעט, אַנדערע — פאַרבראַקירט, אויך שפּאָגל־נייע צוגעשריבן, און פון איין בוך אַראָפּגענומען און צו אַ צווייטן צוגעגעבן — לויט דער טעמאַטישער געהעריקייט.

אין צווייטן באַנד, אַז מירן לעבן און געזונט זיין, וועל איך זאַמלען מיינע לירישע פערזן.

אינהאַלט

נחם תיבה:

פאַרן כבוד פון דער פאַבל 7
משלים 11
אין דער תיבה — פאָרוואָרט 12
מעשהלעך וועגן חיות 103
אלף־בית 111

פון דור צו דור:

נחום איש גם־זו 119
שלמה המלך און דער אשמדאי 141
אַ מעשה מיט צוויי יורשים 165
ווען די אָבות זיינען געווען קינדער 167
ווען די אמהות זיינען געווען קינדער 179
משה רבינו 191

דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל 203

גראָטעסקן 237

באַמערקונג פון מחבר 253

בהוצאת י. ל. פרץ הופיעו:

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאָ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווײַ און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
אַ. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפער	ר' זלמן
א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפאַלקעס	ערשטע יאָרן

י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער (עסייען)
ד״ר ח. שאַשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה וויסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראַנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די
	יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)
א. סוצקעווער	אָאַזיס (לידער)
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט (לידער)
ל. אליצקי	מיין האַרץ־רייזע (לידער)
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־טן געבוירנטאָג
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר (לידער)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 1)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 2)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ש. פּאָליאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
ב. עפשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
יוסף גאַר	ווידערקלאַנגען
ספר בארשטשיוו	יזכור־בוך
מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
ד״ר חיים שאַשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר הירדן
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
יחיאל האפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט — אַלבאָם

ב ע ב ר י ת:

יוסף רוזן	**כתבים נבחרים**
אפרים שרייער	**אמנות ותיאטרון**
י. לשצינסקי	**הדמות הלאומית של יהדות הגולה**
יעקב פאַט	**שיחות עם סופרים יהודיים**
מ. ברלנד	**300 שעות בגיטו הדועך**
יהושע גלבוע	**על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות**
נ. חנין	**ברלה**
י. זרבבל	**עלי חיים**
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	**בין סיני לאולימפוס**
מ. בורשטין	**פת ומלח**
ד. קביאטקובסקי־פנחסיק	**נשים מאחורי הגדר**
נחמיה לוינסקי	**בצל הגזעים**
ד. פלקסר	**האידיאה והאמת**
מול האויב הנאצי	**זכרונות ועדויות (עברית־יידיש)**